STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03700

DRAMATISHE SHRIFTN

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

This book once owned by a South African
reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight
the flame of Jewish life and learning.

שלום אש

געזאמלטע שריפטן

זיבצנטער באנד

פארלאג / „קולטור־ליגע“ / ווארשע

שלום אַש

דראַמאַטישע שריפֿטן

באַנד III

פֿאַרלאַג / „קולטור-ליגע“ / וואַרשע

שלום אַש

גאָט פון נקמה

א דראמע אין 3 אקטן

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע

איבערדרוקען, איבערזעצען און
אויפפיהרען אהן דער ערלויבניס
פון מחבר איז פארוועהרט.

Copyright by Sholem Asch
1922

THE ZIONIST HALL LIBRARY OF
CAPE TOWN
IN MEMORY OF THE LATE
ISRAEL JACOBSON OF MAITLAND.

פּערזאָנען:

ישׂכל טשאַפּטשאָוויטש, דער „פּעטער"	אַ בעל-הבית פון אַ פרעהליך „הייזעל".
שׂרה	זיין ווייב (אַ געוועזענע קאקאטע).
רבקה'לע	זייער טאָכטער, אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר 17.
הינדעל	1-טע מיידעל פון „הייזעל" אַ פער-עלטערטע פון עטליכע און דרייסיג יאָהר).
מאַנקע	2-טע מיידעל, נאָך גענוג יונג.
רייזעל	3-טע מיידעל.
באַשאַ	אַ פּראָווינציאַל מיידעל, ערשט אַנ'אָנגעקומענע.
שלמה	אַ אַלפאַנס. הינדעלס געקויפטער חתן, אַ שענער יונג, 26 יאָהר.
ר' אלי	[illegible]שדכן, אַ שדכן פון דעם „פּעטער".
ר' יעקב	אַ פרומער יוד, אַ סופר.
אַ פרעמדער יוד	אַ מחותן.
אַ יודענע	בלינד אויף איין אויג (פון די אָרימע לייט).

צייט: געגענוואַרט.

אָרט: אין אַ גרעסערע פּראָווינציאַלע שטאָדט.

סצענע.

(ביים „פעטער" אין פריוואט-וואָהנונג. ערשטער שטאָק פון א אַלטער הילצערנער געביידע. דאָס צימער געפינט זיך איבער דעם קעלער, אין וועלכען עס איז דאָס „הייזעל". צום וואָהנונג פיהרט ארויף א הילצער-נע טרעפּ פון דרויסען, וועלכע לאָזט זיך הערען אין דער שטוב, בשעת מען געהט אויף זיי. די וואָהנונג בעשטעהט פון איין גרויסע שטוב מיט א נידריגען באַלקען. דאָס מעבעל נייעס, וואַרשאָווער ביליגער סטיל, וועלכעס האַרמאָנירט נישט מיט דער אַלטער געביידע פון דער שטוב. די ווענד זיינען בעהאנגען מיט בילדער, אויסגענעהט אויף קאַנווע, ביבלישע סצענעס: „אדם וחוה ביים עץ הדעת" א. ז. וו. מיידעלשע אַרבייט. געגענאיבער דער סצענע—די טהיר, וואָס פיהרט פון דרויסען אריין. רעכטס א צווייטע טהיר, פיהרט אין רבקה'לעס שטוב אריין. פון ביידע זייטען טהיר—רעכטס צווי בעטען ביי דער וואַנט, הויך אויפגעבעט מיט בעטגעוואַנט. ליבקס צווי [illegible] נידריגע, מיט לאַדען כון אינווייניג צו צומאַכען, בעהאַנגען [illegible] האַנגליך, בעשטעלט מיט בלומען-טעפּ; צווישען די פענסטער [illegible]-שענקעל. הינטער איין פענסטער א קאַמאָד. אין שטוב [illegible]-ינגט מען אויפצורוימען; ס'זעהט זיך אוים: מען גרייט זיך צו אויף געסט... אָנגעשטעלט מיט איבריגע טישען און בענק, בעשטעלט מיט קאַרבס געבעקס און אַנדערע עסען-וואַרג. א יונגער פריהלינגס-טאָג. נאָך מיטאָג.

(שרה, רבקה׳לע, שפעטער דער [illegible])

שרה

א הויכע און א שלאנק שטעלע. דאס פנים שוין רעכט פארדארבען, נאר נאך גענוג שפורען פון איהר געוועזענער שענהייט, וועלכע האט נאך היינט אין זיך א געוויסען טאן פון פרעכהייט. א שייטעל אויף איהרע קאקעטע לאקען; די לאקען גנב׳ענען זיך פון צייט צו צייט פון איהר שייטעל ארויס. אנגעטהאן אין שוין ערנסט מוטערליכער קליידונג, וועלכעס איז נאך דא און דארט קאקעט בעפוצט מיט פיעל צירונג. אין איהרע בעוועגונגען קען זי זיך נאך נישט גאנץ בעפרייען פון דער וועלט, פון וועלכער זי איז ארויסגעגאנגען... שטעהט מיט

רבקה׳לע

יוגענד יונג מיידיל, זעהר נעט געקליידעט, בעל הבתיש, נאך אין א קורץ קליידעל, צוויי לאנגע צעפ האר, און פערפערטיגען אויסצופוצען דאס צימער.

רבקה׳לע

(שטעקט אריין פאפירענע בלומען אין די גארדינען).

אט אזוי, מאמעשי, יעצט דאס שפיגעלע בעפוצען, זעה, מאמעשי, וועט שען זיין!

שרה

(איז פערנומען ביים טיש אנגרייטען).

פלינקער, טאכטערשי, פלינקער, דער טאטע איז שוין געגאנגען, בעלי-בתים בעטען דאס ספר-תורה אהיים ברענגען.

רבקה׳לע

וועט שען זיין, מענשען וועלען קומען ... מען וועט שפּילען, מען וועט זינגען ... יאָ, מאַמעשי?

שרה.

יאָ, טאָכטער-לעבען, עס איז אַ חנוך, עס איז אַ גרויסע מצוה ... נישט אַלע קענען זיך ספר-תורות שרייבען. אַ בעל-הבית, אַ אָנגע-וועהענער מענש ...

רבקה׳לע.

און מיידלעך וועלען אויך קומען? מען וועט טאַנצען? ס׳וואָהר, מאַמעשי? (שטעלט זיך אָב) איך מוז דאָך מיר אַ בלויקע קויפען, מאַמעשי, און אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפּעל קויפען. (ווייזט איהרע קאַמאַשען) אין קאַמאַשען קען מען דאָך נישט טאַנצען?

שרה.

אַז דו וועסט אַ כלה ווערען, אם ירצה השם, חל המועד פסח, וועל איך דיר אַ לאַנג קלייד מאַכען, פּאַנטאָפּעל קויפען, ס׳וועלען מיידלעך קומען, פיינע מיידלעך, בעל-הבתישע טעכטער, דו וועסט דיך חבר׳ן מיט זיי.

רבקה׳לע

(עקשנט זיך).

שטענדיג לייגסט דו אָב אויף פּסח. איך בין שוין היינט גרויס. (שטעלט זיך אין שפּיגעל אריין) זעה, מאַמעשי, איך בין שוין גרויס. (ווייזט די האָר) אַזעלכע לאַנגע צעפּ האָר האָב איך שוין. מאַנקע זאָגט, אַז ... (כאַפּט זיך צוריק) און מאַנקע וועט אויך זיין, ס׳וואָהר, מאַמעשי?

שרה.

ניין, טאַכטער לעבען. בעל-הבת׳ישע קינדער, אָר׳נטליכע מיידלעך... דו ביזט אַ בעל-הבת׳יש קינד, אַ אָר׳נטליך קינד.

רבקהל׳ע.

פאַר וואָס נישט, מאַמע לעבען? האָט מיר מאַנקע אַ מגן-דוד אויפגעריסעוועט אויפ׳ן ספר-תורה-קליידעל... איך נעה איהם איצט מיט זיידענע ווּלישקע אויס, מיט בלעטער בעפוצט, מיט בלומען בעפוצט, וועסט זעהן, ווי שען, מאַמעשי. (ווייזט אויף די בילדער פון וואַנד) הונדערט מאָל שענער פאַר די...

שרה

(ערשראָקען).

ווּעה איז מיר, פערצעהל נישט דעם טאַטען. ער וועט שרייען, ער וועט זיך בייזערן.

רבקה׳לע

פאַרוואָס, מאַמעשי? עס איז דאָך פאַר׳ן ספר-תורה׳ס וועגען?

שרה.

דער טאַטע וועט זיך בייזערן. (עס הערען זיך טריט) שווייג, רבקה׳לע, דער טאַטע געהט.

דער „פעטער"

(נאָך אויף די טרעפ).

וואָס, בעטען וועל איך מיך ביי זיי... האָב איך טאַקע אַ גע-

שעפט! (קומט אריין. א הויכער, שטארקער יונג פון א יאהר 40, א דיק בייכעל מיט א שווארץ בעוואקסען געזיכט. א שווארץ רונד געשוירען בערדעל. רעדט הויך, גראב, מאכענדיג דערביי מאוס'ע בעוועגונגען מיט די הענד, אנגרייפענדיג דעם צוויי'טען, וואס ער רעדט צו איהם, ביי דער קלאפע. דאך ליגט אויסגעגאסען אויף זיין געזיכט און אין זיין גאנצער פערזאן אן'אפענהארציגקייט). וועלען זיי נישט קומען, דארף מען נישט... האב איך ארעמע-לייט צוזאמענגענומען... האב איך נישט קיין מורא, עס וועלען זיך געפינען בעלנים אויף די לעקעכער מיט די גענז. (דערזעהט רבקה'לען, זעצט זיך) קום נאר אהער צום טאטען,

שרה

(כייז, אבער בעמיהט זיך נישט דערפון בעמערקען צו געבען. סערווירט דעם טיש).

זיי וועלען זיך, מיינסט דו, דעם יחוס מיט דיר איינרייכטען? אז זיי דארפען א הונדערטער צו בארגען... א נדבה צו נעהמען שעמען זיי זיך גאר נישט מיט דיר... דער גוי איז טרפה, אבער זיין גראשען איז כשר...

דער „פעטער".

ווי זי האט דאך מורא, א זארג אנגעקריגען! האב נישט קיין מורא, עס וועט דיר גארנישט קאליע ווערען... (רופט רבקה'לען) נו, קום נאר אהער צום טאטען.

רבקה'לע

(געהט צו צום פאטער זעהר נישט גערן, האט מורא).

וואס וויל דער טאטעשי

דער „פעטער".

האב נישט קיין מורא, רבקה'לע, …ד וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון. (נעהמט זי אן ביי דער האנד) 'האסט ליעב דעם טאטען, יא?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ).

דער „פּעטער".

און פאַרוואָס האָסטו מורא פאַר׳ן טאַטען?

רבקה׳לע.

איך ווייס נישט.

דער „פּעטער".

האָב נישט קיין מורא פאַר׳ן טאַטען, דער טאַטע האָט דיך ליעב, זעהר ליעב. איך לאָז היינט אַ ספר-תורה שרייבען, עס קאָסט אַ סך געלד. פאַר דיר, מיין קינד, פאַר דיר.

רבקה׳לע

(שווייגט. פּויזע).

דער „פּעטער".

און אַז גאָט וועט העלפען און דו וועסט אַ כלה ווערען, וועל איך קויפען דיין חתן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט — אַ האַלב פונט גאָלד זאָל ער וועגען... דער טאַטע האָט דיך זעהר ליעב.

רבקה׳לע

(שווייגט, לאָזט אראָב דעם קאָפּ, שעמענדיג זיך. פּויזע).

דער „פעטער".

דו שעם דיך נישט, אַ כלה מעג מען ווערען, גאָט האָט גע-הייסען. (פויזע) דאָס איז גאָר נישט ... אַלע מענשען ווערען חתן-כלות.

רבקה'לע

(שווייגט. פויזע).

דער „פעטער".

נו, האָסט דו ליעב דעם טאַטען דייבעם?

רבקה'לע

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שטיל).

יאָ

דער „פעטער".

נו, וואָס ווילסטו זאָל איך דיר קויפען? זאָג, רבקה'לע. (רבקה'לע ענטפערט נישט) נו, זאָג, האָב נישט קיין מורא, דער טאַטע האָט דיך ליעב. נו, זאָג, וואָס זאָל איך דיר קויפען?

רבקה'לע

(שווייגט).

שרה

(איז פערנומען ביים טיש; צו רבקה'לען).

נו, פאר וואָס ענטפערסט דו נישט אז דער טאַטע רעדט צו דיר?

רבקה׳לע.

איך ווייס נישט...

שרה

(צום „פעטער״).

אַ יידענע בלוזקע וויל זי מיט אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפּעל.

דער „פעטער.

דו ווילסט אַ יידענע בלוזקע מיט אַ פּאָר ווייסע פּאַנטאָפּעל?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ).

דער „פעטער״.

דאָס קומט דיר. (נעהמט אַרויס פון די געלד-קלינגענדע קעשענע אַ גאָלד-שטיק און גיט איהר) יאָ, גיעב דאָס דער מאַמעשי, לאָז זי דיר קויפען. (רבקה׳לע נעהמט צו דאָס געלד, טראָגט עס צו צו דער מוטער. עס הערט זיך אַ גע-רודער אויף די טרעפּ פון די אַרויפקומענדע אָרעמע לייט).

דער „פעטער״

(צו שרה׳ן).

זעהסט, דו האָסט געזאָגט, (עפענט אויף די טהיר) אַז דו וועסט קיין געסט נישט האָבען. (רופט) נו, קומט אַריין, קומט אַריין. (עס קומען אַריין אַ חאַליאַסטרע אָרעמע לייט, מענער און פרויען, צום ערשט איינציגווייז, ווי זיי וואָלטען זיך אַריינגעגנב׳עט אין שטוב, דערנאָך מעהר, פיהרען זיך אויף אַרויסרופענדיג, טייל רופען איראָניש צום „פעטער״): גוט מאָרגען אייך, בעל מחנך! (ווענדען זיך צו שרה׳ן) אַ גוטען טאָג, בעל-הבית׳טעשי

שרה

(טהוט זיך אָן אַ שערץ, לייגט אַריין אין איהם חלות, זעמעל, לעקעך און אַנדערע עסענוואַרג. טהיילט אַרום צווישען די אָרימע לייט).

איינער פון די אָרימע לייט.

לאַנג לעבען זאָלט איהר, בעל-הבית'טעשי איהר זאָלט זוכה זיין מעהר שמחות צו מאַכען.

אַ יודענע.

דאָס ספר-תורה זאָל אייך הצלחה און אַ ברכה איין אייער הויז אַריין...

דער „פעטער"

(וואַרפט די אָרימע לייט שטיקער חלה נאָך שרה'ן).

צו גאַנצע פונטען לעקעך זאָלסט דו זיי געבען און צו פלעשלעך בראָנפען מיט אַ היים. זאָלען זיי וויסען, אַז היינט איז ביי מיר אַ שמחה... נישט-קשה, איך קען בעשטעהן אויף דעם.

אַ יודענע, בלינד אויף איין אויג

(ריהמט פאַר די אָרימע לייט דעם „פעטער" מיט שרה'ן).

דאָ איז שוין איינס אַ הויז, זאָל איך שוין אַזאַ יאָהר האָבען, געהט שוין קיינער פון דאַנען מיט טרוקענע הענד נישט אַרויס. אַ לע-פעל יויך פאַר אַ קראַנקען, אַ העמד פאַר אַן אָרעמאַן. וואָס דען, דאָרט אין די הויכע פענסטער וועט איהר קריגען?...

(שרה, ווי זי וואָלט נישט בעמערקט דער יודענעס רייד, וואַרפט אַריין אין איהר שערץ אַ פאַר חלקים מעהר. די יודענע האַלט אויף דאָס פאַרטעך איהרס און רעדט ווייטער).

דאָ אַז מען מאַכט אַ שטיקעל שמחה... קען מען זיין, ווער מען וויל... קען מען האַנדלען, מיט וואָס מען וויל...

אנדערע אָרימע לייט

(צווישען זיך).

אזא יאָהר שוין אויף אונז, אזא יאָהר שוין אויף אונז...

דער „פעטער"

(נעהמט ארויס א פולע האנד מיט קליינגעלד און גיט עס איבער אין רבקה׳לעס שערץ).

נו, צוטייל די אָרימע לייט.

(רבקה׳לע טיילט ארום די אָרימע לייט קליינגעלד)

די יודענע, בלינד אויף איין אויג

(מיט מעהר קוראזש ווייזט אויף רבקה׳לען).

און ווייזט מיר אין דער גאַנצער שטאָדט נאָך אזא אָר׳נטליך מיידעל... (צו די אנדערע ווייבער) רבנים האָבען דאָך נישט אזעלכע קינדער. (וואָס שטילער, ראַך, אז דער „פעטער" און שרה זאָלען הערען) און גאָט ווייסט, פון וואַנען עס נעהמט זיך צו זיי אזא כשר קינד... דאַכט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אזא הויז, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד... (הויך) און דאָס איז אָבגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ... אָבגעוואויגען און אָבגעמאָסטען איז יעדער טריט איהרער, אַ ליעבע לוסט צו קוקען דערויף. (געהט צו צום „פעטער", מאַכט צו איהם) נישט קשה, עס לאָזט זיך הערען! (ווייזט אויף רבקה׳לען) איך וואָלט אַ זון אַ רב געהאַט, וואָלט איך זי איהם פאַר אַ כלה געגעבען.

די אַנדערע ווייבער

(צווישען זיך).

עס לאָזט זיך הערען... עס לאָזט זיך הערען...

דער „פעטער".

וועט איהר זעהן. יעצט איך וועל דאָס מיט מזל אונטער די חופה

שוהרען! גאַנצע געגז זאָלט איהר קריגען, גאַנצע העכט לעבעדיגע און מיט רובלען קלינגען, איז מיין נאָמען נישט יעקל טשאַפּטשאָוויטש, אויב איך זאָג ליגען.

די יודענע, בלינד אויף איין אויג.

אַז איך זאָג אייך, ווי אין שוהל, להבדיל, דאָס וואָלט זיך אויפגעהאָוועט ... ציכטיג ... שען ... אָרנטליכער פאַר אַלע בעל-הבתישע מעכטער ...

די אַנדערע ווייבער.

עס לאָזט זיך הערען ... עס לאָזט זיך הערען ...

דער „פעטער"

(טרומטיילענדיג די גלעזלעך בראָנפען אָרימע לייט, לאָזט פאַלען א וואָרט, ווי נישט בעמערקענדיג)

כ'ווייטש איהר פאָטער איז יעקל טשאַפּטשאָוויטש ...

שרה

(טיילענדיג).

נו, נו, פאַר וועמען ער האָט זיך דאָ צו ריהמען!

דער „פעטער"

(נישט איינהאַלטענדיג זיך. זאָגענדיג, גיסט ער אָן די גלעזלעך בראָנפען מיט אימפעט).

מיר איז נישט קיין אונטערשיעד איז מיר, צי אָרים אָדער רייך, אַלע זאָלען עס וויסען ... די גאַנצע שטאָדט זאָל עס וויסען ... וואָס איך בין — בין איך, (ווייזט אויפ'ן ווייב) וואָס זי איז — איז זי ... אַלץ איז וואַהר אַלץ ... נאָר אויף מיין קינד זאָלען זיי קיין וואָרט

נישט לאָזען פאַלען... אַז נישט, וועל איך זיי, אָט, מיט דער פלאַש די קעפּ שפּאַלטען... מעג עס זיין דער סאַמע רב אפילו, איז מיר נישט קיין חלוק... כשר'ער פאַר זיין טאָכטער. (ווייזט אויפ'ן האלו) דאָ מעגט עטץ מיר אַריינשניידען.

שרה

(הערט אויף צו טיילען)

נו, מען האָט שוין געהערט... שוין געהערט... (קלאַפּט זיך אָב די הענד און זוכט דעם בעזעם אין ווינקעל שטוב) מען דאַרף די שטוב צורוימען פאַר בעל-חיים'ס וועגען. (ווענדעט זיך צו די אָרימע לייט) דאַכט זיך קיין עולה נישט געהאַט?

די אָרימע לייט.

ניין, בעל-הבית'טעשי, אַ גדולה און אַ נחת אויף אייער קאָפּ...
(פערלאָזען די שטוב איינציגווייז, אָנווינשענדיג גוטע ברכות. דער „פעטער" וואַרפט זיי צו עפּענוואַרג הינטער דעם [illegible]ב'ס אויגען. די לעצטע זאָגט צו רבקה'לען, אַז די אָרימע לייט זאָלען נאָך הערען). געה, רבקה'לע, דאָס קליידעל פאַר'ן ספר-תורה פאַרטיג צו מאַכען, ר' אלי וועט דאָך באַלד קומען, דער סופר וועט באַלד קומען. (רבקה'לע געהט אָב אין איהר צימער לינקס).

דער „פעטער". שרה.

שרה

(בלייבענדיג אַליין מיט'ן „פעטער", קעהרט אוים די שטוב).

פאַר וועמען ער האָט זיך דאָ געהאַט צו ריהמען, אַ קליינ־קייט, זאָג איך דיר... און אַזוי, מיינסט דו, וואָלטען זיי נישט גע־קומען צו דיר? מאַך יעדען טאָג אַ שמחה, וועסט דו זיי יעדען טאָג האָבען... אין אָרנטליכע הייזער ווייסט מען דאָס ווי צו האַלטען זיך, אַז עס זאָל דרך-ארץ האָבען פאַר אַ מענשען. וואָס דען, אַזוי, ווי

יו, באַלד „פאַן-בראַט" ווערען... וואָס איז עס פאַר אַ בעל-הבית, אָג איך, נאָ?

דער „פעטער".

בעל-הבתים, ווילסט דו, זאָלסט קומען צו דיר? דו האָסט אַ פנים, פערגעסען, ווער דו ביסט?

שרה.

„ווער דו ביסט"? וואָס, דו האָסט ווער בעגנב'עט? דו האָסט אַ געשעפט. יעדער האָט זיך זיין געשעפט, דו ווייסט דאָך קיינעם נישט!... דו מעגסט האַנדלען, מיט וואָס דו ווילסט, אַז דו אַליין טהוסט נאָר נישט קיין שלעכטס... כרוב זיי נאָר געלד צו געבען — וועסט דו זעהן, וויפיעל זיי וועלען נעהמען פון דיר.

דער „פעטער".

נעהמען וועלען זיי ביי דיר, אָבער דו וועסט ביי זיי ווי דער הונד אויסזעהן... אין בית-המדרש ביי דער טהיר שטעה... קיינמאָל דיר קיין עליה נישט געבען...

שרה

דו מיינסט טאַקע, אַז זיי זענען בעסער פאַר דיר, אַז דו דאַרפסט נאָר נישט זייער לאָסקע... היינט איז אַזאַ וועלט: האָסט דו געלד, קומט אַריין צו דיר אַזאַ אָרנטליכער יוד, ווי ר' אלי, אַ חסיד, און נעהמט פון דיר אַ שענע נדבה. ער פרעגט זיך נישט פון וואַנען דו האָסט, גנב'ע, גזל, אַבי דו האָסט, אָט — שטאָ!...

דער „פעטער".

דו קריך נישט צו הויך, שרה, — דו הערסט? — נישט צו הויך... אז נישט, העכט דו מיט איינמאָל דעם קאַרק ברעכען, (גראָזשעט מיט'

(פינגער) און שטופּ דיך נישט... שטופּ דיך נישט, זאָג איך דיר, דו האָסט אַ שטוב — ליעג, דו האָסט ברויט — עס. נאָר קריך נישט וואָרט, וואו מען בעט דיך נישט... יעדער הונד מוז קענען זיין גאָרץ... (גערט אוועק פון טיש. אַ מאַך מיט'ן האַנד) עס טהוט מיר שוין באַנג די גאַנצע מעשה... איך האָב מורא, דאָ וועט קומען די מפּלה...

שרה

(הערט אויף צו נעהן, ליינט אַרונטער די הענד אונטער די באַקעס אויף דער הויך).

מאַנספּערשוין! שמעון זאָלסט דו דיך! איך בין אַ נקבה און קען מיר זאָגען: דאָס, וואָס איז געווען, איז נישט דאָ, פּיס-ס-ס... אַוועקגעפלויגען... עס איז זיך נישט דאָ פאַר וועמען צו שעמען. די גאַנצע וועלט איז נישט בעסער... מיט די אויגען אין דער ערד וואָלט מען בעדאַרפט אַרומגעהן (דערנעהנט זיך צו איהם) און ווידער אַרום, ווען האָבען געלד — פּאַקסט דו איין דאָס „קרעמעל", און קיין האָהן קרעהט נישט... ווער דאַרפט צו וויסען, ווער דו ביזט געווען...

דער „פּעטעו

(נאָכדענקענדיג).

דאָס וואָלט שוין געווען צום בעסטען... (פויזע) אַ ייטאַל פערד זיך איינקויפען, פיהרען קיין אויסלאַנד, ווי אייזיקעל פורמאַן... ווערען אַ מענש... נישט מען זאָל דיר אין די אויגען קוקען ווי אַ גנב...

שרה

(נאָכדענקענדיג).

אַ שאָד אָבער דאָס געשעפט... אין פערד ווערסט דו אַזאַ כשר'ן בראָשען נישט פערדינען... דאָ זעהט מען דאָך כאָטש דעם רובל אויף דיער האַנד.

דער „פּעטער".

דאָס איז שוין וואָהר.

שרה

(געהט אָב אין דער צווייטער שטוב, ברענגט אַריין אַ שטאָס טעלער
שטעלט זיי אַרום דעם טיש).

און זעהסט דו, האָבען מיר אַ טאָכטער, גאָט צו דאַנקען ליי־טישער, ווי אַלע בעל־הבתּישע קינדער אין דער שטאָדט, ווער חתונה האָבען, נעמען אַ אָר׳נטליכען מענש פאַר אַ מאַן, האָבען אָר׳נטליכע קינדער... זעהסט דו, און וואָס איז דער מעהר?

דער „פעטער"

(הייבט זיך אויף צו שרה׳ן).

יאָ, אַז דו ווייסט איהר פיהרערין זיין! (בייז) געה, לאָז אַרויף צו איהר מאַנקען פון אונטען... האַלט זי דיר דאָ אין שטוב.

שרה

גיט נאָר אַ קוק, וויפיעל דאָס ברויעט אַרום! איך האָב אַמאָל מאַנקען אַרויפגענומען, אַז זי זאָל רבקה׳לען אויסלערנען אויף קאַנווע העפטען. עס איז דאָך אַ מיידעל, מען דאַרף אויך אַ וויפראַווע קלעה־דען... זי האָט זיך דען, מיט וועמען צו חבר׳ן? דו לאָזט זי דאך נישט אויף דער גאַס אַרויס... (פויזע) ווילסט נישט — איז נישט.

דער „פעטער"

ניין, איך וויל נישט, — דו הערסט? — ניין, איך וויל נישט, אַז מיין שטוב זאָל זיך מישען מיט אונטען (ווייזט אויפ׳ן קעלער) אָבגע־שיידט זאָל מיין שטוב זיין! דו הערסט, ווי כשר׳ס פון טרפה׳ס אָב־געשיידט! אונטען (ווייזט אויפ׳ן קעלער) איז אַ „הייזעל" און דאָ וואוינט אַ כשר כלה־מיידעל — דו הערסט? (קלאַפּט אין טיש מיט פויסטען) אַ כשר כלה־מיידעל וואוינט דאָ! אָבגעשיידט זאָל עס זיין!..

(עס הערען זיך טריט אויפשטייגען אויף די טרעפּ).

שרה

אין נישט, איז נישט, נור שרייַ נישט. (האָרכט זיך איין) שאַ. מענשען געהען, ר׳ אלי געהט. (זי שטופּט אַרונטער די לאָקען פון איהרע האָר הינטער׳ן שייטעל. וואַרפט אַראָב פון זיך דעם שערץ. דער „פּעטער״ מאַכט זיך גלייך די באָרד, דעם ראָק שטעלען זיך ביי דער טהיר, אָבוואַרטען די געסט... די טהיר עפענט זיך ברייט, עס קומען אַריין שלמה מיט הינדלען).

שלמה. הינדעל.

(אַ הויכער שטאַרקער יונג פון אַ יאָהר עטליכע צוואַנציג, אין לאַנגע שטיוועל מיט אַ קורץ רעקעל, לאַבוסעוואַטע בעוועגונגען, ווינקט מיט די אויגען ביים ריידען גבה׳דיג; הינדעל, — אַ פערעלטערט מיידעל, טראָגט קליידער, וועלכע פּאַסען שוין ניט לויט איהרע יאָהרען, אָבגעשוואונקט דאָס פּנים. געהען ביידע דרייסט, הייזיש).

דער „פּעטער״

(צו שרה׳ן).

קוק מיר אָן מיינע געסט... (צו שלמה׳ן) דאָ האָב איך קיין שום געשעפטען נישט, אונטען, אַלץ אונטען... (וויזט אויפ׳ן קעלער) איך וועל אַראָבקומען.

שלמה.

וואָס יאָגסט דו דיך אַזוי, וואָס? דו שעמסט דיך שוין מיט אונז?

דער „פּעטער״.

הכלל, וואָס וועט עס׳ץ זאָגען גוטס?

שלמה.

מאַכסט דאָך היינט אַ שטיקעל שמחה, זענען מיר דיר געקומען מזל-טוב זאָגען... אַלטע בעקאַנטע... וואָס, ביין?

שרה..

קוקט'ס מיר אָן מיינע בעקאַנטע?

דער „פעטער".

אַלץ געווען אַמאָל, פון היינטמאָל אָן — אויס... דו וועסט האָבען אַ געשעפט — יאָ, נור אַלץ אונטען, (ווייזט איהם אויפ'ן קעלער) דאָ — קען איך דיך נישט, דו מיך נישט פון היינטמאָל אָן. — אַ טרונק בראָנפען קענסט דו נאָך קריגען. (גיסט זיי ביידע אָן צו גלעזלעך בראָנפען) אָבער מאַכט'ס פלינקער, עס קען נאָך אַ מענש אָנקומען צו גערן.

שלמה

(נעהמט דאָס גלעזעל בראָנפ'ן אין האַנד אריין, זאָגט צו הינדלען שעלמיש).

זעהסט, חתונה האָבען איז אַ וואוילע זאַך, ווערט מען טאַקע אַ מענש מיט לייטען גלייך, לאָזט מען ספרי-תורות שרייבען, נישט אַזוי ווי דו, אַלפאָנסען, מיידען-יונגען. (צום „פעטער") זעהסט, האָב איך מיך טאַקע פערקוקט אין דיר און בין היינט אַ חתן געוואָרען מיט די חיה'-טע — אָט, (ווייזט אויף הינדלען) אָט, וועט אפשר נישט זיין אַ שענע בעל-הבית'טע? וועסט זעהן, זי וועט זיך אָנטהון אַ שייטעל, וועט זי אויסזעהען ווי אַ גאַנצע רביצ'ן, זאָלסט אַזוי לעבען מיט מיר.

דער „פעטער".

זאָל מיר ווערען גוטע בשורות אָנגעזאָגט.... אַזוי, חתן-כלה גע-וואָרען? און ווען איז די חתונה מיט מזל?

שרה.

גיעב נאָר אַ קוק, מיט וועם ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויס-טענה'ן! עס שטעהט איהם טאַקע אָן; מיט אויסוואורפען, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד, דער דיין, דער סופר קען נאָך אָנקומען צו געהן.

שלמה.

ווען די חתונה איז, פרעגסט דו? ווען האָט אַ „נאַש בראַט" חתונה? עס וועלען זיין אַ פּאָר נקבות, וועט מען אַ חופּה שטעלען און אַ „הייזעל" זיך פּערלייגען, וואָס דען, קען אַ „נאַש בראַט" ווערען? קיין רב שוין נישט, נאָר עס מוז עפּעס זיין עקסטראַ, פיין, פּייער און פלאַם, (ווינקט צו איהם) אַז נישט — לוינט נישט...

דער „פּעטער".

און וואָס ווילסט דו פון מיר, זאָלסט מיר לעבען?..

שלמה.

וואָס איך וויל פון דיר? אַ קליינינקייט נאָר. (וויזט אויף הינדלען) עס איז דיין נקבה, יאָ? און דאָס איז מיין כלה. זי האָט צו דיר אַ פּרעטענזיע. (נעהמט פון הינדלען איהר לוין-ביכעל) און פון היינטמאָל אָן וועסט דו האָבען מיט מיר צו טהון, היינט וויל איך נאָר אַ קליינינקייט. צעהן רובל אויפ'ן ביכעל. (קלאַפּט מיט דער האַנד אויפ'ן ביכעל) עס איז גוט געלד, גוט געלד. (מאַכט מיט די אויגען אויף הינדלען) זי וויל זיך דאָרט אַ קאַפּעלוש קויפען.

דער „פּעטער".

אַלץ אונטען, אַלץ אונטען. איך וועל אַראָבקומען," וועט מען אַלע געשעפטען אָבמאַכען. דאָ קען איך דיך גאָר נישט. דאָ האָב איך מיט דיר קיין שום געשעפטען נישט.

שלמה

ביי מיר איז אַלץ איינס — אונטען אָדער אויבען, אונטען וואוינט נישט קיין פרעמדער, אויבען וואוינט נישט קיין פרעמדער, „ווסיאָ ראַוונאָ", איין טייוועל.

דער „פעטער".

(בייז שוין).

קלויב דיר די ביינער צוזאַמען, מאַך פלאַץ, דו הייּרסט? — אַ מע-ש דאַרף אַנקומען

שרה.

אַ בייזע נאַכט זייף זייער קאָפּ, אויף זייער הענד און פיס, אַרויפגעקומען אונז די שמחה פערשטערען... (קוקט אויף הינדלען מיט אַבשוי) עס לויגט טאַקע איבער אַזאַ פעדערינשלאַצערײַ עגמת נפש צו האָבען.

הינדעל

(צו שרה'ן).

איך געפעל איהן נישט פאַר אַ נקבה, קענען זי זיך אַליין אַראָבשטעלען.

שלמה

(מאַכט צו הינדלען).

זאָג איהר, אַז די טאָכטער קען זי אַראָבשיקען. (צו שרה'ן) ה'לט-בען, זיי וועלען גאַנץ גוטע געשעפטען מאַכען.

דער „פעטער"

(געהט צו צו שלמה'ן).

מיך זידעל, דו הערסט? — (ווייזט אויף דער ווייב) זי זידעל, מיר זענען „פאַן בראַט", אָבער מיין טאָכטער'ס נאָמען דערמאָן נישט אין דיין מויל. דו הערסט? (דערנעהנט זיך צו איהם) זי ד'ערמאָן נישט, אַז נישט וועל איך דיר די גערעדים אויפשניידען. דו הערסט? זי קען דיך נישט. דו הערסט זי נישט

שלמה.

ווער איך זי קענען, אַ „נאַש בראַטס", נישט קיין ווייטע משפחה.

דער „פעטער"

(פּאַקט שלמה׳ן פאַר׳ן האַלז).

די געדערים נעהם איך דיר אַרויס... אין פּנים אַריין פּאַטש מיר, מיט די פיס קאָפּיע מיך, אָבער מיין טאָכטער׳ס נאָמען זאָלסט דו נישט דערמאָנען. (זיי רייסען זיך).

שרה

(לויפט צו).

אַ בראָך איז מיר נישט געשעהן! אַנידערגעשטעלט קריגען זיך מיט אויסוואורפס, דאָ קען נאָך אַ מענש אָנקומען צו געהן, וועה איז מיר, יעקל, ר׳ אלי, דער סופר... יעקל, יעקל, געדענק אָן גאָט! (שלעפּט איהם אַוועק) וואָס טהוט זיך מיט דיר? עס הערען זיך שווערע טריט פון שטייגען אויף די טרעפּ. שרה רייכט אַוועק דעם „פעטער"). יעקל, יעקל, ר׳ אלי געהט, דער סופר געהט, אַ חרפּה און אַ שאַנד פאַר לייטען!

דער „פעטער".

ניין, דאָ אויפ׳ן אָרט... (האַלט נאָך שלמה׳ן).

ר׳ אלי׳ס קול

אין דער טהיר).

זייט מוחל, סופר, דאָ וואוינט דער בעל מחנך. (ווייזט זיך אין טהיר, אַריינשטעקענדיג צוערשט זיין גרויסען קאָפּ מיט דער ליולקע). וואָס איז דאָ פאַר אַ גערודער, ביי אַ בעל-מחנך דאַרף זיין ששון ושמחה אין דער שטוב, נישט מען קריעגט זיך. (נעהמט צוריק זיין קאָפּ אין הויז אַריין) זייט מוחל, סופר. (דער „פעטער", דערהערענדיג ר׳ אלי׳ס קול, לאָזט נאָך שלמה׳ן. שרה לויפט צו און שטעקט אַריין שלמה׳ן אַ שטיק פּאַפּיערען געלד, וועלכעס זי האָט

פון זאַק אַרויסגענומען, שטופט זיי ביידע, שלמה'ן און הינדלען, צו דער טהיר אָב; די לעצטע טרעפען זיך אין דער טהיר מיט'ן סופר און ר' אלי'ן, וועלכע רוקען זיך אָב פאַר אַ נקבה און לאָזען זיי דורך).

שלמה

(צו הינדלען, ביים אַרויסגעהן).

זעהסט, מיט וואָס פאַר אַ לייט ער חבר'ט זיך היינט... וואָרט, וואָרט, ער וועט נאָך אַ דאָזאָר אין שטאָדט ווערען. (געהען אָב, וואָגע־דיג עפּעס נאָך אין הויז).

ר' אלי, דער סופר, די פּאָרינגע.

ר' אלי

(אַ נידריג ווּרעל, אַ דיקס, רעדט פלינק, מאַכענדיג דערביי בעוועגונגען מיט די הענד צו'חנפנ'דיג זיך, היימיש און דרייסט, איבערצייגט אין זיך).

זייט מוחל, זייט מוחל, סופר, (אין דער שטיל צום „פעטער" מיט שרה'ן) איהר דאַרפט אייך שוין פיהרען אַ ביסעל אַנשטענדיגער, עס איז שוין צייט, מענשען קומען...

דער סופר

(קומט אַריין, אַ הויכער, אַלטער יוד, זיין לאַנגער, דאַרער קערפּער הילט זיך אין אַ ברייטען חאַלאַט איין, אַ לאַנגע, ווייסע, שיטערע באָרד, טראָגט ברילען אויף די אויגען, האַלט זיך קאַלט און געהיימניספול).

ר' אלי

(ווייזט אויף דעם „פעטער").

דאָס איז דער בעל מחנך.

דער סופר

(שטרעקט צו איהם אויס די האַנד, אַנקוקענדיג איהם).

שלום עליכם, יוד.

דער „פעטער“

(גיט די האנד א קעגען, נישט זיכער, שרה רוקט זיך אב אן א זייט מיט דרך ארץ).

ר׳ אלי

(זעצט זיך צום טיש, רוקט צו א שטוהל פאר׳ן סופר).

זעצט אייך, סופר.

(צו דעם „פעטער“).

זעץ דיך. (דער סופר זעצט זיך, ביי ר׳ אלי׳ן געגענאיבער ביש. דער „פעטער“ — נישט זיכער).

ר׳ אלי

(צום סופר).

דאָס איז ד״ר יוד, וואָס איך האָב פאַר זיינעטוועגען דאָס ספר־תורה בעשטעלט. (ער רוקט זיך צו בראָנפען און גיעסט אָן דעם סופר, רערנאָך זיך) קיין בן־זכר האָט ער נישט, וויל ער גאָט מהנה זיין מיט אַ ספר תורה. עס איז אַ מנהג בישראל, גאַנץ שען — דאַרף מען איהם מסייע צו זיין ... לחיים, סופר (גיט איהם די האנד. צום „פעטער“, געבענדיג די האנד) לחיים, בעל מחנך, דו ביסט דאָך היינט דער בעל־שמחה.

(דער „פעטער“ גיט צוריק די האנד נישט זיכער. ר׳ אלי טרינקט. שרה דערנעהנט זיך צום טיש און רוקט צו ר׳ אלי׳ן איינגעמאַכטס. דער „פעטער“ ציהט זי ביים קאַפּטען און ווינקט צו איהר, אז זי זאָל זיך ערווייטערן).

ר׳ אלי

(נאָכ׳ן טרינקען).

טרינקט, סופר, (צום „פעטער“) טרינק, בעל מחנך, דו דאַרפסט דיך היינט משמח זיין, גאָט האָט דיר געהאָלפען. קענסט אַ ספר־תורה שרייבען, עס איז אַ גרויסע מצוה, א גרויסע מצוה.

דער „סופר"

(האַלט דאָס כוס אין דער האַנט, צו ר' אלי'ן, אויפ'ן „פעטער").
ווער איז דער יוד?

ר' אלי.

וואָס איז דער חילוק? אַ יוד... איז ער נישט קיין למדן, אַלע מוזען דען זיין למדנים? אַ יוד וויל מקיים זיין אַ מצוה, דאַרף מען איהם מקרב זיין. (צום „פעטער") טרינק לחיים, זיי דיך משמח.

דער „סופר".

וועט ער נאָר וויסען, ווי זיך מיט אַ ספר אומצוגעהן?

ר' אלי.

ווי הייסט ער וועט נישט וויסען? ער איז דאָך אַ יוד, און וועלכער יוד ווייס נישט, וואָס אַ ספר-תורה איז? (טרינקט) לחיים, לחיים... זאל גאָט געבען ישועות טובות אויף יודען.

דער „סופר"

(גיט די האַנד דעם „פעטער")

לחיים, בעל מחנך... (זאָגט איהר אָן) זאָלסט וויסען, אַ ספר-תורה איז אַ גרויסע זאַך, אויף אַ ספר-תורה שטעהט געשטיצט די גאַנצע וועלט און יעדעס ספר-תורה איז פונקט אַזוי ווי די לוחות, וואָס זענען אַראָבגעגעבען צו משה רבינו פון באַרג סיני אַראָב. יעדער שורה ווערט געשריבען אין ספר-תורה בטהרה וקדושה... אין דעם הויז, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, דאָרט געפינט זיך גאָט... מוז עס זיין אָבגעהיט פון יעדערע טומאה... יוד, זאָלסט וויסען אַז אַ ס"ת...

דער „פעטער"

(הערט דערשראָקען, שטאַמעלט).

רבי... רבי... איך וועל זאָגען דעם רבי'ן דעם גאַנצען אמת.

וועל איך זאָגען... איך בין אַ זינדיגער מענש... רבי, איך האָב מורא...

ר׳ אלי.

(פאַלט איהם אין די רייד אַריין, צום סופר).

דער יוד איז אַ חוזר בתשובה דאַרף מען איהם מקרב צו זיין, עס איז אַ בפירוש׳ע גמרא, און ווי הייסט ער ווייסט נישט, וואָס אַ ספר-תורה איז? ר׳איז דאָך פאָרט אַ יוד. (צום „פעטער”) פאַר אַ ספר-תורה דאַרף מען דרך-ארץ האָבען, גרויס דרך-ארץ האָבען, פונקט אַזוי ווי אַ גרויסער רב וואָלט ביי דיר אין שטוב געוועזן. מען טאָר נישט ריידען קיין עזות׳דיגקייט אין דעם שטוב, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, און מען מוז זיין אָבגעהיט מיט צניעות. (רעדט צו שרה׳ן, קוקענדיג אין איהר, נאָר נישט אויף איהר) אַ אשה דאַרף זיך נישט אויפדעקען די האָר אין דער שטוב, וואו עס שטעהט אַ ס״ת... (שרה שטופט זיך אַרונטער די האָר אונטער׳ן שייטעל) טאָר נישט צוגעהן צום ספר-תורה מיט גאַקעטע הענד. פאַר דעם, אין דעם הויז, וואו עס שטעהט אַ ספר-תורה, געשעהט קיין שום שלעכטס נישט, עס איז שטענדיג עושר והצלחה, און עס היט אָב דעם מענש פון אַלדעס בייז (צום סופר) ווי הייסט, ער ווייסט נישט? זענען דאָך יודען... (שרה שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ)

דער סופר.

ר׳ יוד, איהר הערט, אויף אַ ספר-תורה שטעהען גאַנצע וועלטען, אין דער ספר-תורה איז דער גאַנצער קיום היהדות, מיט איין וואָרט, חלילה, מיט איין וואָרט קענט איהר דאָס ספר-תורה פערשעמען און עס קען, חלילה, קומען אַ גרויס אונגליק אויף אַלע יודען, רחמנא לצלן!

דער „פעטער”

(שטעלט זיך אויף פון טיש)

רבי, איך וועל אַלץ זאָגען... רבי, (געהט נעהנטער צו) איך ווייס, איהר זענט אַ הייליגער יוד, איך בין נישט ווערט, אַז איהר, רבי,

וואַלט זיך געפינען דאָ... אונטער מיין באַלקען... רבי, איך בין אַ זינדיגער מענש, זי (ווייזט אויפ׳ן ווייב) איז אַ זינדיגער מענש, מיר טאָרען זיך נישט צוריהרען צו אַ ספר-תורה... רבי, דערינען... (ווייזט אויפ׳ן שהיר לינקס) פאַר איהר, רבי, (געהט אַריין אין רבקה׳לעס צימער און פיהרט אַרויס רבקה׳לען ביי דער האַנד. זי האַלט אין דער האַנד אַ סאַמעט קליידעל פון אַ ספר-תורה, אויף וועלכען זי העפט אַ מגן-דוד אויס מיט גאָלד-שטיך) רבי, זי (אויף רבקה׳לען) מעג מיט אַ ספר-תורה אומגעהן, זי איז אַזוי כשר, ווי אַ ספר-תורה. פאַר איהר, רבי, האָב איך דאָס ספר-תורה בעשטעלט, (ווייזט אויף איהר אַרבייט) זעהט, רבי, זי העפט אויס אַ קליידעל פאַר׳ן ספר-תורה׳ס וועגען, זי מעג, רבי. איהרע הענד זענען כשר׳ע הענד. איך, רבי, (קלאַפּט זיך אויפ׳ן האַרץ) איך וועל זיך נישט צוריהרען צו אַייער ספר-תורה... זי, (אויפ׳ן ווייב) זי וועט זיך נישט צוריהרען צו אַייער ספר-תורה... זי, רבי, (לייגט די האַנד אויף רבקה׳לעס קאָפּ) זי וועט דער-מיט אומגעהן, ביי איהר אין שטיבעל וועל איך דאָס ספר-תורה שטעלען, חתונה האָבען, אַרויס פון מיין הויז — נעהם דיר דאָס ספר-תורה׳לע מיט מיט דיר צו דיין מאַן...

ר׳ אלי.

(צום „פעטער״).

דאָס הייסט, דו מיינסט, אַז דו וועסט חתונה מאַכען דיין בתולה, וועסט דו איהר דאָס ספר-תורה נדן געבען, וואָס, ניין?

דער „פעטער״.

ר׳ אלי, אַז מיין טאָכטער וועט חתונה האָבען, וועל איך איהר נדן געבען, אַ סך געלד נדן און וועל זאָגען צו איהר אַזוי: דו געהסט אַרויס פון דיין טאַטענס הויז און פערגעס... פערגעס דיין טאַטען... פערגעס דיין מאַמען... און האָב כשר׳ע קינדער, יודישע קינדער, אַזוי ווי יעדע יודישע טאָכטער. אָט וואָס איך וועל זאָגען צו איהר.

ר׳ אלי.

דו ווילסט, הייסט עס, דאָס ספר-תורה אַ חתן-מתנה דיין טאָכטער׳ס

חתן שענקען, וואָס, ניין? (צו דעם סופר) זעהט איהר, ר׳ אַהרן, עס זענען נאָך פערהאַנען יודען אויף דער וועלט; אַ יוד האָט אַ טאָכטער לאָזט ער שרייבען אַ ספר-תורה פאַר׳ן חתן וועגען... ווי שען איז דאָס, ווי גוט איז דאָס, איך זאָג אַייך, ר׳ אַהרן, אַז דאָס יודישקייט... אַז דאָס יודיש... אַך — אַח ... (קלאַפּט מיט די ליפּען).

דער „פּעטער״

(פיהרט צוריק אריין רבקה׳לען אין איהר צימער, מאַכט צו די טהיר נאָך איהר).

רבי, פאַר אייך מעג איך דאָך זאָגען, מיר זענען דאָך אַליין, מיין ווייב מעג עס הערען. רבי, מיר זענען זינדיגע מענשען. איך ווייס, גאָט וועט אונז שטראָפען, זאָל ער שטראָפען. האָב איך אַ זאָרג. די פוס זאָל ער מיר אַראָבנעמען, אַ קאַליקע זאָל ער מיך מאַכען... בעטלען זאָל איך אַרומגעהן, נאָר מיט דעם נישט... (שטילער) רבי, אַז מען האָט אַ זוהן, און ער פּאַסקודעוועט זיך — כאַפּט איהם דער טייוועל, אָבער אַ טאָכטער, רבי, אַ טאָכטער פערזינדיגט זיך — איז ווי די מאַמע אין גרוב וואָלט געזינדיגט... בין איך געגאַנגען אין הייליגען בית-המדרש אַריין... בין איך צוגעגאַנגען צו דעם יוד (ווייזט אויף ר׳ אלי׳ן) און זאָג צו איהם אַזוי: דו גיעב מיר עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אָבהיטען מיין שטוב פון זינד... מאַכט ער צו מיר: לאָז דיר שרייבען אַ ספר-תורה און שטעל עס דיר אין שטוב אַריין. רבי, אונז... סיי ווי סיי די נשמה דעם טייוועל איבערגעגעבען... פאַר איהר, רבי.., ביי איהר דערינען אין שטיבעל וועל איך דאָס ספר-תורה אַריינשטעלען, זי זאָל דערמיט אומגעהן... מיר — טאָרען נישט...

(ר׳ אלי ברינגט זיך איין צום סופר און רעדט עפּעס מיט איהם אין דער שטיל, מאַכענדיג דערביי פערשיעדענע בעוועגונגען מיט די הענד, ווייזענדיג אויפ׳ן „פּעטער״. דער פּעטער און שרה שטעהען ביים טיש אין ווארטען פויזע...)

דער סופר

(נאָך אַ קורצען ישוב הדעת)

און וואו זענען בעלי-בתים? כבוד-התורה?

ר׳ אפי.

מיר וועלען געהן אין בית המדרש אַריין, מיר וועלען צוזאַמען נעהמען אַ מנין יודען, עס וועלען זיך שוין געפינען יודען, וואָס ווילען מכבד זיין די תורה. (הויבט זיך אויף פון טיש און גיעכט אָן די גלעזלעך, קלאַפענדיג דעם „פעטער" אויף די פלייצעס) נו, נו, גאָט העט העלפען, זיי דיך משמח, בעל מחנך, גאָט איז מקרב בעלי תשובות... נישקשה, וועסט אויסגעבען דיין בתולה פאַר אַ תלמיד חכם, וועסט נעהמען אַ אָרים ישיבה-בחור פאַר אַן׳איידעם, וועסט איהם פרנסה געבען, ער וועט זיצען און לערנען אין די הייליגע תורה, אין דעם זכות פון דער תורה וועט דיר גאָט מוחל זיין... (פויזע) איך האָב שוין טאַקע געקלעהרט וועגען דעם און האָב טאַקע אויפ׳ן אויג אַ חתן — אַן׳אַנטיק, אַ פיינעם קאָפּ... דער פאָטער, זעהר אַ אָרנ׳לי׳כער יוד... (אָבהאַקענדיג) אַ סך ווילסט דו געבען דיין בתולה נדן?

דער „פעטער",

רבי, אַלץ נעהמט מיר אַוועק. די קאַפּאָטע וועל איך מיר לאָזען אויסטהון... אַלץ... אַלץ... און דו קען נישט דיין טאַטען... דיין מאַמען... הינטער אַרום וועל איך זיי שיקען. נאַ דיר דיין עסען, דיין טרינקען און לערן דיר דאָרט אין דיינע הייליגע ספרים.. איך קען דיך נישט... דו קען מיך נישט...

ר׳ אלי,

עס וועט שוין רעכט זיין. אין דעם זכות פון דער הייליגער תורה... קומט, סופר, קומט, בעל מחנך, אין בית-המדרש אַריין. אַ מנין יודען זוכען, וועלען מיר זיך מיט׳ן ספר משמח זיין... (צום סופר) זעהט איהר, ר׳ אהרן אַ יוד, האָטש ער זינדיגט... פאָרט אַ יוד, אַ יודישע נשמה — זוכט אַ איידעם אַ תלמיד-חכם... (צום „פעטער") נישקשה, נישקשה, גאָט וועט העלפען... גאָט האָט ליעב בעלי-תשובות, נאָר צדקה דאַרף מען טהון לומדי-תורה; קען מען אַליין נישט, מוז מען אַ תלמיד-חכם אונטערשטיצען, וואָרום על תורה עולם עומד; אויף די תורה שטעהט

די וועלט... (צום סו ר) נישט וואָהר, ר׳ אהרן? און פאַר וואָס דען נישט? (אויפ׳ן פעטער) איך האָב דאָך זיין פאָטער געקענט... אַ גאַנץ אָרנ׳ליכער יוד געוועזן... אַ בעל עגלה געוועזן... אַ גאַנץ שענער יוד... גלויבט מיר, גאָט וועט העלפען און דער יוד וועט נאָך ווערען מיט יודען גלייך... (צום „פעטער") נאָר דער עיקר איז, מען מוז זיין אַ חוזר בתשובה בשלמות, דאָס הייסט, מען געהט נישט אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען מען איז געגאַנגען... און מען שטיצט אונטער לומדי-תורה...

דער „פעטער"

(דרייסטער, דערנעהנטערט זיך צו ר׳ אלי׳ן).

לאָזט מיך נאָר, ר׳ אלי, אַביסעל אויפ׳ן לייב קריעגען, אַז איך זאָל מיין טאָכטער אַ שענעם נדן קענען געבען, איז מיין נאָמען נישט יעקל טשאַפּטשאָוויטש, ר׳ אלי, אויב איך מאַך נישט צו דאָס „קרע-מעל"... איך וועל האַנדלען מיט פערד, וועל איך האַנדלען... ווי מיין טאַטע, עליו השלום... איך וועל מיר אַ שטאַל פערלייגען, פאָהרען אויפ׳ן לאָוויטשער מאַרק, און מיין איידעם וועט זיך דאָרט, דע-רינען, זיצען און לערנען תורה. אַהיים קומען אויף אַ שבת — וועל איך מיך אָט דאָ אַנידערזעצען און וועל מיר אויסהערען ווי מיין איידעם לערנט אין די גמרות — איז נישט מיין נאָמען יעקל, אויב איך זאָג ליעגען!

ר׳ אלי.

נישקשה, נישקשה, גאָט וועט דיר העלפען, גאָט וועט דיר העלפען. נישט וואָהר, ר׳ אהרן?

דער סופר.

ווער קען וויסען? אונזער גאָט איז אַנ׳אל רחום וחנון — אָבער ער איז אויך אַנ׳אל נוקם ונוטר. (געהט ארוים) נו, עס ווערט דאָך שוין שפעט, לאָז מען געהן אין בית-המדרש אַריין. (געהט אב).

דער „פעטער"

וואָס זאָגט דער רבי?

ר' אלי.

נישקשה, נישקשה, גאָט וועט העלפען... ער מוז העלפען.. קום, קום, בעל מחנך, נעהם אַהיים דאָס ספר-תורה בשמחה וששון. (געהט. דער פעטער וויגערט זיך. ווייסט נישט, וואָס צו טהון. ר' אלי בעמערקט עס). וואָס, דו ווילסט נאָך עפּעס דיין פלונית זאָגען, אַז זי זאָל אָנ- גרייטען, ווען מיר וועלען מיט'ן ספר קומען?

שרה.

(צו ר' אלי'ן).

עס איז אָנגעגרייט, ר' אלי, אָנגעגרייט.

ר' אלי.

נו, וואָס וואַרטסטו? דער סופר איז שוין געגאַנגען.

דער „פעטער"

(שטעהט ביי דער טהיר, נישט זיכער, ווייזט מיט'ן פינגער).

איך אינאיינעם מיט'ן רבי'ן איבער דער גאַס?

ר' אלי.

קום, קום, אַז גאָט איז דיר מוחל, זענען מיר דיר אַוודאי מוחל.

דער „פעטער"

(ענטוזיאסטיש).

ר' אלי, איהר זענט אַ גוטער רבי, (שמייסט אויס די הענד, חיל איחם

פרומנעהמען, דערמאַנט זיך, האַלט זיך שטיל). גוטער רבי... זאָל איך שוין אזוי לעבען... (געהען אַב אינאיינעם. עס ווערט פינסטער).

שרה, נאָכהער רבקה'לע

שרה.

(נעהמט זיך פלינק די שטוב צוצורוימען, דעם טיש גלייך צושטעלען. רופט אין דער צווייטער שטוב, צו רבקה'לען):

רבקה'לע, רבקה'לע, קום מיר אַריין העלפען, מען וועט דאָך באַלד מיט'ן ספר-תורה אָנקומען צו געהן.

רבקה'לע.

(ווייזט זיך אין דער טהיר. נישט אַלער).

דער טאַטע איז שוין נישט דאָ?

שרה

ניין, רבקה'לע, ער איז געגאַנגען אין בית-המדרש אריין מיט ר' אלי'ן, מיט'ן סופר, נאָך בעל-בתים, דער רב וועט קומען.

רבקה'לע

(ווייזט דאָס ספר-תורה-קליידעל).

זעהסטו, ווי שען איך האָב עס אויסגעהאָפטען?

שרה

(פערנומען)

איך זעה, איך זעה. קעם זיך אויף, טו זיך אָן, די בעלי-בתים וועלען דאָך קומען... דער רב...

רבקה'לע.

איך וועל אַריינרופען מאַנקען, זי זאָל מיך אויפקעמען. איך האָב

אזוי ליעב, אז זי קעמט מיך אויף. זי פערקעמט מיך אזוי שען, אזוי גלייך די האר... איהרע הענד זענען אזוי קיהל... (נעהמט עפּעס אין האנד און קלאפּט אין דער פּאדלאגע, רופענדיג): מאנקע, מאנקע!

שרה

(דערשראקען).

וואס טהוסטו, רבקה'לע, גיין, דער טאטע וועט שרייען. עס פּאסט שוין נישט פאר דיר, דו זאלסט דיך חבר'ן מיט מאנקען, דו ביסט שוין א כלה-מיידעל, א בעל-הבתיש קינד, מען רעדט דיר שדוכים, פיינע שדוכים, מיט לערן-קינדער...

רבקה'לע.

איך האב אזוי ליעב מאנקען.

שרה.

עס איז א חרפה פאר דיר צו חבר'ן זיך מיט מאנקען... דו ביסט א בעל-הבתיש קינד, דו וועסט דיך חבר'ן מיט בעל-הבתישע קינדער... מען רעדט דיר שוין שדוכים, פיינע שדוכים, דער טאטע איז גע-גאנגען דעם חתן זעהן פאר דיר, ר' אלי האט געזאגט... (געהט אב אין דער צווייטער שטוב אריין) מען דארף זיך אנטהון, ריין ארומוואשען... די געסט וועלען באלד קומען...

רבקה'לע.

א חתן, וואס פאר א חתן, מאמעשי?

שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

א חתנ'דעל – א גאלד, א פיין לערן-קינד, פון א שענער משפחה.

(מאנקע ווייזט זיך אין דער טהיר פון געגענאיבער דער סצענע, שמעקט צו-

ערשט אריין דעם קאפּ, ווינקענדיג קאָקעט מיט'ן פינגער אויף רבקה'לען: רבקה'לע דערנעהנטערט זיך צו איהר הינטערוויילעכס, ווינקענדיג צו מאַנקען. אין שטוב הייבט אָן צו טונקלען.)

רבקה'לע.

(פאַלט אין מאַנקעס אָרעמס. רעדט צו דער מוטער אין דער צווייטער שטוב אריין).

עפּעס אַ שענער חתן, מאַמעשי?

(מאַנקע קושט זי ליידענשאַפטליך).

שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

יאָ, טאָכטערשי, אַ שענעם חתן, מיט צוויי שוואַרצע פּאה'לעך, אַ'אַטלאַסין קאַפּאָטעל מיט אַ סאַמעטען קאַשקעטעל, ווי אַ רב געהט ער אָנגעטהון, ער איז אַ רב'ס אַ זוהן, ר' אלי האָט געזאָגט.

רבקה'לע

(אין מאַנקעס אָרעמס, גלעטענדיג מאַנקעס באַקען).

וואו וועט ער זיין, מאַמעשי?

שרה

(פון דער צווייטער שטוב).

דאָרט, דערינען ביי דיר אין שטיבעל, וואו דאָס ספר-תורה וועט שטעהן, וועט ער דאָרט וואוינען מיט דיר און לערנען אין די הייליגע תורה.

רבקה'לע.

(אין מאַנקעס אָרעמס).

וועט ער מיך ליעב האָבען, מאַמעשי?

שרה

(זי פריהער).

זעהר, טאָכטערשי, זעהר. עסט וועט האָבען אָרענטליכע קינדער, בשר׳ע קינדער ...

אין דער צייט, ווען זיי ריידען, פאלט די פאָרהאנג זעהר לאנגזאם, איבער־ לאָזענדיג די שפילענדע אין דער זעלבער פאָזע.

(פאָרהאנג).

צווייטער אקט

סצענע.

אין קעלער-שטוב.

אַ גרויסע קעלער-שטוב אין אַן'אַלטער געביידע. אַ טיעפער אויסגע-וועלבטער באַלקען. האַרט בײם באַלקען — צוויי טיעפע, נידריגע פענסטערלעך מיט פאָרהאַנגליך און בלומען-טעפּ וועלכע אויפגעפּענט און עס רעגענט דורך זיי אריין ... אַ טרעפּ אַרויף צו דער טהיר, וועל-כע איז געמאַכט אין דעם אָרט, וואו אַ שיעף-געביידע. די ערשטע העלפט פון דער טהיר איז אויפגעעפענט אין דער נאַכט אריין, פון וואַנען עס טריפט אַ דין-רעגענדעל אַהער. אין הינטערגרונד — איינינע, גאַנץ קליינע, חדרים'לעך, אָפּגעזונדערט איינס פון דעם צווייטען מיט דינע ווענטלעך, פערהאַנגען מיט דיקע שוואַרצע פאָרהאַנגען. איין פאָרהאַנג איז אויפגעדעקט, — אין דעם צימערעל שטעהט אַ בעט, אַ וואַש-טיש, אַ שפיגעל און מיידעל-געשיר, מיט אַ קאָליערט נאַכט-לעמפעל. דאָס מעבעל פון דעם קעלער-שטוב בעשטעהט פון איינינע קאַנאַפּעס, טיש, בענק, קאָרטען-טישלעך. די ווענט וועלכע בעהאָנגען מיט שפיגלען, בעפּוצט מיט ביליגער גאַלאַנטעריי, פרויען-בילדער און רייצענדע פּאָ-זעס... אויף איינע פון די קאַנאַפּלעך ליגט שלמה אויסגעצויגען, די לאַנגע שטיוועל ווינע דערגרייכען ביז צו אַ צווייטען בענקעל. ער שלאָפט. פריהלינגס-נאַכט. די שטוב בעלייכטעט אַ גרויסער הענג-לאָמפּ.

שלמה. נאכהער הינדעל

הינדעל

(קומט אריין, שטעהט א מינוט אויף די טרעפ און קוקט אראב אויף שלמה'ן. זי איז אין א לייכטער טוך ארומגעהילט, קאקעט געקליידט אין א קורץ קלייד, א נישט פאסענדע לויט איהרע יאהרען. געהט ארום אין שטוב, קלאפענדיג מיט די פיס, כדי שלמה זאל זיך אויפוועקען.)

שלמה

(וועקט זיך, קוקט זיך ארום).

דו ביזט עס? וואס נישט אין דרויסען?

הינדעל.

עס האט אנגעהויבען צו רעגענען.

שלמה

(אויפזועצענדיג אויף די קאנאפע).

ענטפערסט מיר גאר, פריצ'טע? האסט זיך שוין מיט מיר איבערגעבעטען?

הינדעל.

איך בין גאר נישט ברוגז געווען.

שלמה.

אזוי... אז דו ווילסט, קענסט דו ווייטער אויך ברוגז זיין.

(לייגט זיך צוריק).

היגדעל

(קוקט זיך אום, לויפט צו צו א פארהאנג און האלט זיך איין, לויפט צו צו שלמה'ן).

שלמה, איך וועל פון דאנען נישט אוועקגעהן. זעה, יעצט זענען מיר אליין, קיינער הערט אונז נישט, זאג מיר, אזוי ווי עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, זאג מיר, מיינסט מיט אנ'אמת צו שטעלען א חופה?

שלמה.

געה, פריצ'טע, מאך דיר קניפלעך אין העמד, און בעקלאג דיך דערנאך פאר'ן „פעטער", אז איך נעהם ביי דיר דאס גאנצע געלד אוועק. דו האסט דיר נישט, פאר וואס א קאפעלוש צו קויפען...

הינדעל.

יא, איך האב געזאגט. עס האט מיך געקרענקט, אונטער'ן הארץ געשניטען. דאס העמד פון לייב נעהמסט דו מיר אראב און דו קריכסט צו דער געלער צויג... דאס פרצוף וועל איך איהר מיט פעטראל בע-גיסען. מען שפירט דאך איהר פון מויל. ווי קען מען ביי אזעלכעס שטעהן? אויסגעצווכט זיך א סחורה!

שלמה.

טרעטסט אב? גיב איך דיר א פלעם צווישען די אויגען, זעהסט דו די עלטער-באבע פאר זיך!

הינדעל.

שלאג, שנייד פאסען פון מיין לייב... (רייסט אראב דעם ארבעל פון איין האנד און ווייזט) בלאהע פלעקען האסט דו מיר געמאכט. (רייסט דעם ארבעל פון דער צווייטער האנד) נא דיר, שנייד, קנייפ, נאר זאגען זאלסט דו מיר, דא אויפ'ן ארט, אזוי ווי דו געדענקסט דיין טאטען אין קבר און אזוי ווי דו זאגסט קדיש נאך איהם — ווילסט טאקע אויף דעם רעכ-טען אמת מיט מיר חתונה האבען?

שלמה

(ליגענדיג).

איך האָב אַמאָל געוואָלט. נאָר היינט וויל איך נישט.

הינדעל

דאַרף מען נישט, אָט אַזוי האָב איך ליעב. נאָר נאַרען זאָלסט דו נישט. ווילסט געלד — זאָג, אַ קאַפּאָטע — נאַ דיר. נאָר צו גענאַרען וואָס האָסט דו? (ערווייטערט זיך פון איהם).

שלמה.

נישקשה, חנים זענען דאָ אויף דער וועלט, וועסט פּאַקען אַ העמד.

הינדעל

(אויפּרוקענדיג די פּ...האנג פון איהר צימערל).

וואָס האָסט דו דיר דעם קאָפּ אויסצודאַרען פאַר מיינעט וועגען?

שלמה.

ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. (פּויזע) נו, וועסט חאָטש נאָך וועלען אַ גלאָז טהיי דערלאַנגען?..

הינדעל

ברענגט איהם אריין א גלאָז טהיי פון איהר שטיבעל, שטעלט אויפ'ן טיש. אליין געהט זי אָב צו זיך אין איהר צימערל, זעצט זיך אנידער ביי איהר קאָסטען, זוכט דאָרט אין איהם. נאָך א קליינע פּויזע, פון איהר חדר'ל).

אַזוי, איז זי דיר געפעלען, נו... נו... וועסט דו יעצט האָבען אַ געטועכטס, האַנטיכער צו קויפען — דיין ווייבעלס ברוסטען אָנצופי־הלען, ציהען איהר לאָזען אַריינשטעלען און אויף שטאָלצען זי גרויפ־

שטעלען, און וועסט דיר אַ קאַטאַרינקע קויפען און אין הויפען זי אַרומפיהרען, ווייזען ס׳געווערק. אַ שענער קאַטאַרינאַרש, כ׳לעבען, איך וועל דיר אויך אַ צווייער פון פענסטער ראַבוואַרפען.

שלמה.

האַלט ס׳פּיסק, זאָג איך דיר...

הינדעל.

און אַז נישט, וואָס וועסט דו מיר טהון?

שלמה.

אַנפּאַטשען.

הינדעל.

אָ, אָ, היינט פּאַטשט מען נישט, היינט גיט מען פּאַר פּעטש מיט מעסערס צוריק.

שלמה.

(שטעלט זיך אויף).

ווער דאָס אַזעלכעס? (געהט אריין צו איהר אין צימער) ווער דאָס אַזעלכעס? (ווי בעהאלט עפּעס פלינק אין קאסטען) וואָס האָסט דו דאָ אַוועגס, וואָס דו בעהאַלטסט עס אַזש אין דער ווידענער בלוזע?

הינדעל.

וואָס געהט עס דיר אָן?

שלמה.

ווייז, זאָג איך דיר! (רייסט זיך מיט איהר, רייסט פון איהר האַנד אַ

הוימע בלוזע ארוים. ער קומט פון דעם צימער'ל ארוים) נו, זאָל מען אָקאָרשט זעהן. (ער צורייסט די בלוזע מיט איפעט, עס פאלט ארוים פון איהר א פאָטאָגראפיע.) אַהאַ, משה'לע שלאָסער, ער זאָל דער גביר זיין? פון ווען אָן ביסטו דאָס מיט איהם „פאַן-בראַט" געוואָרען? (געהט אריין צו איהר אין צימערל).

הינדעל.

וואָס געהט עס דיך אָן?

שלמה.

אָט וואָס ס'געהט מיך אָן... (ער פאטשט זי אוים, זי פאלט אויפ'ן בעט און וויינט) אַזוי, מיט משה'לע שלאָסער חבר'סט דו זיך גאָר, פאָטאָגראַפיעס געגעבען, חתן-כלה-פּאָר, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט? (פויזע. אָבגעהענדיג צוריק צו זיין טיש) און איך האָב עס גאָר נישט געוואוסט... (טרינקט ווייטער דעם טהיי, שטעלט זיך אויף, געהט אויף די טרעפּלעך צו דער טהיר) און איך האָב עס גאָר נישט געוואוסט... (ער שטעלט זיך אָב ביי דער טהיר) הינדעל! (זי ענטפערט נישט) הינדעל, אַהער קום! (זי ענטפערט נישט) הינדעל! (טופעט מיט די פיס. בייז אראָבלויפענדיג פון די טרעפּלעך) אַהער, זאָג איך דיר, דו הערסט?...

הינדעל.

(הויבט זיך אויף פון איהר בעט, געהט אהין צו איהם, פאַרשפּילט זיך דאס פּנים מיט א טיכעל.)

וואָס ווילסטו?

שלמה.

האָסט מיט מאַנקען גערעדט?

הינדעל.

(וויינענדיג).

יאָ.

שלמה.

נו, וואָס זאָגט זי?

הינדעל

(נאָך מיט געוויין).

אַז מיר וועלען האָבען אונזער „הייזעל", וועט זי צו אונז אַרײַנקומען.

שלמה.

געוויס?

הינדעל

(ווישט זיך אויס די אויגען).

יאָ, אַליין וויל זי אָבער נישט געהן, אַ חבר'טע וויל זי מיטברענגען.

שלמה.

געוויס, פון איין נקבה וועסטו פרנסה האָבען, דירה-געלד צאָהלען?

הינדעל

מען וואָלט געדאַרפט איינע אַ פרישע...

שלמה.

ח'לעבען, דאָס וואָלט שוין פרנסה געגעבען, וואו נעהמט מען זי אָבער?

הינדעל.

איך האָב אַנ'אויג אויף אַ נקבה—אַ פּאַרשוין ווי אַ בוים, אַ מיידעל נאָך...

שלמה

(נייגיריג).

עס קען זיין פון איהר פרנסה?

ינדעל.

אבער נאך ווי...

שלמה.

א מיידעל... א נקבה פון א הייזעל?

הינדעל

ניין, א בעל-הבת'ישע טאכטער.

שלמה.

פון וואנען קענסט דו זי?

הינדעל.

זי קומט צו מאנקען יעדע נאכט, גנב'עט זיך ארויס פון פאטערס שטוב... קיינער זעהט נישט... עס ציהט זי אהער... זי איז אזוי נייגיריג...

רבקה'לע

(שטעקט ארויין איהר נאסען קאפ דורכ'ן פענסטער, ווינקט צו הינדלען).

פס-ס-ס, דער טאטע איז דא?

הינדעל

(ווינקט צו איהר).

ניין.

(רבקה'לע געהט אָב פון פענסטער).

שלמה

(מאַכט מיט די אויגען צו הינדלען).

די, דעם „פעטערס" טאָכטער! אַ פּרנסה — אַ גאָלד!

הינדעל.

שאַ, שטיל, זי קומט.

רבקה'לע

(שלאַנק און שען, בעל־הבתיש געקליידט, אין אַ שוואַרץ טיכעל אַרומגעהילט, שלייכט זיך אַריין אין דער שטיל, לויפט אַראָב מיט האַרץ־קלאַפּעניש און די אויגען, רעדט מעהר מיט די הענד, ווי מיט'ן מויל).

מאַמע'ניו וואו איז? דאָרט? (ווייזט אַויף אַ פערהאָנגען צימערל) דאָרט... מיט?...

הינדעל

(ווינקט איהר מיט די אויגען אויף יאָ).

רבקה'לע

(שטעלט זיך פאַרנטער די פּאָר אָנג, הערט זיך לידענשאַפטליך איין. מיט האַרץ־קלאַפּעניש קוקט זי זיך אַלע מאָל אַרום).

שלמה

(אין דער שטיל, צו הינדלען).

מען דאַרף מאָרגען געהן די וואָרגוגג זעהן, אויף פּיוונע גאַס.

הינדעל.

ווען ווערט מען די חופה שטעלען?

שלמה.

מען מוז דאָך צו ערשט אַ וואוינונג האָבען.

הינדעל.

וועד ווייסט, וויפעל דער רב וועט זיך הייסען געבען פאַר מסדר קדושין זיין?

שלמה.

עס זאָל נאָר נאָך איבערבלייבען אויף מעבעל אייגצוקויפען, עס דאַרף דאָך אויסזעהן לייטליך.

(די מהיר פראַלט זיך מיט רעש אויף, עס קומט אריין דער פעטער).

דער „פעטער".

דאָס געזיכט האָט נאָך אין זיך געגנות לאַבוסעוואַטע שפורען, וועלכע פערצעהלען פון זיין יוגענד. געקליידט שוין ערנסט. קלאַפּט אָב דעם הוט פון רעגען).

נאַ דיר אַ פרנסה, אַ רעגען גאָר (דערזעהט פלוצלונג רבקה'לען, מיט כעס). וואָס, דאָ?! (האַפּט זי אָן פאַר'ן קאָלנער און טרייסעלט זי, קריצענדיג מיט די ציינער) וואָס טהוסט דו דאָ?

רבקה'לע.

די מאַם... די מאַמע האָט מיך געהייסען... רופען... (וויינט) טאַ-טע, שלאָג מיך נישט!

דער „פעטער".

די מאַמע, די מאַמע האָט דיך געהייסען... דאָ... (שרייט) די מאַמע! (פיהרט זי פאַר'ן קאָלנער אויף די טרעפּ ארויף) צו אַלדעס שלעכטס וועט די דיך נאָך ברענגען! עס ציהט זי... זי וויל האָבען, אַז די טאָכ-טער זאָל זיין ווי די מאַמע איז געווען...

רבקה׳לע

(וויינט)

טאַטע, שלאָג מיך נישט...

דער „פּעטער".

איך וועל דיך לערנען, ווי דו זאָלסט אַ טאַטען פאָלגען. (פיהרט פּ־ראָוס, פון דרויסען הערט מען רבקה׳לעס געוויין).

שלמה.

יענקעלע בענקאַרט, עס פּאַסט איהם גאָר נישט אָן, אַז די טאָכטער זיינע זאָל זיין אַ נקבה... (פון באַלקאָן דעריהערט זיך אַ געוואָלד, אַ טאָפּען מיט די פיס, אַ וויינענדיג קול פון אַ פרוי) מוז ער דאָס איבער דעם ווייב דאָס לעדער צוהאַקען: אָוואַ... אָוואַ...

הינדעל.

גאַנץ גוט אַזוי, אַ מאַמע דאַרף היטען אַ טאָכטער... וואָס דו ביסט געווען, — ביסט דו געווען, האָסט דו חתונה געהאַט, האָסט דו אַ קינד, היט עס... וועסט זעהן, אַז גאָט וועט העלפען און מיר וועלען האָבען אונזערע קינדער, וועל איך זיי שוין וויסען ווי אויפצוציהען. ביי מיר וועט אַ טאָכטער זיין אַזוי ריין ווי אַ צדקית, רויטע באַקען ווי די באָרקעס... קיין אויג נישט לאָזען אויף איהר פאַלען, חתונה האָבען — יא, נעהמען אַ לייטישען מענש — חופה־וקדושין...

שלמה.

(קלאַפּט איהר אויף די פּלייצעס).

אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהן. נאָר מיט רבקה׳לען רעד, מיט רבקה׳לען אַרבייט, ברודער, אַז נישט איז אַלץ פערפאַלען.

הינדעל.

האָב נישט קיין מורא, איך וועל מיר כוין אַנ׳עצה געבען

שלמה.

וועלען מיר זעהען. (פויזע. שטיל.) אז דו וועסט זי פאקען, פערפיהר גלייך אריבער צו מיר פארט, ווייסט שויו...

דער „פעטער"

(קומט אריין בייז).

עס איז שוין צייט נאכט צו מאכען, עס רעגענט, עס וועט שוין סיי-ווי-סיי קיין הונד נישט אריינשמעקען. (קוקט אויף שלמה'ן) גע-נוג, גענוג זיך שוין אויסגעפרעהט חתן-כלה. נאכט מאכען. (געהט ארויף אויף די טרעפלעך און רופט) רייזעל, שלאפען! באשא, שלאפען!

(פון דרויסען הערען זיך מיידעלשע שטימען: באלד, באלד).

הינדעל.

(ווינקט צו שלמה'ן אויף'ן „פעטער", מאכענדיג מיט דער האנד, אז ער זאל אהיים געהן).

שלמה.

(געהט ארויף אויף די טרעפלעך. ביים ארויסגעהן טרעפט ער זיך אן מיט'ן פעטער". קוקען זיך אן).

דער „פעטער".

רוק, רוק, שוין צייט נאכט צו מאכען, גענוג זיך שוין אויס-גע'סוד'עט.

שלמה

(שטעקט די הענד אין די הויזען-קעשענעס. קוקט איהם אן).

פון ווען אן ביסטו מיר אזא ארבטליכער מענש געווארען?

דער „פעטער".

וואַנדער, וואַנדער, איך וועל דיר שוין שפּעטער דערציילן.

שלמה.

אַ רוה אין דיין טאַטען אַריין...

הינדעל

(לויפט ארויף אויף די טרעפּלעך, צו שלמה'ן).

שלמה, אַהיים געה, דו הערסט, אַהיים זאָג איך דיר!

שלמה

(געהט ארויס, קוקענדיג אויפ'ן „פעטער").

מיינע יאָלדען!...

דער „פעטער".

איך דאַרף איהם דאָ... (ווייזט אויף הינדלען) קענסט דיר די אַלטע פאַדלע מיטנעהמען און פערלייגען זיך מיט איהר אַ „קרעמעל".

הינדעל.

מיט קיין אַלטע פאַדלעס פערלייגט מען זיך ניט קיין „קרע-מעל", אין אַלטע פאַדלעס לייגט מען זיך אַריין אויסרוהען... מיט יונגע לאַקעלעך...

דער „פעטער"

(רופט אין קאָרידאָר).

רייזעל! באַשאַ!

(צוויי מיידלעך קומען צולויפען. פון די לייבען, נאַסע, דורכזעהענדע קלייד..

גיסט זיך וואַסער, פון די צופלאַטענע האָר רינען טראָפּענס וואַסער, זיי ווערן אויפגערויכט, ריידען לאַכענדיג, דער „פּעטער" האָקט צו די טהיר, געהט אַרויס.)

באַשאַ.

(אַ פּראָווינציאַל מיידעל, אַ דיקע מיט רויטע באַקען, נאַאיוו, רעדט מיט אַ האַרטען אַקצענט.)

וויַ דער רעגען שמעקט... (טרייסעלט אָב פון זיך דעם רעגען) פּונקט אַזוי ווי די עפּעל ביי אונז, וואָס טריקענען זיך אויפ'ן בוידעם... עס איז דאָך דער ערשטער מאַיאָווער רעגען

הינדעל.

אַ משוגעת צו שטעלען זיך אויפ'ן רעגען, די גאַנצע וועלט ווי־לען זיי איינגעהמען... עס וועט סיי־ווי־סיי קיין יאָלד נישט בעווייזען זיך אין אַזאַ גוס... (געהט אָב צו איהר אין הדר'ל, וואו די פּאַרהאַנג איז אויפגערוקט, זעצט זיך ביי איהר קאַרב, פּאַקט פאַנאַנדער די צעוואָרפענע זאַכען.)

רייזעל

(אָבטרייסלענדיג פון זיך דעם רעגען).

אויף אַלדע שוואַרץ יאָהר דאַרף איך זיי. מיין ביכעל האָב איך נאָך איירנעכטען בעצאָהלט... מיר האָבען זיך הינטער דער רינע גע־שטעלט, דער רעגען שמעקט ?די... דעם גאַנצען ווינטער וואַשט ער שון קאָפּ אָב. (געהט צו צו הינדלען) זעה... (ווייזט איהר די נאַסע האָר) ווי פריש ער איז... ווי ער שמעקט...

באַשאַ.

ביי אונז דאָרט, אין דער היים, אויפ'ן דאָרף מוז שוין אודאי דער ערשטער שטשאַוו זיין, ח'לעבען, אַז דער ערשטער מאַיאָווער רעגען גיסט, קאָכט מען שוין ביי אונז שטשאָוו־באָרשט... און די צי־געז מוזען שוין זיך אויף די לאַנקעס פּאַשען... און די טראַטוועס מו־

זען שוין אודאי איבער'ן וואַסער שווימען... און פראַנעק נעהמט די שיקסעס צוזאַמען און טאַנצט אין דער קרעטשמע... און די ווייבער מוזען שוין אודאי קעז-קיכלעך אויף שבועות באַקען... (פויזע) ווייסט איהר וואָס? איך וועל מיר קויפען אַ נייע זומער-פּאָלערינע און פאָהר מיר אויף שבועות צו גאַסט אַהיים... (לויפט אריין אין איהר צימער'ל, ברענגט זיך פון דאָרט אַ גרויסען זומער-קאַפּעלוש ארוים מיט אַ לאַנגען פליה-שלייער, זעצט איהם זיך אויפ'ן נאַסען קאָפּ ארויף, און שטעלט זיך אין שפּיגעל אריין.) זעהט'ס, אַז איך ווייז מיך אַזוי שבועות אין דעם קאַפּעלוש, אַזוי צו די קאָליע אַראָבשפּאַצירען.. אַך, די גאַל וואָלט זיי געפּלאַצט פאַר קנאה, וואָס, ניין? איך וואָלט נאָר נישט פאַר'ן טאַטען מורא געהאַט...

רייזעל.

וואָס, ער וואָלט דיך געשלאָגען?

באַשאַ.

גע׳טויט וואָלט ער מיך אויפ'ן אָרט. ער זוכט מיך אַרום מיט אַנ'אייזערנעם באָטעק. ער האָט מיך אַמאָל מיט פראַנעק'ן געטראָפען אין דער קרעטשמע טאַנצען, האָט ער מיר מיט אַ דראָנג געגעבען אַזאַ קלאַפּ איבער'ן האַנד, אָט, (ווייזט די האנד) איך האָב נאָך אַ צייכען ביז צום היינטיגען טאָג. (פויזע) איך בין אַ בעל-הבתיש קינד, מיין טאַטע איז אַ קצב. וואָס מען האָט מיר שוין שדוכים אויסגערעדט... (דערצעהלט מיט א נידריגען טאָן) איין שדוך האָט מען מיר גערעדט מיט נאָטקע פלייש-האַקער. איך האָב נאָך פון איהם דאָס גאָלדענע פינגערל. (ווייזט אַ פינגערל אויף דער האנד) ער האָט מיר חל-המועד סוכות געגעבען. אוי, האָט ער מיט מיר געוואָלט אַ חתן ווערען, נאָר איך האָב נישט געוואָלט.

רייזעל.

פאַרוואָס האָסטו נישט געוואָלט?

באַשאַ.

ווייל איך האָב נישט געוואָלט... עס שטינקט פון איהם דאָס אָקסען-פלייש... בררר... פּראַשיק רופט מען איהם. גיה האָב חתונה פּאַר פּראַשיק׳ן און האָב יעדעס יאָהר אַ קליין פּראַשיקל... בררר...

רייזעל.

און וואָס האָסטו דאָ...

באַשאַ.

דאָ בין איך דאָך מיר אַ פריייער מענש, איך האָב מיר מיין קאָרב שענע וועש, אָנשטענדיג געקליידט, ח׳לעבען, אַ ביסעל שענערע קליידער ווי אונזערע נגידה׳סטע. (ברענגט אַריין פון איהר צימערל אַ קאָרינ-קאָווע העל קלייד) אַז איך גיה אין דעם אַרויס אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס ווערט אַ געקוק... פייער און פלאַם! אַך, ווען איך וואָלט מיך אַזוי אין דעם קלייד ביי אונז אין שטעדטעל געקענט ווייזען, (וואַרפט אַרויף אויף זיך דאָס קלייד) וואָלט איך מיר אַזוי שפּאַצירט צום באַהן אַראָב. (געהט איבער׳ן צימער גאַלאַנט, דערהויבענדיג פון הינטער זיך דאָס קלייד, מאַכענדיג דערביי אַ גרויס-שטעדטישע מינע). די גאַל וואָלט דאָך זיי געפּלאַצט... די פּאָפּלעקציע וואָלטען זי געקריגען אויפ׳ן אָרט. (שפּאַצירט איבער די שטוב אין איהר סטרוי, פּעציהענדיג דאָס געוויכט גרויסאַרטיג.)

רייזעל

(פערריכט איהר די פאַלדען פון קלייד פון הינטען אויס, זעצט איהר בעסער דעם הוט אויפ׳ן קאָפּ).

אַט אַזוי, דעם קאָפּ נאָך אַ ביסעל אין דער הויך... ווער דאַרף דען צו וויסען, אַז דו ביזט אין אַזאַ הויז געוועזען? דו וועסט זאָגען, אַז דו ביזט אין אַ געשעפט. אַ גראַף האָט זיך אין דיר פערליעבט...

הינדעל

(פון איהר קאַסטען אהער).

און וואָס איז דען דער מעהר אַזאַ הויז? מיר זענען נישט,

אפשר, אַזוי ווי די מיידלעך אין די גרעשעפטען? היינט איז די גאַנצע וועלט אַזוי, די היינטיגע וועלט פאַרלאַנגט עס. היינט זענען אפילו די בעל-הבת'ישע טעכטער נישט בעסער. דאָס איז אונזער פרנסה, אָבער אַז אַזאַ איינע, ווי מיר, האָט חתונה, איז זי געטרייער דעם מאַן פון ווי. מיר ווייסען, וואָס אַ מאַן איז דער טייטש..

באַשאַ

(שפּאַצירענדיג איבער דער שטוב אין דער פאָריגער פּאָזע).

אָ, יאָ, שען וואָלטען זיי שוין נישט דערקענט? דאָס האַרץ זאָגט שוין... און די מאַמע איז דעריבער געשטאָרבען... נישט געקענט איבערטראָגען... איך בין ס'מאָל אויף איהר קבר נישט געווען... (שטעלט זיך אָב פּלוצלונג אין מיט'ן שטוב) טייל מאָל קומט זי צו מיר... ביי נאַכט אין חלום, איך זעה זי, קומט זי צו מיר אין איהרע תכריכים מיט דערנער, מיט שטעכערס בעלייגט, איבער מיינע זינד, און רייסט מיר די קודלעס פון קאָפּ...

רייזעל.

אוי וויי, מאַמע-קרוין! האָסט זי געזעהן? ווי זעהט זי אויס? אַ געשטאָרבענע מאַמע? בלייך איז זי?...

הינדעל.

שווייגט! גענומען זיך ביי נאַכט פערצעהלען פון טויטע, דאָ קענען קיין טויטע נישט אַריינקומען: אונזער בעל-הבית האָט דאָך אויבען ביי זיך אַ ספר-תורה שטעהן... (אָבגעהאַקט. פּויזע) איז אונזער בעל-הבית'טע פּופּצהען יאָהר אין אַזאַ הויז אָבגעווען, חתונה געהאַט, איז זי אפשר נישט קיין אָרנ'ליך ווייבעל?... היט זי אפשר נישט אָב די דינים, וואָס אַ יודישע טאָכטער דאַרף אָבהיטען?... איז אפשר רבקה'לע איהר טאָכטער, נישט קיין כשר, ריין קינד? און אונזער בעל-הבית איז אפשר נישט קיין אָרנ'ליכער מענש? פיהרט זיך נישט פיין אויף? די שענסטע נדבה... אַ ספר-תורה געלאַזט שרייבען...

רייזעל.

מען זאָגט אָבער, אַז אין אַזאַ ספר-תורה טאָר מען נישט לייענען, אין די טעכטער פון אַזעלכע מאַמעס ווערען דערנאָך אַליין ווי די מוטערס... עס ציהט זיי, דער יצר-הרע שלעפּט זיי אין דער בלאָטע...

הינדעל

(דערשראָקען).

ווער האָט דאָס געזאָגט?

רייזעל.

אַנ'אַלטע באָבע, אַ כשוף-מאַכערין האָט עס מיר געזאָגט... אַזוי ווי כשוף איז דאָס...

הינדעל.

עס איז אַ גרויסער ליגען... וואו איז זי, די ציגיינערין, וואָלט איך איהר די אויגען אויסגעדראַפּעט... עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט... מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט...

מאַנקע

(שלייכט זיך אונטער די פאָרהאַנג פון איהר צימערל אין האַלבע נאַכט-קליידער. אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ לייכטע טוך. מען זעהט ביי איהר אַרויס די הויכע קאָלירטע שטריכמפּ, די האָר צופּלאָשעט. זי איז זעהר אַ שמיידיגע און מיט אַ לאַנג פרעך-שען געזיכט. זי איז נאָך גענוג יונג, אַ לאָק פון איהר קאָפּ איז פערוואָרפען איבער איהר שטערן. אַז זי רעדט, ווינקט זי מיט די אויגען, רעגט זיך מיט אַ ציטער איהר גאַנצער קערפּער, און מען האָט דאָס געפיהל, ווי איהרע ביינער וואָלטען זיך צוזאַמען-געבראָכען. קוקט זיך אום פערוואונדערט).

וואָס, קיינער איז נישט דאָ?

רייזעל

(דערזעהט מאנקען, אויפגערויטט).

מאַנקע, דו ביזט עס? גוט, וואָס דו ביזט אַריינגעקומען. (ווייזט אויף הינדלען) זי האָט מיך שוין באַלד פאַר אַ גאַנצע רבי'צין געמאַכט. וואו האָסט דו דיין יאָלד געלאָזט?

מאַנקע.

ער איז איינגעשלאָפען, האָב איך מיך פון איהם אַרויסגע'גנב'עט.

רייזעל.

אַ רעכטער פריץ עפּעס? ער וועט אפשר שטעלען ביער?

מאַנקע.

אַ משוגע'נער ליטוואַק עפּעס דאָרט. דאָס דריטע מאָל קומט ער צו מיר. נאָר ער פרעגט זיך אויס — ווער דער טאַטע? ווער די מאַמע? ווי ער וואָלט זיך געוואָלט משדך זיין... קושט ער, בעהאַלט ער דאָס פּנים אין די ברוסט, מאַכט די אויגען צו, און שמייכעלט, ווי די מאַמע וואָלט איהם געהאַט. (קוקט זיך אום, אין דער שטיל צו הינדלען) רבקה'לע איז נאָך נישט געוועזן?

הינדעל

(מיט אַ חנפ'דיג געלעכטערל).

געוועזן... זי האָט דעם פאָטער געטראָפען... האָט ער דאָ אַ גוואַלד געמאַכט...

מאַנקע.

וועה איז מיר... שוין לאַנג?

היגדעל.

לאַנג שוין ... ער איז שוין אודאי אַיינגעשלאָפען. (אין דער שטיל) ז' וועט אודאי באַלד אַריינקומען.

רייזעל

(אויפגערוימט צו מאַנקען).

קום, מאַנקע, מיר וועלען זיך אויף דער גאַס שטעלען, עס רעגענט אין דרויסען, טראָפּענס ווי די פּערל... דער ערשטער מאַיאָווער רעגען. ווער געהט אַרויס מיט מיר אונטער דעם רעגען זיך שטעלען?

מאַנקע

(געהט צו צום פענסטערל).

עס רעגענט אין דרויסען. אַך, וואָס פאַר אַ לייכטער רעגען... און ווי ער שמעקט... קומט'ס...

אַשאַ.

ב' אונז אין דערהיים, אַז עס גיעסט אַזאַ רעגען, ווערען די ריגשטאָקעס ברייט און פערפלייצען די קליינע געסלעך, און מען טהוט זיך אויס באָרפיס און מען טאַנצט אין דעם רעגען אַרום... ווער טהוט זיך די שיך אויס? (טהוט זיך די שיך מיט די זאָקען אויס, צו מאַנקען) טהו דיר די שיך אויס, מאַנקע, מיר וועלען אין רעגען אַרומטאַנצען...

אַנקע

(טהוט זיך אויס די זאָקען, צולאָזט די האָר).

אַזוי וועט אונז דער רעגען בעגיסען פון קאָפּ ביז די פיס... מען וואַקסט העכער, אַז מען שטעהט אונטער אַ מאַיאָווען רעגען, וואָס, ניין?

באַשאַ

(לויפט צו) .

קומט, מיר וועלען זיך בעגיסען איינע די צווייטע מיט וואַסער... מיט גאַנצע הענד וואַסער בעשפריצען (זי צולאָזט זיך די האָר) אויסצוואַגען זיך ווי די בוימעיר קומט.

הינדעל.

וואַרט, וואַרט, דער „פעטער" שלאָפט נאָך נישט, ער וועט נאָך הערען.

(אַלע האַרבען זיך אין צום באַלקען.)

רייזעל.

קומט'ס, איהר הערט, ווי ער שנאָרכט?..

מאַנקע.

וואַרט, מיר וועלען אין דער שטיל אָנקלאַפּען צו רבקה'לען

(באַשאַ און רייזעל אָב. מאַנקע נעהמט אַ שטעקען און קלאַפּט זעהר לייכט אין אַ ווינקעל פון באַלקען. פון דרויסען הערט זיך, ווי די מיידלעך שפּרינגען אַרום אין וואַסער, זיי נעהמען הענד פול מיט וואַסער און גיסען דורך די אָפענע טהיר אין שטיבעל אַריין, רופענדיג: קוממט אַרויס! קוממט אַרויס!)

רבקה'לע

(שטעקט אַריין איהר שוואַרצען קאָפּ האָר דורך דעם קליינעם פענסטער. זי איז אין די נאַכט-קליידער, אין אַ לייכטען שאַל אַרומגעהילט. רופט שטיל:)

מאַנקע, מאַנקע, דו האָסט מיך גערופען?

מאַנקע

(נעהמט אַ שטוהל, שטעלט צו צום פענסטער, קריכט אַרויף, דערגרייכט רבקה'לעס הענד.)

יאָ, רבקה׳לע, איך האָב דיך גערופען... קום, מיר וועלען זיך הינטער דעם מאַי-רעגען אַרונטערשטעלען, מיר וועלען זיך מיט וואַסער בעגיסען, און וועלען העכער וואַקסען...

רבקה׳לע

(פון איבער דעם פענסטערל)

שווייג, שטילער רעד, איך האָב מיך פון דעם בעט אַרויס-געגנב׳עט... אַז דער טאַטע זאָל נישט הערען... איך האָב מורא, ער זאָל מיך נישט שלאָגען...

מאַנקע.

האָב נישט מורא פאַר׳ן טאַטען, ער וועט זיך נישט אַזוי פלינק אויפחאַפּען... קום, מיר וועלען זיך ליעבער אויפ׳ן רעגען שטעלען. איך וועל דיר די האָר צולאָזען. (צולאָזט מיט איהרע פינגער רבקה׳לעס שווארצע פלעכט, פון איבער דעם פענסטער) אָט אַזוי וועל איך זיי דיר אין רעגען וואַשען.

רבקה׳לע.

איך בין אין בלויזען נאַכט-העמד... אַ גאַנצע נאַכט בין איך אין בעט געלעגען און האָב געוואַרט ביז דער טאַטע וועט איינגעשלאָפען ווערען, אַז איך זאָל מיך צו דיר קענען אַרויסגנב׳ענען, איך האָב דיינע קלאַפּען דערהערט און איך האָב מיך פון בעט אַרויסגעשלייערט... אַזוי לייכט זיך אַרויסגעגנב׳עט, באָרפיסערהייט, אַז דער טאַטע זאָל נישט דערהערען.

מאַנקע

(נעהמט זי ארום ליידענשאַפטליך).

קום, רבקה׳לע, איך וועל דיינע אויגען אין רעגען-וואסער וואַשען, די נאַכט איז אַזוי ליעב, דער רעגען איז אַזוי וואַרים און אַלץ שמעקט אַזוי אין דער לופט... קום...

רבקה'לע.

שווייג... שווייג... איך האָב מורא פאַר'ן טאַטען... ער האָט מיך געשלאָגען... ער האָט די שטוב צוגעשלאָסען... און האָט דעם שליסעל ביים ספר-תורה בעהאַלטען... איך בין געלעגען אַ גאַנצע נאַכט... איך האָב געהערט, ווי דו האָסט מיך גערופען... אַזוי שטיל האָסט דו מיך גערופען... עס האָט מיך געצויגען צו דיר... און איך האָב דעם שליסעל פון אָרון-קודש אַרויסגעגנב'עט... מיין האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט... אַזוי געקלאַפּט...

מאַנקע.

וואַרט, רבקה'לע... וואַרט... אָט געה איך צו דיר... (שפּרינגט אַראָב פון שטוהל, פערלאָזט דעם קעלער) איך קום צו דיר... איך קום צו דיר. (מאַנקע אָב. רבקה'לע ווערט פערשוואונדען פון פענסטער.)

הינדעל

(וועלכע האָט דעם שמועס צווישען מאַנקען און רבקה'לען זעהר נייגיריג ביי דער פאָרהאַנג פון איהר צימער'ל אויסגעהאָרכט, דרעהט זיך איצט מיט רעש ארויף און אראָב איבער דער שטוב צופלאַמט, נאָכדענקענד, ריידענדיג צו זיך אליין זעהר לאַנגזאם.)

ווען גאָט מאַכט אַזוי, און איך פּאַק זיי ביידע אויף אַמאָל, רבקה'לען מיט מאַנקע'ן, נאָך היינט אויף דער נאַכט... איך ברענג זיי ביידע אַהין צו שלמה'נען... נאַ, נאַ דיר ברויט מיט פּוטער... דינג אַ דירה, שטעל אַ חופּה, ווער אַ מענש מיט לייטען גלייך... (שטעלט זיך אָב אין מיטען שטוב נאָכדענקענדיג, צושפּרייט די הענד צום באַלקען) טאַטע אין הימעל, ביסט דאָך אַ טאַטע פאַר יתומים... מאַמע אין קבר, מיה דיך פאַר מיר... לאָז מיך קומען צו אַ ברעג! צו אַ תכלית!... (פּויזע) וואָס, ווען גאָט גיט, אַ ספר-תורה אין שוהל לאָז איך איהם שרייבען... יעדען שבת דריי פונט ליכט אין בית-המדרש אַריין (אַ לאַנגע פּויזע. פערזונקען אין דער פאַנטאַזיע פון איהר גליק.) ער איז דאָך אַ גוטער גאָט... אַ גוטער גאָט... טאַטע אין הימעל... מאַמע, מאַמע

שוויג נישט... שווייג נישט... מיה דיך... ווועלטען לייג איין... (זי געהט אַב צו זיך אין צימערל, הייבט אָן מיט ענערגיע צוזאַמענצונעהמען די זאַכען פון איהר צימערל און פּאַקט זיי זיך אין איהר קאָרב איין.) לאָז מיך נאָר קודם־כל גרייט זיין...

(אַ לאַנגע פּויזע. קיינער ווייזט זיך נישט אויף דער סצענע. מאַנקע פיהרט צו־געטול־יעט צו זיך רבקה׳לען... זיי זענען ביידע אין איין נאַם טוך אַרומגע־הילט... די האָר צופלאָשעט, אָבגעצוואָגענע... און פון די נאַסע קליידער רי־נען טראָפּענס וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע... זיי זענען ביידע באָרפּיס... ־ינדעל שטעלט זיך הינטער׳ן פאָרהאַנג פון איהר צימערל און האָרכט זיך איין.)

מאַנקע

(רעדט מיט אַ בעהאַלטענע ליידענשאַפט און ליעבע. שטיל, אָבער זעהר טיעף און קלינגענד.)

עס איז דיר קאַלט, רבקה׳לע? טוליע דיך צו צו מיר... גוט טוליע דיך איין אין מיר... וואַרים דיך אין מיר, אַזוי גוט אין מיר... קום, מיר וועלען זיך דאָ ביידע אַנידערזעצען אויף די קאַנאַ־פּע. (פיהרט זי צו צו אַ קאַנאַפּע, זעצט זיך מיט איהר) אַזוי, אַזוי... טוליע איין דיין פּנים אין מיין ברוסט... אַזוי... אַזוי... און גלעט מיך מיט דיין לייב... אַזוי קיהל, ווי וואַסער וואָלט גערונען צווישען אונז... (פּויזע) איך האָב דיר די ברוסטען ענטפּלעקט און האָב זיי דיר געוואַ־שען אין רעגען־וואַסער, וואָס איז אויף מיין האָר גערונען... אַזוי ווייס און קערנדיג זענען דיינע ברוסטען... און דאָס בלוט אין זיי קיהלט זיך אַזוי אונטער׳ן האַנד, ווי ווייסער שניי... ווי געגליווערט וואַסער... און ווי דאָס גראָז אויף די לאָנקעס אַזוי שמעקען זיי... און די האָר האָב איך דיר צולאָזט... אָט אַזוי... (צוקעמט זיי צווישען איהרע פינגער) איך האָב זיי אַזוי צווישען רעגען געהאַלטען און געוואַ־שען זיי, אָט ווי זיי שמעקען... ווי דער רעגען, (זי באָרגט איין דאָס פּנים אין רבקה׳לעס האָר) דער כּאַיאָוועער רעגען שמעקט פון זיי אַרויס... אַזוי לייכט, אַזוי ווייך... און אַזוי פריש... ווי דאָס גראָז אויף דער לאָנקע... ווי די עפּעל אויף דעם בוים... אָט אַזוי קיהל מיך מיט דיינע האָר, (זי וואשט זיך דאָס פּנים אין איהרע האָר) קיהל מיך אַזוי...

אָבער וואַרט... איך וועל דיך ווי אַ כלה-מיידעל אויפקעמען... אַ שריימך מיט צוויי שוואַרצע לאַנגע צעפּ. (צוקעמט איהר די האָר) ווילסט, רבקה׳לע? יאָ, דו ווילסט?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

יאָ, יאָ.

מאַנקע.

דו וועסט זיין די כלה... אַ שענע כלה... פרייטאָג צו נאַכטס, דו זיצסט מיט דיין טאַטעשי מיט די מאַמעשי ביים טיש... איך— דער חתן... דיין חתן... קומט צופאָהרען צו דיר צו גאַסט... ווילסט, רבקה׳לע? ווילסט, יאָ?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

יאָ, איך וויל.

מאַנקע.

וואַרט, וואַרט... טאַטע-מאַמע האָבען זיך שלאָפען געלעגט... חתן-כלה האָבען זיך דאָ געטראָפען ביי טיש, מיר שעמען זיך... ווילסט, ניין?

רבקה׳לע

(שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

יאָ, מאַנקע.

מאַנקע.

דערנאָך געהען מיר צו איינער צום צווייטען: דו ביסט דאָך

מיין כלה, איך דיין חתן... מען נעהמט זיך אַרום, (נעהמט זי אַרום) זעהר פעסט אַרום, און מיר קושען זיך זעהר שטיל, אָט אַזוי (קושען זיך) קושען מיר זיך... מיר ווערען אַזוי רויט, מיר שעמען זיך אַזוי... עס איז גוט, רבקה׳לע, גוט?

רבקה׳לע.

יאָ, מאַנקע... יאָ...

מאַנקע

(דערנידערט איהר קול, שעפּטשעט איהר ווי אין אויער).

און מיר לעגען זיך דערנאָך שלאָפען אין איין בעט, קיינער זעהט נישט, קיינער ווייסט נישט, נאָר איך מיט דיר, אָט אַזוי. (דריקט זי פעסט צו זיך) ווילסט שלאָפען מיט מיר דורך די נאַכט, אַזוי, אין איין בעט, ווילסט?

רבקה׳לע

(קלערט זיך אַרום אין איהר).

איך וויל... איך וויל...

מאַנקע

(ציהט זי צו זיך)

קום... קום...

רבקה׳לע

(אין דער שטיל).

איך האָב מורא פאַר׳ן טאַטען... ער וועט זיך אויפוועקען...

מאַנקע.

וואַרט, רבקה׳לע, וואַרט... (קלערט אַ ווילע) ווילסט מיט מיר

אַוועק פון דאַנען? מיר וועלען זיין אינאיינעם, גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט... דער טאַטע וועט נישט זיין, די מאַמע וועט נישט זיין... קיינער וועט נישט שרייען... שלאָגען... מיר וועלען זיין אַליין... גאַנצע טעג... עס וועט אַזוי פרעהליך זיין, ווילסט, רבקה׳לע, ווילסט?

רבקה׳לע

(פערמאַכט די אויגען).

דייר טאַטע וועט נישט וויסען?

מאַנקע.

ניין, מיר וועלען אַנטלויפען שוין יעצט ביי נאַכט מיט הינדלען אין איהר שטוב אַריין... זי האָט אַ שטוב ביי שלמה׳ן, זי האָט מיר געזאָגט, ווע︁סט זעהען, ווי גוט עס וועט זיין... עס וועלען קומען יונגע מענשען, אָפיצירען... מיר וועלען זיין אַ גאַנצען טאָג אַליין... מיר וועלען זיך ווי די אָפיצירען אָנטהון און אויף פערד אַרומרייטען. קום, רבקה׳לע ווילסט? יא, דו ווילסט?...

רבקה׳לע

(מיט הארץ-קלאפונג).

דער טאַטע וועט נישט הערען?

מאַנקע.

ניין, ניין. ער וועט נישט הערען, ער שלאָפט אַזוי געשמאַק. אָט, דו הערסט, ווי ער שנאָרכט... (לויפט אין הינדעלס צימער, זאָגט זי אָן ביי דער האנד) האָסט אַ שטוב? קום פלינק, פיהר אונז אַוועק!...

הינדעל

(כאפט זיך אויף).

יאָ, יאָ, פלינק צו שלמה'ן (זי האפט א קלייד, ווארפט עס אויף רבקה'לען) ער וועט אונז שוין פיהרען.

מאַנקע

(טוט אָן פלינק רבקה'לען).

דו וועסט זעהען, ווי גוט עס וועט זיין... ווי פרעהליך עס וועט זיין. (טהוען זיך אָן, האפען אויף זיך, וואס זיי קריעגען אונטער דער האנד, א טוך, א קאפטאן, שטייגען זעהר לאנגזאם אויף. אין טהיר טרעפען זיי זיך מיט רייזלען און באשען, וועלכע קומען אָבגעצוואָגען אין שטוב אריין. די לעצטע קוקען אויף זיי פערוואונדערט.)

ריז־ל. באַשאָ.

וואָהין דאָס?

הינדעל.

מאַכ'ס קיין געדודער, קיין געדויש, נאָך ביער, נאָך ליעמאַנאַד...
(הינדעל, מאנקע, רבקה'לע אָב. רייזעל און באשא קוקען זיך ביידע אָן פערוואונדערט.)

רייזעל.

די מעשה געפעלט מיר נישט.

באַשאָ.

מיר אויך נישט.

רייזעל.

דאָ מוז עפעס זיין — אָ־וואָ!...

באַשאָ

(קוקט איהר אָן דערשראָקען)

וואָס דאָס ?

רייזעל.

און וואָס געהט עס אונז אָן ? לעשען מיר אויס דעם לאָמפּ און לעגען מיר זיך שלאָפען. מיר וויסען פון גאָר נישט. (נדעהט אראָב דעם לאָמפּ).

אויף דער פּצענע ווערט האַלב טונקעל. די מיידלעך געהן אָב יעדע אין איהר צימערל).

רייזעל

(אָבגעהענדיג).

אוי, האָט זי וואָהר געזאָגט, די קאָרטען-לייגערין, אוי האָט זי וואָהר געזאָגט ...

(אָב. אייניגע סעקונדען איז אויף דער סצענע קיינער נישט דאָ, טונקעל).

באַשאַ

(ליופט ארויס ווילד פון איהר צימערל, האַלב אויסגעטהאָן מיט אַ שלופצענדיג געשריי).

רייזעל

(רופט אויף די פאָרהאַנג פון איהר צימערל).

וואָס איז דיר באַשאַ ?

באַשאַ.

איך האָב מיך מורא צו לייגען. מיר דאַכט זיך, אַז מיין בע-שטאָרבענע מאַמע מיט די שטעכערס און די דערגער דרעהט זיך אין מיין שטיבעל אַרום.

רייזעל.

דאָס ספר-תורה איז פּסול געוואָרען, האָט אונז שוין קיינער נישט אָבצוהיטען.

־אשאַ.

איך האָב מורא, אַז עס וועט אייַנט זיין נישט קיין גוטע נאַכט, מיין האַרץ ציטערט אין מיר...

(פון איבער'ן באַלקען דערהערט זיך פלוצלונג אַגערודער, אַ שאַרען מיט בענקלעך, מיט טישען, די טיירלעך האַרכען זיך, גלאַצענדיג און ערשראָקען, אַיין. באַלד דערהערט זיך ווי עמעס שווערעס פאַלט אַראָב פון די טרעפ).

דער „פעטער״

(שרייענדיג).

רבקה'לע, רבקה'לע, וואו ביסט דו?

רייזעל

(צו באַשען).

לייגען מיר זיך אַנידער שלאָפען... מיר ווייסען פון גאָרנישט...

(לייגען זיך ביידע אַנידער און מאַכען זיך חויך שלאָפען...)

דער „פעטער״

(לויפט אַריין מיט אַ ליכט אין דער האַנד, צעשויבערט די האָר, אויפ'ן העמד אַ קאַפּאָטע אַרויפגעוואָרפען. שרייט ווילד).

רבקה'לע, רבקה'לע איז דאָ? (קיינער ענטפערט נישט. גיט אַ רוק די פאָרהאַנגען פון די צימערלעך) רבקה'לע! וואו איז זי? (וועקט אויף די שלאָפענדע רייזעל און באַשע) וואו איז רבקה'לע! רבקה'לע וואו איז?

רייזעל. באַשאַ

(מאַכען זיך די אויגען אויסרייבען מיט די אַרבעל פון די קאָפטענס).

וואָס... מיר ווייסען נישט.

דער „פעטער״

איהר ווייסט נישט... איהר ווייסט נישט? ... (לויפט פלינק אַרויס).

מען הערט, ווי ער שטייגט אויף די טרעפ מיט איין שפרונג. נאָכהער א שטילע פויזע. מען הערט, ווי עפעס וואַלט זיך אַראָבגעוואָרפען פון די טרעפ. די טהיר גיט זיך א פרעל אויף מיט רעש, עס פאלט אריין דער „פעטער" האלטענדיג שרהן ביי די האָר. ביידע ועגען אין נאַכט-קליידער).

דער „פ ע ט ע ר"

(רייסט שרה'ס קאָפ פאר די האָר צו דער ערד אראָב. הייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן „הייועל").

דיין טאָכטער וואו איז? דיין טאָכטער?

באשא, רייזעל

(שטעהען ביידע צוגעדריקט צו דער וואנד און ציטערן).

(פאָרהאַנג פאלט פלינק).

○ ○ ○

דריטער אקט

סצענע.

צימער ווי אין ערשטען אקט. שענק און קאמאָד זענען אויפגערוקט, און שטיקער-וועש, מלבושים וואלגערן זיך איבער די פאָדלאָגע ארום. די שהיר אין רבקה'לעס צימער איז אָפען און פון דרינען דרינגט א שטראהל פון א ברענענדיג ליכט אריין. שרה, מיט צופלאָשעטע האָר, ארויף-געוואָרפען אויף זיך די קליידער אָהן אָרדנונג, דרעהט זיך איבער די שטוב, אויפקלויבענדיג די צעוואָרפענע זאכען, פאַקט זיי אין איין פּאַק איין, ווי צום אוועק געהן, אָבער זי לייגט דאָך די מעהרסטע זאכען צוריק אויף זייער אָרט. גרויער פריה-מאָרגען. פון די צוגעמאכטע פענסטער-לאָדען דרינגט אריין דער גרויער מאָרגען.

שרה

(אויפקלויבענדיג די וואַכען).

יעקל, וואָס טהוט זיך מיט דיר, יעקל? (געהט צו צו דער אָפּענער טהיר פון רבקה׳לעס צימער, קוקט אריין) וואָס זיצסט דו? (דרעהט זיך אָב, אויפהויבענדיג די וואַכען) אַ אונגליק, אויסגעגאַנגען, דאָס גאַנצע הויז וויל ער איבערפיהרען ... (געהט נאָך אמאָל צו צו דער טהיר) יעקל, וואָס שווייגסט דו? וואָס טהוט זיך מיט דיר? (דרעהט זיך אוים, מיט טרעהרען) זיצט אַ מענש ביי אַ ספר-תורה און קלעהרט און קלעהרט, וואָס איז דאָ צו קלעהרען? עס איז געשעהן אַ אונגליק, געה אין צירקעל, נעהם דעם פריסטאַוו ... זוך אויף דעם יונג מיט גוטען אָדער מיט בייזען ... כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט ... (ווענדט זיך צו דער טהיר) וואָס שווייגסט דו? וואָס שווייגסט דו? (זי זעצט זיך אַנידער אויף אַ פּאַק ביי דער טהיר, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענד און הויבט אָן צו וויינען) ווי משוגע זיצט ער איינער אַליין, קוקט אויפ׳ן ספר-תורה און מורמעלט עפּעס מיט די ליפּען ... אַני ער הערט נישט, אַני ער זעהט נישט, וואָס טהוט זיך דאָס מיט איהם? (שטעלט זיך אויף פון פּאַק, צום „פעטער״ אין דער טהיר) מיר איז דאָרט נישט קיין חלוק ... דו ווילסט איך זאָל אַוועק-געהן— געה איך. דער טייוועל וועט מיך נישט נעהמען ... איך וועל מיר שוין דאָרט מיין ברויט געפינען. (נעהמט זיך איינצופּאַקען איהרע וואַכען שווייגענדיג, פּויזע).

דער „פּעטער״

(קומט אריין פון דער צווייטער שטוב אָהן הוט, אָהן קאַפּאָטע, די האָר צופלאָשעט. ער קוקט ווילד מיט די אויגען, רעדט מיט אַ שטילען הייזעריגען טאָן וועהר לאַנגזאַם).

איך וועל געהן ... דו וועסט געהן ... רבקה׳לע וועט געהן ... אַלץ וועט געהן ... (ווייזט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן קעלער) אַלץ אין „הייזעל״ אריין ... גאַט וויל נישט ...

שרה.

יעקל, וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר! משוגע ביזט דו געוואָרען... (געהט צו צו איהם) בעדענק, וואָס דו טהוסט. עס איז געשעהן אַ אונגליק—ביי וועלכען מענש געשעהט נישט קיין אונגליק? קום, מיר וועלען אויפזוכען שלמה׳נען. גיעב איהם 200—300 רובל—זאָל ער אונז דאָס קינד צוריק-געבען... דער יונג וועט עס טהון... וואָס זיצט דו? וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר?

דער „פעטער"

(מיט דעם זעלבען טאָן. דרעהט זיך איבער דער שטוב).

מיר איז שוין איינגאַל... די נשמה דעם טייוועל איבערגעגעבען... עס וועט שוין גאָר נישט העלפען... גאָט וויל נישט...

(ער שטעלט זיך אַנידער ביים פענסטער און קוקט דורך דעם לאָדען-לאָך)...

שרה.

גאָט וויל נישט... איינגערעדט זיך, דו ווילסט נישט... דו האָסט דען ליעב דאָס קינד? יעקל, יעקל, (שלעפט איהם) וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרען, בעדענק כל-זמן עס איז נאָך דאָ צייט... ער קען זיך דאָך דערווייל ערגעץ וואו אַוועקפיהרען... קום אַריבער צום יונג... די מויד האָט זי דאָך אודאי צו איהם אַריבערגעפיהרט. וואָס שטעהסט דו? (אָבגעהאַקט) איך האָב געשיקט נאָך ר׳ אלי׳ן. מיר וועלען הערען, וואָס ער וועט זאָגען! — (פויזע. דער „פעטער" קוקט אַלץ אין איינעם דורכ׳ן פענסטער) וואָס קוקסט דו? (פויזע) פאַר וואָס ענטפערסט דו מיר נישט? מאַמע קרוין, מען קען דאָך משוגע ווערען.

(דרעהט זיך אָב פון איהם און וויינט הויך).

דער „פעטער"

(ווי פריהער, דרעהט זיך איבער די שטוב).

אויס הויז... אויס וויב... אויס טאָכטער... אין „הייזעל" אַריין... צוריק אין „הייזעל" אַריין... מיר דאַרפען נישט קיין טאָכטער... מיר

דאַרפען נישט... נקבות, ווי די מאַמע געוואָרען... גאָט וויל נישט... צוריק אין „הייזעל", אין הייזעל אַריין...

שרה.

ווילסט אין „הייזעל"? — מיין כפרה, האָב איך טאַקע אַ געשעפט! (כאַפּט זיך ווייטער צום איינפּאַקען) דאָס הויז וויל ער איבערפיהרען... וואָס טהוט זיך מיט איהם? (קלערט אַ ווײַלע) אַז דו ליגסט איבערזאַמען וועל איך מיך נעהמען צו טהון (נעהמט אַראָב פון די אויערען די בריליאַנטענע אויער-רינגען) איך וועל אַריבערגעהן צו שלמה'נען, איך גיעב איהם אַוועק די בריליאַנטענע אויעררינגען (זי זוכט אין פּאַק, שלעפּט אַרויס אַ גאָלדענע קייט) מיט דער גאָלדענער קייט און וויל ער נישט, לייג איך איהם צו נאָך אַ הונדערטער. (זי זוכט דעם טייסטער מיט געלד אין „פּעטער'ס" קעשענעס, דער „פּעטער" לאָזט זיך בעזוכען) עס געהט נישט אויס אַ פיערטעל שעה (זי כאַפּט אַ טוך אויף זיך) און רבקה'לע איז דאָ. (אַרויסגעהענדיג) פאַר מיר וועט ער שוין דאָס טהון. (האַקט די טהיר נאָך זיך).

דער „פּעטער"

(דרעהט זיך איינער אַליין איבער דער שטוב. דעם קאָפּ צו דער ערד).

מ'ר איז שוין סיי-ווי-סיי אַלץ איינס... דער טייוועל גענומען... אויס טאָכטער... אויס ספר-תורה... אין „הייזעל" אַריין... אין „הייזעל"... גאָט וויל נישט...

(לאַנגע ווײַלע. רייזעל ווייזט זיך אין דער טהיר, שטעקט אַריין דעם קאָפּ... שלייכט זיך אַריין אין דער שטוב, שטעלט זיך ביי דער טהיר. דער „פּעטער" בעמערקט זי, קוקט אויף איהר.)

רייזעל

(שטאַמלענדיג).

איך בין געוועזען נאָך ר' אלי'ן... די בעל-הבית'טע האָט געהייסען... ער וועט באַלד קומען...

דער „פּעטער"

(קוקט זי אָן נאָך אַ ווײַלע).

סײַ-ווי-סײַ דער טײַוועל געגומען... גאָט וויל נישט...

רייזעל

אַזאַ אָרנטליך קינד געווען... אַזאַ שאָד נעבעך...

דער „פּעטער"

(קוקט זי אָן ווי פערוואונדערט)

רייזעל

(ווי פערענטפערגדיג זיך).

די בעל-הבית׳טע האָט מיך געהייסען דאָ וואַרטען, ביז זי וועט צוריקקומען.

דער „פּעטער".

האָב נישט קיין מורא, איך בין נאָך נישט משוגע געוואָרען... נאָך נישט... גאָט האָט מיך געשטראָפט...

רייזעל.

ווער האָט זיך געזאָלט ריכטען אויף דעם... אַזאַ אָרנטליך קינד געווען... אַזאַ שאָד נעבעך... איך זאָל אַזוי לעבען...

ר׳ אלי

(מיט אַ לאַמטערן אין האַנד קומט אַרײַן).

וואָס איז דאָס אַזעלכעס געשעהן! אַזש מיך געדאַרפט פאַרטאָג רופען, (קומט מעהר אין דער שטוב אַרײַן, קוקט אין לאָרען-לאָך) מען מעג שוין באַלד דאַווענען...

דער „פעטער"

(נישט קוקענדיג אויף ר׳ אלי׳ן).

דאָס ספר-תורה איז פסול געוואָרען, ר׳ אלי, אויפס טויט אָב-נע׳פסל׳ט.

ר׳ אלי

(דערשראָקען).

וואָס רעדסטו דו, יוד? חלילה, דאָס ספר-תורה, וואָס איז גע-שעהן? אויף דער ערד אַראָבגעלאָזט? די גאַנצע שטאָדט דאַרף פאַסטען..

דער „פעטער".

נאָך ערגער, ר׳ אלי

ר׳ אלי

(אויפגערעגט).

וואָס זאָגסטו, די גאַנצע שטאָדט קען זיך, חלילה, פערזינדיגען... וואָס איז געשעהן? זאָג, יוד, רבונו של עולם!

דער „פעטער".

אין „הייזעל" אַראָב... (ווייזט אויף די פאָרלאָגע, דערנאָך אויף רייזלען) אונטען מיט זיי... אין הייזעל אַריין... אויס ספר-תורה...

ר׳ אלי.

יוד, וואָס רעדסטו? וואָס טהוט זיך דאָס? זאג!

רייזעל

(פיי דער טהיר, בערוהיגט ר׳ אלי׳ן).

ניין, רבי, נישט דאָס ספר-תורה, די טאָכטער... רבקה׳לע...

די ספר-תורה איז כשר. (ווייזט מיט׳ן פינגער אין רבקה׳לעס שטוב) דערינען...

ר׳ אלי

(אָטעמט אָב).

געלויבט השם יתברך! אָבער דאָס ספר-תורה איז כשר?

רייזעל.

יאָ, רבי.

ר׳ אלי

(רוהיגער, שפּייט אוים).

געלויבט השם יתברך, אָבגעקומען מיט די שרעק... (צום „פּע-טער״) וואָס האָסטו גערעדט נאַרישקייטען? (צו רייזלען, נישט קוקענדיג אויף איהר) אַוועק... איז זי נאָך נישט דאָ? (צום „פּעטער״) איז מען זי שוין געגאַנגען זוכען?

דער „פּעטער״.

ביי מיר איז מיין טאָכטער הייליגער, ווי אַ ספר-תורה.

ר׳ אלי.

רעד נישט קיין נאַרישקייטען... נאָר שווייג, נאָר מאַך קיין גערודער נישט... איז מען זי שוין געגאַנגען זוכען? ברענגען? ווייס איך וואָס? וואָס שטעהסטו דאָ?

רייזעל

די בעל-הבית׳טע איז שוין געגאַנגען נאָך זיהר.

ר׳ אלי.

ווייסט מען, וואו זי איז געגאַנגען?

רייזעל.

יאָ, די בעל-הבית׳טע וועט זי באַלד אַהיים ברענגען.

ר׳ אלי.

איז דאָך ווייטער גוט, וואָס-זשע שרייט עטץ, ליאַרמט... די גאַנצע וועלט זאָל זיך באַלד דערפון דערוויסען. אַזעלכע זאַכען בע-האַלט מען אין דער שטיל... עס איז נישט שען... אַ מחותן קען נאָך געוואָהר ווערען דערפון—קאָסט עס באַלד אַ פּאָר הונדערט רובעל טייערער...

דער „פּעטער".

מיר איז שוין סיי-ווי-סיי אַלץ איינס... אַלע קענען עס וויסען... אויס טאָכטער... אויס ספר-תּורה... אין „הייזעל" אַריין... אַלץ אין „הייזעל" אַריין...

ר׳ אלי

ע, ביסט דאָך גאָר חסר-דעה... עס געשעהט אַ אונגליק... עס טרעפט זיך ביי מענשען אַ אונגליק. גאָט זאָל שומר ומציל זיין... וואָס? ווען? גאָט העלפט... עס געהט דורך בשלום. דער עיקר, קיי-נער ווייסט נישט... מען הערט נישט, מען זעהט נישט. מען ווישט זיך אָב דאָס מויל און מען מאַכט זיך פון גאָרנישט וויסען... (צו רייז-לען) מען דאַרף זיך היטען מיט אַ וואָרט... עס זאָל, חלילה, ווייטער נישט קומען... געהערט?! (ווענדט זיך צום „פּעטער", דער לעצטער קוקט ערגיץ וואו ווייט אין דער וועלט אריין.) איך האָב מיך געזעהן. (קוקט זיך אום, אויב רייזעל איז נאָך דאָ. בעמערקענדיג זי, חערט ער אויף. נאָך אַ פּויזע הויבט ער ווידער אָן צו רעדען שטילער, קוקענדיג אויף רייזלען, אַז זי זאָל אַרויסגעהן. לאַנגזאַם :-

איך האָב מיך געזעהן מיט... מיט... (קוקט אויף רייזלען, רייזעל פערשטעהט און פערלאָזט די שטוב.) איך האָב מיך געזעהן מיט'ן חתנ'ס פאָטער אין בית-מדרש צווישען מנחה-מעריב, איך האָב גערעדט מיט איהם, דער יוד בעשטעהט שוין בגֶלד, איך האָב איהם אפילו פערשטעהן געגע-בען, אַזוי כּדרך אגב, אַז די כּלה איז נישט פון גרויסען יחוס. מילא, פאַר נאָך אַ הונדערטער... היינטיגע צייטען ק'קט מען נישט אויף דעם... איך וועל אודאי שבּת, אם ירצה השם, מיט דעם יוד דאָ אַרויפקומען... מען וועט געהן צום דין פערהערען דעם חתן... נאָר דער עיקר קיינער זאָל נישט וויסען, זאָל נישט געוואָהר ווערען פון דער מעשה, חלילה... עס קען שאָדען... אַ יוד פון יחוס און דער חתן איז אַ טייערער קאָפּ... נו, נו, שטיל דיך איין, נעהם דיר גאָט צו הילף און אַלץ וועט דורכגעהן בדרך-שלום... מיט גאָטס-הילף, איך געה אַהיים מיך מכין זיין צום דאַוונען און, אַז דאָס מיידעל וועט זיין, זאָלסט דו מיר באַלד צו וויסען געבען... דו הערסט? (ביים אַרויסגעהן) נאָר באַלד למען השם... (וויל אָבגעהן).

דער „פעטער"

(הויבט זיך אויף, לאָזט ר' אלי'ן ביי דער האנד).

הערט, איהר רב, איהר נעהמט אייך מיט אייער ספר-תורה. איך דאַרף עס שוין נישט מעהר...

ר' אלי

(פערוואונדערט).

וואָס רעדסט דו? וואָס ווילסט דו? ביזט משוגע געוואָרען צו חסר-דעה?

דער „פעטער".

די טאָכטער איז אין „הייזעל" געגאַנגען... דאָס ספר-תורה איז פּסול געוואָרען... גאָט האָט מיך געשטראָפט..

ר׳ אלי

(פרובט איהם איבערהאַקען).

וואָס רעדסט דו?

דער „פעטער״.

איך בין אַ זינדיגער מענש, איך ווייס עס גאַנץ גוט אַזוי... די פוס האָט ער מיר געדאַרפט אונטערברעכען, דעם קאָפּ אין דער ערד... אַ יונגען טויט... פון מיין קינד, וואָס האָט ער געוואָלט? פון מיין אָרים קינד?

ר׳ אלי.

הער דו, מען טאָר נישט אַזוי רעדען געגען גאָט.

דער „פעטער״

(אויפגערעגט).

אַלץ מעג מען רעדען... דעם אמת... איך בין טאַקע יעקל טשאַפּטשאָוויטש — אַ „פעטער״ פון אַ „הייזעל״, נאָר דעם אמת מעג מען אפילו גאָט זאָגען... איך האָב שוין גאָר נישט קיין מורא... איך בין געגאַנגען צו אייך אין בית-המדרש אַריין... איך האָב אייך אַלץ פערצעהלט... האָט איהר מיך געהייסען אַ ספר-תורה שרייבען. דעריבער, ביי איהר אין שטיבעל, האָב איך עס אַריינגעשטעלט... גאַנצע נעכט בין איך דערביי געשטאַנען, און איך האָב דערצו אַזוי געזאָגט: דו ביסט טאַקע אַ גאָט... דו ווייסט פון אַלץ, וואָס איך טו... דו וועסט מיך שטראָפען... שטראָף מיך... מיין ווייב שטראָף, מיר האָבען געזינדיגט, אָבער מיין אונשולדיג קינד שוין... אויף מיין אָרים קינד האָב רחמנות...

ר׳ אלי.

עס איז דאָך איהר קיין שום שלעכטס נישט געשעהן... זי וועט צוריק-קומען... וועט נאָך זיין אַ גאַנץ יודיש ווייבעל...

דער „פעטער".

סיי-ווי-סיי... דער טייוועל געגומען... עס וועט זי שוין צי-
הען... האָט זי נאָר געמאַכט דעם אָנהויב... וועט זי שוין נישט רו-
הען... נישט היינט איז עס מאָרגען... די נשמה דעם טייוועל איבער-
געגעבן... איך ווייס עס... אוי, איך ווייס עס...

ר' אלי.

דו רעד נישט קיין נאַרישקייטען... דו שטיל דיך איין... דו
בעט גאָט איבער אין האַרץ... לעג אַוועק דיין פּרנסה... דיין טאָכטער
וועט נאָך מיט גאָט'ס הילף חתונה האָבען, ווי אַלע יודישע טעכטער
און וועסט נאָך פון איהר נחת האָבען...

דער „פעטער".

פערפאַלען, רבי, אוי פערפאַלען... וואָלט אויף איהר אַ יונגער
טויט געקומען, רבי, וואָלט איך גאָר נישט געזאָגט... געשטאָרבען,
ווייס איך, אַז איך האָב אַ כּשר קינד בעגראָבען... געה איך צו איהר
אויף קבר-אָבות, און זאָג מיר אַזוי: אָט דאָ ליגט דיין קינד... ביסט
דו אַליין אַ זינדיגער מענש, דאָ ליגט דיינס אַ כּשר קינד, אַ אָרנטליך
קינד... אָבער אַזוי וואָס בין איך ווערט אויף דער וועלט? דו אַליין
ביזט זינדיג... לאָזט איבער אַ זינדיגען דור... גאָך דיר... און אַזוי
ציהט זיך די זינד פון דור צו דור...

ר' אלי.

דו זאָג נישט אַזוי, אַ יוד טאָר נישט אַזוי רעדען, דו נעהם
דיר גאָט צו הילף און דו זאָג אַזוי: וואָס עס איז געווען איז
פערפאַלען...

דער „פעטער"

(האקט איהם איבער).

איהר, רבי, רעדט מיר נישט איין... איך ווייס, אַז עס איז

שוין פערפאַלען... די זינד ליעגט אויף מיר און אויף מיין הויז, ווי אַ
שנור אויפ'ן האַלז ... גאָט האָט נישט געוואָלט ... נאָר איך פרעג
אייך, רבי, פאַר וואָס האָט גאָט נישט געוואָלט? וואָס וואָלט עס
איהם געאַרט, אַז דו, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, וועסט דיך אַרויסראַטעווען
פון דעם זומפּ, אין וועלכען דו זינקסט? (געהט אַריין אין רבקה'לעס צימער,
ברענגט אַריין דאָס ספר-תורה, הויבט עס אויף און רעדט) דו, ספר-תורה! איך
ווייס — דו ביסט אַ גרויסער גאָט! דו ביסט דאָך אונזער גאָט... איך,
יעקל טשאַפּטשאָוויטש, האָב געזינדיגט... (קלאַפּט זיך מיט די פויסטען אין
הארצען) מיינע זינד... מיינע זינד... דו מאַך אַ נס, דו שיק אַראָב
אויף מיר אַ פייער און פערברען מיך, אָט אַזוי ווי איך שטעה! דו
עפען אויף די ערד און לאָז מיך איינגעזונקען ווערען... נאָר מיין קינד
היט מיר אָב... שיק זי מיר אָב אַזוי ריין, אַזוי אונשולדיג, ווי זי איז
געוועזן... איך ווייס... ביי דיר איז אַלץ מעגליך... דו טו אַ נס... דו
ביזט דאָך אַ גרויסער גאָט... אַז נישט... ביזטו קיין גאָט נישט... זאָג
איך דיר, איך, יעקל טשאַפּטשאָוויטש, אַז דו ביזט קיין גאָט נישט...
אַז דו ביזט נקמה'דיג, ווי אַ מענש ביזט דו...

ר' אלי

(גיט זיך אַ כאַפּ אויף און גיט אַ ריס אַרויס דאָס ספר-תורה פון „פּעטערס" האַנד).

דו ווייסט, צו וועמען דו רעדסט?! (קוקט איהם אָן, געהט דערנאָך אַריין אין רבקה'לעס צימער מיט'ן ספר.) דאָס ספר-תורה בעט איבער!

דער „פּעטער".

דעם אמת מעג מען אפילו גאָט אין פּנים אַריין זאָגען. (געהט נאָך ר' אלי'ן אין צימער.) איז ער אַ גאָט, זאָל ער דאָ אויפ'ן אָרט זיין נס בעווייזען...

שרה

(לויפט אַריין מיט איטפּעט, זי איז צערודערט, לויפט צו צום שפּיגעל און פערקעמט זיך די האָר מיט דער האַנד, רופענדיג).

קום, אַריין, שלמה, וואָס שטעהסט דו הינטער דער טהיר?

שלמה

(אין דער טהיר).

וואו איז יעקל? זאָל ער וויסען (קוקט אַריין) פאַר אַ נאַש בוראַט וועל איך אַלץ מאַכען, כאָטש ער האָט מיך בעליידיגט.

שרה

(לויפט צו דערווייל צו רבקה'לעס טהיר, פערשליסט זיך נאָכ'ן פעטער און ר' אלי'ן).

לאָז איהם דאָרט צו רוה, (מיט אַ שמייכעל) ער איז דאָך אַ גאַנצער פרומאַק אין דער לעצטע צייט געוואָרען... חבר'ט זיך מיט פרומע ידען (לויפט צו, פערשליסט די טהיר נאָך שלמה'נען) כלות זיך אויפגעקליבען, אַזאַ אָנשיקעניש דאָס איז, עס איז זיך דאָך פון איהר נישט אָבצויאָגען, לויפט זי נאָך ווי דו וואָלסט שוין איהרער געווען... אודאי אויך אַ הער-קומען נאָך דיר צו לויפען... (שמייכעלט) אוי, שלמה, אוי שלמה סחורה זיך איינגעשאַפט... (זי געהט צו צום פענסטער. פראַלט אויף די לאַדען, אַ שטראַהל צימער-ליכט בעלויכט דאָס שטיבעל). וואָס האָבען זיי זיך צוגעמאַכט? ווי צו דער קנות...

שלמה.

האָב ניש קיין מורא זאָג איך דיר, אַז איך האָב דיר איינמאָל צוגעזאָגט יאָ—איז יאָ. פאַר ווענען איך וועל נישט טהון—פאַר דיר וועל איך עס טהון, כאָטש דו האָסט מיך אין די לעצטע צייט שלעכט בעהאַנדעלט... נאָר עס מאַכט נישט אויס... מעג זי שוין מיט'ן קאָפּ פערלייגען, עס וועט שוין גאָר נישט העלפען...

שרה

(גיט אַ געהע צו איהם, כאַפּט איהם אָן פאַר דער האַנד, קוקט איהם אין די אויגען).

אַזאַ יונג ווי דו ביזט—דאַרפסט דו אַזאַ מויד צו נעהמען? ווער איז זי? אַרום-געוואַלגערט זיך פון „הייזעל" צו „הייזעל", אַזאַ יונג ווי דו ביזט... קענסט יעצט כאַפּען אַ שענעם גראָשען, דאַרפסט דו זי? אַ יונג מיט אַ פאַר הונדערט רובעל, קענסט דו נישט נעהמען אַ

לייטיש מיידעל? פאַר וואָס נישט? פרעג איך וואָס, דו ביזט נישט אַזאַ יונגער מענש, ווי אַ אַנדערער? (קלאַפּט איהם אויף די פּלייצעס) דו רעד מיט מיר, שלמה, דו ווייסט: איך בין צו דיר קיינמאָל נישט געווען שלעכט.. כאָטש איך בין אין די לעצטע צייט אַזוי געווען צו דיר... דאָך בין איך שטענדיג שרה געווען. זאָג, אפשר נישט? (קוקט איהם אין די אויגען אריין).

שלמה

(מאַכט זיך גלייך די וואָנסען).

ע, ק'טשאָרטו... דער טייוועל ווייס, געלאָזט זיך דעם קאָפּ פערדרעהען פון דער מויד... אויף דערוויייל... אַ פּאָר גראָשען צו כאַפּען... אַ נישט מיינסט דו טאַקע האָב איך געקלעהרט מיט איהר אויף אַ רעכטען אמת... די מאַמע וואָלט מיר די אָדערן פון לייב פערשאָלטען... כ'האָב אַ אָרג'ליכע מאַמע... און מיין שוועסטער!

שרה.

קיין אַנדער געשעפט שוין נישט, נאָר זיך דעם קאָפּ צו פער־דרעהען מיט אַזאַ „נישט" און אַ „הייזעל" זיך צו פערלייגען? וואָס מען האָט היינט, משטיינס געזאָגט, פון די גאַנצע „הייזלעך"? עס לוינט טאַקע האָבען צו טהון מיט אַזעלכע אויסוואורפס... (געהט צו צו איהם, שטעקט איהם די אויערינגען איין) דו נעהם אָט דאָס צו "" גאַ דיר נאָך אַ הונדערטער צו און זאָג מיר, וואו רבקה'לע איז?

שלמה.

וואָס איז וואָהר — דאָס איז וואָהר... דו ביזט אַמאָל געווען אַ גוטע יודענע (ווינקט צו איהר) אין די לעצטע צייט ביזט דו קאַליע גע־וואָרען, נאָר עס קומט נישט צו דעם... זאָלסט וויסען, אַז שלמה איז אַ גאַש־בראַט... (נעהמט צו די אויערינגען און בעהאַלט זיי אין קעשענע).

שרה.

דו זאָג מיר, שלמה, וואו זי איז איצט... פאַר מיר מעגסט דו

אַלץ זאָגען, כאָטש איך בין איהר מאַמע... דו ווייסט: איך שרעק מיך נישט איבער מיט אַזעלכע זאַכען... זאָג, האָסט דו ערגעץ זי אָװעק־געפיהרט... צו אַ...

שלמה.

זי איז זעהר גאַהענט פון דאַנען... אַז איך זאָג דיר, אַז איך ברענג זי דיר — ברענג איך זי... הערסט, אַזאַ יאָהר שוין אויף מיר, וואָס פאַר אַ נקבה דאָס קען זיין... איהר בליק... איהר שיק... גע־ממזר׳ט זאָג איך דיר, אויף איין אויג...

שרה.

הע, שרה קען נאָך... זאָג מיר, שלמה, וואו האָסט דו זי? פאַר מיר קענסט דו אַלץ זאָגען... (נעהמט איהם ארום מיט איין האנד, קלא־פענדיג איהם מיט דער צווייטער אויף דער פלייצע און קוקט איהם שעלמיש אין די אויגען.) יאָ... זאָג, גוטער־ברודער!

שלמה.

נישט ווייט פון דאַנען... נישט ווייט.

(עס הערט זיך א קלאפען מיט פויסטען אין דער טהיר פון דרויסען).

הינדעל

(הינטער דער סצענע).

דו ווייסט נישט פון איהר... דו ווייסט נישט פון איהר..

שרה.

לאָז די דעם קאָפּ אָן וואַנד קלאַפּען... אין די לאַפּקע ווי די קאַט איהם אַריינגעכאַפּט... חאַ... חאַ... ער טאָר דאָך גאָרנישט געהן אָהן איהר... (קוקט איהם שעלמיש אָן) שעמען מעגסטו זיך, מיט מיידען טראָגט ער זיך אַרום... (שלמה קלערט א ווײלע. שרה כאפט איהם אָן ביי דער

האנד, גיט איהם א פיהר אב אין א זייט.) מיט מיר רייד... וואָס דאַרפסט דו זי? איך וועל דיר געבען אַ מיידעל... דו וועסט זעהען. (הינקט צו איהם.)

הינדעל.

(הינדעל ברעכט אויף די טהיר, לויפט אריין מיט אימפעט).

וואָס האָבען זיי זיך אין איהם אָנגעכאַפּט? אַ בייזע נאַכט אויף זייער קאָפּ, ביי זיי לויפט אַוועק אַ טאָכטער... (כאַפּט אָן שלמה'ן ביי דער האַנד) דו ווייסט נישט, וואו זי איז. וואָס ווילען זיי פון דיר?

שרה

(וועבט זיך אוועק אויף א שטוהל, קוקט אָן שלמה'ן שעלמיש, ווייזט אויף הינדלען).

דאָס איז זי, די חיה'טע? כאַ—כאַ—כאַ...

הינדעל

(קוקט זיך אום).

ווי אַ בייז געלעכטער עס איז אויף איהר... (צו שלמה'ן) דו ווייסט נישט פון איהר, (פיהרט איהם אין א זייט, אין דער שטיל) מיר וועלען אַוועקפאָהרען קיין לאָדז... דאָרט אַ חופה שטעלען... אַ דירה דינגען... אַזעלכע צוויי נקבות... בעדענק, וואָס דו טהוסט? (הויך) וואָס האָבען זיי זיך אָן דיר אָנגעטשעפּעט? דו ווייסט נישט פון איהר... (ציהט איהם ביי דער האנד) קום, שלמה... (שלמה ווייגערט זיך).

שרה

(הויך מיט א חנפ'ריג שמייכעלע).

נו, פאַרוואָס געהסטו נישט מיט איהר, שלמה? זי איז דאָך געקומען נאָך דיר... אַוועקפאָהרען נאָך לאָדז... אַ חופה שטעלען... א דירה דינגען... הים, הים. (הייבט זיך אויף צו שלמה'ן, ציהט איהם אוועק

פון הינדלען.) אַזאַ יונגער יונג ווי דו ביסט, האָסט אַ אָרנטליכע יודי-שע מאַמע, אַ פרומען טאַטען געהאַט... וואָס וויל זי פון דיר האָבען? וואָס האָט זי זיך צו דיר צוגעטשעפעט?

שלמה

(רופט).

קום, שרה, נעהם אַרויף רבקה'לען.

הינדעל

(פערשטעלט איהם מיט דער האַנד דאָס מויל).

דו וועסט נישט זאָגען... דו ווייסט נישט פון איהר, (זי לויפט צו צו דער אויסגאַנגס-טהיר, און מאַכט זי צו, אוועקשטעלנדיג זיך ביי איהר). איך וועל דיך נישט אַרויסלאָזען. (וואַרפט זיך צו שלמה'ן, כאַפּט איהם אָן ביי דער האַנד) געדענק, שלמה... זיי מעגען, מיר טאָרען נישט?! קום, שלמה... מיר וועלען אַוועקפאָהרען... אַזאַ פרנסה... אַזאַ פרנסה...

שלמה.

מיר האָבען שוין געהערט... שוין געהערט... (שטופּט זי אָב פון זיך) שפּעטער וועלען מיר ריידען, איצט האָב איך קיין צייט נישט. (געהט אַרויס מיט שרה'ן).

שרה

(לויפט צוריק אריין, גיט אַ פּראַל אויף די טהיר פון רבקה'לעס צימער, רופט).

רבקה'לע איז דאָ!

הינדעל

(אין קאָרידאָר).

איך וועל דיך נישט לאָזען... דו וועסט נישט זאָגען...

שלמה

(אין דער מהיר),

קום, שרה.

שרה

(ארויסלויפענדיג נאָך שלמה'ן).

איך געה, שלמה.

(שרה, שלמה, הינרעל אָב).

ר' אלי

(קומט אריין מיט'ן „פעטער").

גלויבט צו גאָט! גלויבט צו גאָט! (צום „פעטער", וועלכער דרעהט זיך ארויף און אראָב איבער דער שטוב. ר' אלי געהט איהם נאָך) און זעהסט, אָט האָט דיר השם יתברך געהאָלפען... ער שטראָפט טאַקע, אָבער ער שיקט די רפואה פאַר די מכה... כאָטש דו האָסט געזינדיגט, כאָטש דו האָסט גערעדט עזות'קייטען. (זאָגט איהם אָן) פון איצט אָן מוזט דו נעהמען אויף דיר, אַז דו זאָלסט אַזעלכע ווערטער נישט רעדען... זאָלסט דרך-ארץ האָבען... גרויס דרך-ארץ... זאָלסט וויסען, וואָס אַ ספר תורה איז, און וואָס אַ יוד אַ למדן איז... מוזט געהן אין בית-המדרש אַריין, מוזט דו געהן... מוזט אַ גרויסע נדבה אויף תומכי-תורה געבען... און פאַסטען אַ תענית, וועט גאָט דיר מוחל זיין... (פויזע. (קוקט אויפ'ן „פעטער", וועלכער דרעהט זיך ארויף און אַראָב פערטראַכט אין אַנדערע ענינים) וואָס, דו הערסט מיך נישט? מיט השם יתברך'ס הילף וועט אַלץ דורכגעהן בשלום, איך וועל טאַקע באַלד אַריבערגעהן נאָכ'ן חתנ'ס פאָטער... און מיר וועלען די זאַך אַ דורכשמועסען בפרוטרוט... נאָר זאָלסט דיך נישט דינגען, אַ הונדערטער אַרויף, אַ הונדערטער אַראָב. זאָלסט וויסען, ווער ער איז און ווער דו ביזט... און זאָלסט טאַקע באַלד מסלק זיין דעם נדן און נישט בעלעמוטשען מיט די חתונה... אַז עס זאָל, חלילה, נאָך אַמאָל צו קיין מכשול נישט קומען... אַזעלכע זאַכען לייגט מען נישט אָב... (קוקט אויפ'ן „פעטער") וואָס, דו

הערסט מיך ניעט? איך רעד דאָך צו דיר?

דער „פעטער"

(ווי צו זיך).

איין, אַך וויל איך זי נאָר פרעגען, נאָר איין זאַך, נאָר דעם אמת זאָל זי מיר זאָגען ... דעם גאַנצען אמת: יאָ, אָדער ניין.

ר' אלי.

דו זינדיג נישט, דאַנק גאָט, וואָס ער האָט דיך אויף אַזוי פיעל געהאָלפען.

דער „פעטער"

(ווי פריהער).

איך וועל איהר גאָר נישט טהון ... נאָר דעם אמת; יאָ, אָדער ניין.

ר' אלי.

דעם אמת ... דעם אמת ... גאָט וועט העלפען ... אַלץ וועט אַדורכגעהן בשלום ... איך געה שוין נאָכ'ן מחותן, ער איז אין בית-המדרש און וואַרט אויף מיר אודאי, (קוקט זיך אום) זאָג דיין פלונית, אַז זי זאָל דאָ דערוויייל צוזוימען ... און דו מאַך אַ קנין-יד, טאַקע באַלד אויפ'ן אָרט ... אַז ער זאָל קיין צייט נישט האָבען פון עפּעס געוואָהר צו ווערען און חרטה צו האָבען ... שמועס אָב די חתונה און שיק אַוועק די כלה צום חתנ'ס משפחה ... נאָר נישט בעלעמוטשעט ... שאַ שטיל, קיינער זאָל נישט געוואָהר ווערען ... (מאַכט זיך צום אַרויסגעהן) און דו שלאָג דיר די נאַרישקייטען פון קאָפּ אַרויס, נעהם דיר גאָט צו הילף, און זיי אויפגערוימט ... אַז דער מחותן זאָל חלילה נאָר נישט בעמערקען ... (ארויסגעהענדיג) זאָג דיין פלונית, אַז זי זאָל דאָ אָרענטליך מאַכען (געהט אָב).

דער „פעטער"

(דרעהט זיך ווי פריהער איבער די שטוב).
נאָר דעם אמת זאָל זי מיר זאָגען... דעם ריינעם אמת
(א לענגערע פויזע)

שרה

(אין דער טהיר).
קום אַריין, קום, דער טאַטע וועט דיך נישט שלאָגען... (פויזע)
געה אַריין זאָג איך דיר. (שטופט אַריין רבקה'לען. רבקה'לע איז אין א טוך ארומגעהילט איבערן קאָפּ, שטעהט ביי דער טהיר, קוקט אונפערשעמט מיט די אויגען, פערביסען די ליפּען, שווייגט, שטעהענדיג אויף איין אָרט).

שרה.

און וואָס שטעהסט דו, טאָכטער לעבען? בחת אונז אָנגעטהון...
פאַר אונזער פּראַצע... פאַר אונזער מיה... שוין שפּעטער זיך מיט דיר אָברעכענען (האקט אָב) געה אַריין... קעם דיך צו, טהו אָן אַ קלייד, אַ מענש דאַרף צו קומען... (צום „פעטער") איך האָב געטראָפען ר' אלי'ן, ער איז געגאַנגען נאָכ'ן מחותן... (קוקט זיך אין שטוב אום) אַ חורבן נאָך מיר — ווי דו זעהסט אויס!
(נעהמט זיך האַסטיג די זאַכען גלייך צו שטעלען).

דער „פעטער"

(דערזעהט רבקה'לען, קוקט זי אָן, דערנעהנט זיך צו איהר, נעהמט זי ווייך אָן ביי דער האַנד, פיהרט זי אַהין צום טיש).
האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיך נישט שלאָגען... (ער זעצט זיך) זעץ דאָ זיך אַנידער בעבען מיר, (רוקט איהר א שטוהל אַהער) זעץ דיך.

רבקה'לע

(ברוגזיג, בעהאַלט דאָס פּנים אין א טוך).
איך קען שטעהן אויך.

דער „פעטער"

זעץ דיך, (ער זעצט זי אנידער) האָב נישט קיין מורא.

רבקה׳לע

(פון אונטער דער טוך).

וואָס האָב איך מורא צו האָבען?

דער „פעטער"

(שטאמעלט).

רבקה׳לע, זאָג מיר, רבקה׳לע... דו ביזט מיין טאָכטער, אין בין דיין טאַטע, (ווייזט אויף שרה׳ן) דאָס איז דיין מאַמע... זאָג מיר, טאָכטער, זעה, דעם גאַנצען אמת זאָג מיר... דו האָב נישט קיין מורא פאַר מיר... דו שעם דיך נישט פאַר מיר... איך ווייס, נישט איבער דיינע זינד, נישט איבער דיינע זינד... איבער מיינע, איבער מיינע, איבער דיין מאַמעס זינד... אונזערע זינד... זאָג מיר, טאָכטער

שרה.

גיב נאָר אַ קוק, ווי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט איהר אויסטענה׳ן... וואָס וויל ער פון איהר האָבען? קוים דערלעבט! לאָז זי אַריינגעהן אָנטהון זיך, אַ מענש דאַרף דאָך באַלד אַנקומען. (געהט צו, וויל אוועקנעהמען רבקה׳לען פון „פעטער").

דער „פעטער".

לאָז זי אָב זאָג איך דיר.

(שטופט אָב שרה׳ן פון רבקה׳לען).

שרה

משוגע איז ער געוואָרען היינט וואָס טהוט זיך דאָס מיט איהם!

(נעהמט זיך ווייטער צו צרוימען).

דער „פּעטער“

(זעצט אנידער רבקה'לען נעבען זיך).

איך וועל דיך נישט שלאָגען... (נעהמט אן מיט זיינע פינגער איהר דינעם האלז) ווען איך וואָלט דיר דעם האלז אָבגעדרעהט אָט אַזוי, איידער דו ביזט אויפגעוואַקסען, וואָלט פאַר דיר גלייכער געווען און פאַר מיר גלייכער געווען... נאָר האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיר גאָרנישט טהון... נישט איבער דיינע זינד האָט אונז גאָט געשטראָפט, איבער אונ'ערע. איך האָב דיך אָבגעהיט ווי מיין אויג אין קאָפּ, אַ ספר-תורה האָב איך געלאָזט שרייבען, פאַר דיינעט וועגען... איך האָב עס צו דיר אין שטיבעל אַריינגעשטעלט און דערצו געבעטען גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט: היט אָב מיין קינד פון שלעכטס... מיך שטראָף, דיין מאַמע שטראָף, נאָר מיין קינד היט אָב... וועסט אויפוואַקסען, וועל איך מיט דיר אַ שדוך טהון... איך וועל דיר נעהמען אַ אָרענטליכען יונגען-מאַן פאַר אַ חתן... איך וועל אייך ביידען קעסט געבען... איהר וועט אייך ביידע לעבען...

רבקה'לע

(פון אונטער דער טוך).

איך האָב נאָך צייט התונה צו האָבען... איך בין נאָר נישט אזוי אלט.

שרה.

דאָס רעדט נאָך אַקעגען...

רבקה'לע.

נאָר מיר ווילען זיי מאַכען פאַר אַ רבי'צין, פאַר וואָס האָט די מאַמע נישט אַזוי פריה התונה געהאַט?

שרה.

האַלט דעם פּיסק, וואָרום איך פּאַטש עס דיר אויס! אויס-

נעלערנט זיך דאָס, איבער איין אַכט זיך אויסגעלערנט!

רבקה'לע

(מיט פערשטעגריג).

יאָ, איך ווייס שוין...

דער „פעטער".

לאָז זי אָב! (האסטיג) איך וויל זי נאָר איין זאַך פרעגען... נאָר איין זאַך, דעם אמת זאָג מיר... איך וועל דיך נישט שלאָגען, איך וועל דיר נישט אָנריהרען, נישט דו ביזט שולדיג... (קען דאָס וואָרט נישט אַרויסריידען) אָפען זאָג מיר, דאָס... דאָס... דעם גאַנצען אמת זאָג מיר... דעם אמת...

שרה.

וואָס פאַר אַ אמת זאָל זי דיר זאָגען? וואָס ווילסט דו פון איהר האָבען?

דער „פעטער".

נישט דיך פרעג איך. (שטעלט זיך אויף, כאפט אָן רבקה'לען ביי דער האנד) דו שעם דיך נישט פאַר מיר... איך בין אַ טאַטע בין איך... פאַר מיר קענסט דו אַלץ זאָגען... זאָג אָפען... ביזט נאָך... ביזט נאָך אַזוי ריין, ווי דו ביזט אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען? ביזט דו נאָך אַ כשר יודיש קינד?

שרה

(רייסט אַרויס רבקה'לען פון פעטערס האנד).

וואָס ווילסט דו פון איהר האָבען; דאָס קינד ווייסט נישט פון קיין שלעכטס, לאָז זי אָב.

דער „פעטער"

(האלט רבקה'לען פעסט ביי דער הא־־, פרובט איהר קוקען אין פנים אריין)

דו זאָג מי: דעם אמ.., איך וועל דיר גלויבען... אין פנים אַריין קוק מיר... גלייך אין פנים אַריין... ביזט נאָך אַ כשר יודיש קינד? אין פנים אַריין קוק מיר, גלייך אין פנים אַריין! (בעמיהט זיך צו קוקען איהר אין פנים אַריין. רבקה'לע בעהאלט דאָס פנים אין טוך).

שרה.

פאַר וואָס נעהמסט דו נישט די טוך פון קאָפּ אַראָב? אין שטוב אין אַ טוך? (רייסט איהר די טוך פון קאָפּ אַראָב, רבקה'לע לאָזט זיך נישט, בעהאלט דאָס פנים אין קאפּטען).

דער „פעטער"

(שרייט).

דו זאָג מיר יעצט... שעם דיך נישט... איך וועל דיר גאָר נישט טהון. (האלט זי פעסט ביי די הענד, נעהמט זי צו צו זיך און קוקט איהר אין די אויגען). ביסט דו נאָך אַ כשר יודיש קינד? — זאָג מיר, דאָ אויפ'ן ארט

רבקה'לע.

(פרובט פערשטעקען דאָס פנים אין קאפּטען)

איך ווייס נישט...

דער „פעטער"

(שרייט)

דו ווייסט נישט... דו ווייסט נישט, נאָר ווער דע ווייסט?.. ווי הייסט: דו ווי ־־־־־? דעם אמת זאָגען...
־יסטו נאר

רבקה׳לע.

(גיט זיך א ריס ארויס פון פעטער׳ס הענד).

און די מאַמע האָט געמעגט?.. און דער טאַטע האָט געמעגט?.. איך ווייס שוין פון אַלץ... (פערשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענד) שלאָגטס מיך, שלאָגטס מיך!

(שרה לויפט צו מיט אויסגעשטרעקטע הענד, וויל רבקה׳לען שלאָגען, דער פעטער שטופּט זי אָב מיט איין קלאַפּ, זעצט זיך אוועק בּלייך אויף זיין שטוהל, אָטעמט שווער אָב. רבקה׳לע זעצט זיך אויף דער ערד, וויינט הויך. א שטילע לאַנגע פּויזע. שרה דרעהט זיך אין שטוב אַרום. מען זעהט, אַז זי ווייסט נישט, פון וואָס צו אָנפאַנגען. נאָך א לאַנגע פּויזע נעהמט זי דעם בעזעם און קעהרט אויס די שטוב שווייגענדיג, ווי זי וואָלט עפּעס געגנב׳עט, נאָכהער געהט זי צו צו רבקה׳לען, הויבּט זי אויף בּיי דער האַנד און פיהרט זי אריין אין צימער. דאָס אַלץ טהוט זי שווייגענדיג. דער „פעטער" גלייך אויף זיין אָרט. רבקה׳לע אָב).

שרה

(קומט אריין פון רבקה׳לעס צימער, לויפט צו צום „פעטער", חאַפּט איהם אָן פאַר דער האַנד, בעטענדיג זיך).

יעקל, בעדענק דיך, געדענק אין גאָט, ווער דאַרף דען פון עפּעס צו וויסען?... (פּויזע) שטיל דיך איין... (פּויזע) רבקה׳לע וועט חתונה האָבען, מיר וועלען נאָך נחת פון איהר דערלעבען...

דער „פעטער"

(שווייגט).

שרה

טהו אָן א קאַפּאָטע, זיי וועלען דאָך באַלד אָנקומען. (קוקט אויף דעם „פעטער", אָבּהאַקענדיג) ווער דאַרף דען פון עפּעס צו וויכען!

דער „פעטער"

(שווייגט, גלאָצט מיט די אויגען אויף איין אָרט).

שרה

(ברענגט אריין דעם פעטערס ראָק, טהוט איהם אָן א הוט. דער „פעטער" לאָזט זיך אָנטהון.)

אַזאַ אונגליק... אַזאַ אונגליק... געה רעכט דיך אויף עפּעס...

(אָנגעטהון דעם „פעטער", מאַכט זי אויף זיך גלייך די מלבושים, שטעלט אַלץ אין אָרד־נונג, לויפט אריין אין רבקה'לעס צימער. מען הערט ווי זי בעהאַלט עפּעס דאָ־רינען, לויפט באַלד צוריק ארויס.) שוין שפּעטער מיט דיך זיך אָבּרעכענען. (קוקט אַרום די שטוב, אויב עס איז אַלץ אין אָרדנונג. גלייכט נאָך עפּעס אויס.) הייליגע צייטען... חאָווע אויף קינדער, אוי, אוי...

(אויף די טרעפּ הערט מען אויפגעהערטע טריט).

שרה

(לויפט צו צום „פעטער", ציהט איהם ביים ארבעל).

זיי געהען, געדענק אָן גאָט... יעקל... אַלס קען נאָך גוט ווערען...

(עס קומען אריין ר' אלי און א פרעמדער יוד).

שרה

(שטופּט ארונטער די האָר אונטער'ן שייטעל, שטעלט זיך אין די טהיר, גרייט אויפצונעהמען די געסט).

ר' אלי.

גוט מאָרגען.

שרה.

גוט מאָרגען — גוט יאָהר. ברוך הבא, (אביסעל צומישט. שטעלט ווי אנידער א שטוהל. בעט זיצען).

ר' אלי

(פרעהליך).

וואו איז דער מחותן? (זוכט מיט די אויגען דעם „פעטער").

שרה

(מיט א שמייכעלע צום „פעטער").

יעקל, פאַרוואָס ווייזט דו דיך ניט? (זי רוקט נעהנטער דעם שטוהל

צום „פעטער".

(די יודען גיבען איהם אָב שלום-עליכם, זעצען זיך.)

ר׳ אל

(בעוועגט מיט די הענד).

לאָז מען זיך באַלד נעהמען צום ענין. (צום פרעמדען יוד, ווייזענדיג אויפ׳ן „פעטער") דער יוד וויל זיך מיט אייך משדך זיין, ער האָט אַ כשר׳ע, יודישע בתולה, וויל ער איהר געבען אַ מאַן אַ תלמיד-חכם, קעסט כל ימיו.

דער פרעמדער יוד.

מהיבי היתא!

דער „פעטער"

(שטעלט זיך אויף פון טיש).

יאָ, ר׳ יוד, אַ כשר׳ע יודישע בתולה... אַ כשר׳ע...

ר׳ אלי

(צום פרעמדען יוד).

פינף הונדערט רובל במזומנים וויל ער באַלד מסלק זיין צו די תנאים... קעסט כל ימיו... האַלטען איהם ווי אַ אייגען קינד.

דער פרעמדער יוד.

מילא מיין סחורה האָב איך נישט אויסצוריהמען, ער זיצט אַ צוויי יאָהר און לערנט — האָט ער די הוראה אין קעשענע.

ר׳ אלי.

דאָס ווייסט מען טאַקע — דער יוד וועט איהם האַלטען ווי אַ אויג אין קאָפּ, פון כל טוב וועט ער דאָ האָבען, ער וועט קע[ן]ען זי־צען און לערנען יום ולילה.

דער „פעטער".

(ווייזט אויף רבקה׳לעס צימער).

יאָ, דאָרט, דערינען וועט ער זיצען און לערנען אין דער

הייליגער תורה ... איך האָב אַ כשר׳ע, יודישע טאָכטער. (געהט אריין אין רבקה׳לעס צימער און שלעפּט אַרויס מיט געוואַלד רבקה׳לען ביי דער האַנד, זי איז נאָך האַלב אויסגעטאָן, די האָר צופלאָשעט. ווייזט אויף רבקה׳לען) אַ כשר׳ע יודישע בתולה וועט חתונה האָבען פאַר אייער זוהן ... האָבען כשר׳ע, יודישע קינדער ... ווי יעדע יודישע טאָכטער ... (צו שרה׳ן) וואָס, ביין? (לאָכט ווילד צום פרעמדען יוד). יאָ, יאָ, מחותן, אַ כשר יודיש ווייבעל זיין ... מיין ווייב וועט זי אונטער דער חופה פיהרען ... אין „הייזעל״ אַראָב! אונטען! (ווייזט אויפ׳ן קעלער) אין „הייזעל״! (שלעפּט רבקה׳לען ביי די האָר צו דער טהיר) אין „הייזעל״ אַראָב!

שרה

(לויפט צו ווילד).

געוואַלד, מענשען, ער איז משוגע געוואָרען! (זי וויל אַרויסרייסען רבקה׳לען).

(דער „פעטער״ שטופּט זי אָב, שלעפּט אַרויס רבקה׳לען פאַר די האָר).

דער „פעטער״

אין „הייזעל״ אַראָב ... (אָב מיט רבקה׳לען, הינטער דער סצענע הערט מען רבקה׳לעס געוויין).

דער פרעמדער יוד.

(ערשטוינט און דערשראָקען).

וואָס איז דאָס?

(ר׳ אלי ווינקט צו איהם. שלעפּט איהם ביים אַרבעל און ווייזט איהם אויף דער טהיר. דער פרעמדער יוד שטעהט נאָך ערשטוינט. ר׳ אלי ציהט איהם צו דער טהיר, געהען אָב. פויזע.)

דער „פעטער״

(ברענגט צוריק צושלעפּען ביי דער האַנד ר׳ אלי׳ן, וועלכען ער האָט אויף די טרעפּ געפּאַקט.)

דאָס ספר-תורה נעהמט אייך מיט, איך דאַרף עס שוין נישט מעהר!

(פאָרהאַנג).

שלום אַש

דער בונד פון די שוואכע

אַ דראַמע אין דריי אַקטען.

פערזאָנען:

סטעפאַן באַרטקאָוויטש. א גוי אין די פיערציגער; אויפזעהער פון דער צוקער־פאבריק „קאָנסטאנטין", עס פעהלט איהם איין האנד. אין דריטען אקט ערשיינט ער אלס „גנב".

יאַדוויגאַ באַרטקאָוויטש. זיין ספּאַריירטע פרוי, אין זיינע יאָהרען.

אַנדרזשעי. א געוועזענער קונסט־מאלער, היינט א שטובען־מאלער.

העלענאַ. זיין פרוי. אין דריטען אקט ערשיינט זי אלס די „מאדאָנע".

יאַש
מיכאַל } זיינע קינדער פון 6 ביז 9 יאהר.
טאַלשאַ

אַ איד. א שטובן־מאלער.

שילער פון א מאלער־אקאדעמיע.

פאַנטאַסטישע פיגורן: די פראָסטיטוטקע, דער שיכור, דער בעטלער, דער ממזר, דער נאר, דער גנב, די פרוי מיט די קינדער.

ערשטער אַקט.

די סצענע שטעלט פאָר א גרויסען פויערשען הויף אין א קליין שטעדטיל אונטער דער שטאָדט, פון אַלע זייטען קומען זיך אָן פעלדער צו געהען, טייל שוין בעארבייטע, טייל נישט. דער הויף איז ארומגערינגעלט מיט א צוים. דער צוים איז באזעצט מיט אלטע טאָפּאָלען, צווישען זיי אַנ'אלטער צלם. ווייט אין הינטערגרונד בערג. די ווייכסעל גיסט זיך הינטער זיי. אין הויף א פויערשע שטוב מיט צווייי פענסטער, א גרויסע וועראנדע. אפויער שטעהט אויף דעם פעלד ביי דעם פענסטער און בעארבייט די ערד. עס איז פריהלינג. די בוימער פאר דעם פענסטער און פאר דער וועראנדע בליהען שוין קירשען-בליעכץ. עס איז א הערליכער זונען-נאָך-מיטאָג. אַלעס איז בעגאָסען מיט ליכט.

אין הויף ווייזט זיך אַנדרזשעי, עס איז אַ הויכער מאַנספּערשוין, אַ אָבגעלעבטער, מיט דאַרע, לאַנגע צעשויבערטע האָר, שטאַרק געקנייטשט געזיכט, אָרימליך אָנגעטהאָן, מיט אַ שניט פון אַ פּראָווינציעלען כלי-זמר. די הענד אין די הויזען-קעשענעס און פייפט אַ ליעד. די קינדער לויפען איהם נאָך און שרייען.

אַ נ ד ר ז ש ע י

צו יאַדוויגען.

ווייסט, ווער עס איז געקומען? די שוהלע איז דאָ, דער פּראָפעסאָר איז מיט דער שוהלע אויפען לאַנדשאַפט געקו־מען. אָ, אַ חברה, זאָג איך דיר, די קאָלעגען.

י אַ ד ו ו י ג אַ.

דו דרעה זיך אַרום, דרעה זיך אַרום, און דער איד וועט באַלד קומען נאָך דיר, ער איז שוין דאָ געוועזן דיך זוכען איינינע מאָל.

אַ נ ד ר ז ש ע י.

קאָן ער זיך אויפ'ן קאָפּ שטעלען. היינט געה איך נישט שטובען מאָלען, עה, די קאָלעגען וועלען זיך אַודאי באַלד אויפ'ן באַרג ווייזען, דאָס לאַנדשאַפט מאָלען. דאָס וועטער היינט פונקט צום לאַנדשאַפט מאָלען... די לופט אַזוי קלאָרע. *ער קוקט זיך אין הימעל אריין.* און די וואָלקען, אָ-וואַ-אָ-וואַ.

י אַ ד ו ו י ג אַ.

דו האָסט אַ פּנים פערגעסען; דו מיינסט, אַז דו ביסט נאָך אין די יונגע יאָהרען. *זי ווייזט אויף דער צווייטער טיר.* זיי האָבען קיין ברויט נישט דערינען. די קינדער דרעהען זיך פאַר'ן טיר אַרום ווי די הונגעריגע פויגעליך.

אַ נ ד ר ז ש ע י.

קאָן זיך טאָהן וואָס עס איז, היינט גיי איך נישט שטובען מאָלען, היינט בין איך נישט קיין שטובען-מאָלער. *ער כאַפּט אַ צווייג פון די ביימער און ציהט איהם צו זיך.* נאַ זעה, ווי גרויס

דאָס בליהעכץ איז שוין, עס שפּאַלטען זיך שוין קנאָספּען.
זעה, די בלעטליך ווייזען זיך שוין.

יאַדוויגאַ.

פאַרזיכטיג, משוגע׳נער, וועסט די צווייג אָברעכען,

אַנדרזשעי

פּיעשטשעט די צווייג ווי מען פּיעשטשעט אַ קליין קינד.

האָב נישט קיין מורא, איך וועל דעם קיין שלעכטס נישט טהאָן. אַז איך דערזעה דאָס ווי עס עפענט דאָס מיילעכעל און די גרינע קעפּליך הויבען זיך אָן אַרויסצוברעכען, ווערט אין מיר עפּעס — אָ, איך וויל צוריקכאַפּען דאָס, וואָס איך האָב פערלאָרען, עס ווערט אַזוי באַנג... אַזוי באַנג... פּלוצים. האָב נישט קיין מורא, איך וועל נאָך אַלעס לאָזען שטעהען און איך וועל אַוועקפאָהרען נאָך פּאַריז נאָך, דאָרט. ער רופט צום פויער האלב אין שפּאַט. נו, ווי זאָגסט דו, פעטערעל, בין איך אַ פאַרפאַלענער מענש, אָדער האָב איך נאָך האָפענונג?

יאַדוויגאַ

קוקט איהם אָן.

אַוועקפאָהרען? דו? לעג דאָך אַוועק דיינע שטיק. אַ קראַנק ווייב מיט אַ האַלב טוץ קינדערליך, וואָלסט ליעבער אַרבייטען געגאַנגען, ברויט דעם ווייב געבראַכט. צום פויער. הער נישט אויף איהם, ער מאַכט זיך צום נאַר.

דער פויער

מיט אַ געלעכטעריל.

איך קאָן דעם פּאַן זעהר גוט, האָט ליעב געלעכטער׳ס.

אַנדרזשעי.

דאָס איז אַלעס דער פריהלינג שולדיג. כ׳לעבען, אַז איך דערזעה די קנאָספּען און פיהל דעם לופט דאָ, און אָט די בלימליך וואָס דער פריהלינג ציהט פון יעדען קשאַק זיין בליהעכץ אַרויס, דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אייך אַ פערוואָרפענער קשאַק אונטער אַ צוים ערגעץ און דער פריהלינג האָט צו מיר אויך דערגרייכט. פון דערווייטענס ווייזט זיך העלענקאַ, זי איז אָרימליך געקליידעט מיט אַ פּנים פון אַ הייליגער געפּייניגטע.

יאַדוויגאַ.

דאָס ווייב זוכט דיך.

אַנדרזשעי

דערזעהט העלענקען, וועלכע וואגט נישט אהינצוגעהן.

וואָס איז?

העלענאַ

מיט מורא.

ביזט נישט געגאַנגען צו דער אַרבייט, דער איד וויל קיי געלד נישט געבען.

אַנדרזשעי.

און צו דעם האָסט דו מיך געבראַכט, אַז איך זאָל אַ שטובען-מאַלער ווערען. דענסטמאָל, ווען דער פראָפעסאָר קומט צו פאָהרען און איך זעה די קאָלעגען קומען אויפ'ן לאַנדשאַפט, זאָל איך צום איד געהען שטובען מאָלען. זעה, צו וואָס דו וואָסט מיר געבראַכט.

העלענאַ

מיט אונטערטעניגקייט און מורא.

די קינדער ווילען עסען.

אַנדרזשעי.

איך ווייס, אַז דו וואָלסט געוואָלט, אַז איך זאָל נעהמען דעם פענזעל און געהן דורך דער שטאָדט, אַז די קאָלעגען זאָלען זעהען, אַז איך בין אַ שטובען-מאַלער; איך ווייס, אַז דו וואָלסט עס געוואָלט, אַז דענסטמאָל, ווען עס ברענט אין מיר, ווען עס האָט מיך געגעבען אַ נעהם אָן דער חשק, איך ווער בעגייסטערט, וואָלסט דו געוואָלט, אַז איך זאָל צום איד שטובען מאָלען געהען. ער געהט צו צו יאַדוויגען. זעהען זי דעם גורל פון אַ קינסטלער, וויל ער זיך שוין אַמאָל נעהמען צו דער קונסט, קומט דאָס ווייב, ברויט פאַר די קינדער. אין האמלע-טישען טאָן. אָדער ברויט, אָדער די קונסט, דאָס איז די פראַגע? ניין, אַ קינסטלער טאָר נישט חתונה האָבען, טאָר נישט קיין קינדער האָבען, דאַן איז ער אַ פערפאַלענער מענש.

יאַני יאַדוויגאַ נעהמט ארויס קליינגעלט פון טאַש און גיט איהם.

אַ נ ד ר ז ש ע י

ביט איבער דאָס בילד העלענקען, וועלכע געהט אָב מיט שווייגען צו יאַדוויגען.

דאָ איז אַ אַרטיסט, מאַדאַם. אַ אַרטיסט, אַז עס נעהמט איהם אָן דער חשק, אַז עס קומט אויף איהם די בעגייסטערונג, מעג אַפילו דאָס ווייב מיט די קינדער הונגערען, וועט ער אויף גאָרנישט קוקען. *ער קוקט זיך איין אין הימעל אריין.* אָה, וואָס פאַר אַ וואָלקען... וואָס פאַר אַ וואָלקען, ווי עס ציהט זיך... און דעם קאָליער זעה, זעה, וואָס פאַרע פאַרבען... אָה, וואָלט איך געוואָלט אָט אַזוי, אָט אַזוי... איך וואָלט זיי געוויזען, ווער עס וואָלט בעסער אויפגעכאַפּט דעם וואָלקען, כאָטש איך האָב שוין אַזוי לאַנג דעם פּענזעל אין האַנד נישט געהאַלטען. לאָז מיך נאָר זעהען וואָס זיי מאַכען. *געהט אריין אין שטוב, ברענגט ארויס אויף דער הערענדע פּענזלען מיט פאַרבען, אין אַ בעלעכטעריל.* מען איז דאָך אויך אַמאָל אין אַקאַדעמיע געווען, איך האָב דאָך אויך עפּעס אַ מאַדאָנע אין דער קירכע.

יאַ ד ו ו י ג אַ.

וואָס, דו געהסט שוין ווידער לאַנדשאַפטען מאָלען? אַהאַ, די שוהלע, יעדען פריהלינג, ווען די שוהלע קומט, נעהמסט דו דיך לאַנדשאַפטען מאָלען און קיינמאָל ענדיגסט זיי נישט. וויפיעל האָסט זיי שוין דאָרט? יעדען פריהלינג אַ לאַנדשאַפט.

אַ נ ד ר ז ש ע י

בעקוקענדיג די פאַרבען מיט דעם פּענזעל.

דו, פאַניע, לאַך נישט אויס אַ אַרטיסט. אַ אַרטיסט, כאָטש ער איז געפאַלען, כאָטש ער האָט אַ ווייב מיט זעקס קינדערליך, ווי איך האָב, וועלכער בעדאַרף אויף זיי אַרבייטען, דאָך, אַז עס נעהמט איהם אָן די בעגייסטערונג, דער חשק, אָה, קען ער גרויסעס אויפטהאָן. און דאַן ווערט ער ווידער אַזוי בעריהמט, ווי ער איז געוועזען, ווען ער האָט די מאַדאָנע געמאָלט. דו געדענקסט נישט, ווען איך האָב די מאַדאָנע. *ער בעקוקט די פאַרבען.* ווייסע פאַרב איז דאָ, וועט סטייען, גרויע פאַרב איז נישטאָ, און גרויע פאַרב

דאַרף מען דוקא צו אַ לאַנדשאַפט אַ סך. ערד, לאָנקעס, בוימער, דאָס ווערט אַלעס מיט גרויע פאַרב געמאָלט. נור גרויע פאַרב איז ביליג, זעהער ביליג, ווייל זי ווערט פון ערד געמאַכט. ווייסע פאַרב קאָסט אַ סך. נאָר ווייסע פאַרב האָב איך נאָך, וועט סטייען.

יאַדוויגאַ

צו וועלכער ער האָט געקוקט די גאַנצע צייט, ווען ער האָט גערעדט וועגען די פאַרבען, נעהמט ארויס קליינגעלד און גיט איהם איבער מיט אַ ליבליכען טאָן, ערנסט.

נו, פערטרינק עס נישט, ליעבער.

אַנדרזשעי

בעליידיגט.

קאָנסט דו נישט קיין אַרטיסטישע נשמה. אַ אַרטיסט וועט דיר אַלעס פאַרטרינקען, זיין ווייב מיט זיינע קינדער, נור ניט זיין פאַליטרע מיט די פאַרבען, נור נישט זיין לייווענט, אַזוי ווי אַ גנב וועט דיר קיין מאָל נישט זיין קאָלעגע ארויס־געבען. וואָס מיינסט דו? ס'איז אַ שטוב אויסצומאָלען פאַר דעם איד, וואָס מען פערקויפט די פאַרבען און מען פער־טרינקט דאָס געלד? דאָס א ז. ווייזענדיג אויף דער פאַליטרע. די קונסט, און די קונסט איז ביי אַ אַרטיסט ער רופט אין דער צווייטער שטוב אריין. העלענאַ, העלענאַ, שיק אַרויס דעם שירם, דעם גרויסען שירם, לאָז מיך נור זעהן עפּעס אַ אָר־דענטליכע רעם. לויפט פלינק אין שטוב אריין, ברענגט ארויס לייווענט מיט אַ רעם, נעמט זיך זיי צוצוקלאַפּען אויף די טרעפּעליך פאַר די ווערענדע.

יאַדוויגאַ.

וואָס, אַ נייעס בילד? וואָלט אפשר אַ יושר געווען, זאָלסט דאָס ענדיגען, וואָס האָסט אָנגעהויבען פאַר אַ יאָהרען פריה־לינג?

אַנדרזשעי.

קאָנסט דו נישט קיין אַרטיסט, פאַני, אַ אַרטיסט וועט דיר קיינמאָל נישט ענדיגען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבען. איינמאָל אַוועקגעלעגט—איז אויס. פון קאָפּ אַרויסגעפלויגען,

שטענדיג נייעס. ער ווייזט אויפן קאָפּ. פיעל אידעען זענען דאָ. עס קומט אין הויף אריין א איד אין א איינגעוויסטען כאלאט. צום איד. כ׳ווייס, איצקא, אַ שטוב אויסצומאָלען אויף פסח? ניין, ניין, היינט נישט. היינט בין איך נישט קיין שטובען־מאָלער. ער ווייזט איהם דעם לייוועגד, וואָס ער קלאַפּט צו. זעהסט, וואָס איך בין היינט?

דער איד.

אָבער געדענק אין גאָט, אַ האַלבע שטאָדט וואַרט מיט אַרבייט אויף אונז. אַרויסגעשטעלט די זאַכען פון די שטו־בען. ביים סוחר גאָלדבערג און ביי זילבערשטיינען וואַרטען אַלע מיט׳ן מאָלען, און איהר זענט נישט געקומען צו דער אַרבייט.

אנדרזשעי

אַרבעטענדיג ביי דער רעם.

היינט וועט איהר גאָרנישט מיט מיר מאַכען, היינט וועל איך נישט געהען צו דיר אַרבייטען. די קאָלעגען פון דער אַקאַדעמיע זענען געקומען אויפ׳ן לאַנדשאַפט. דער פּראָפע־סאָר איז דאָ.

דער איד

ווענדעט זיך צו דער פּאַני יאַדוויגאַ.

און זאָגען זי, אַ גאַנץ יאָהר אויף דעם געוואַרט און געלד אויסגענומען, שטענדיג געלד, און היינט, ווען עס ברענט אונטער די הענד, לאָזט ער מיך אין מיטען. איך וועל דאָך אומגליקליך ווערען. די פּאַרב שטעהט, די שטובען אויס־געראַמט. מען רייסט דאָך מיר די טירען אָב. וואָס טהוט זיך? ווילסט געלד, נאַ דיר געלד, איך וויל זיך נישט רע־כענען, אָבער קום צו דער אַרבייט.

פּאַני יאַדוויגאַ

צו אנדרזשעיען.

כ׳לעבען, וואָלסט בעסער געטהאָן, וואָלסט צו דער אַרבייט בעגאַנגען; לעג אוועק, וועסט סיי ווי סיי גאָר נישט מאַ־כען.

אנדרזשעי

ארבייטענדיג די רעם.

וועט אייך גאַרנישט העלפען, אָה, קאָנט איהר אָבער נישט קיין אַרטיסט. ער האָט געענדיגט די רעם און געהט פלינק אריין אין שטוב.

דער איד

צו יאַדוויגען.

עס איז דאָך נישט צו פערצעהלצן, דאָס ווייב מיט די קינדער שטאַרבען פון הונגער, שיקען יעדן טאָג צו מיר נאָך געלד. ב'וואָס קאָן איך טהאָן. פון וואַנען האָב איך? מען דאַרף דאָך זיין אַ גזלן, אַ ראַזבאָיניק אויף זיין אייגען ווייב און קינד.

אנדרזשעי.

קומט ארויס, אויפ'ן קאָפּ אַ גרויסען רעמבראַנדישען קאַפּעליוש אויף דער שפּיץ גרזשיווע, אַ גרויסען שירם אונטער דעם אָרעם, די פּאַליטרע מיט די פּענזלען אויף די פּלייצעס פערוואָרפען מיט אַ אַרטיסטישע מינע.

אַ אַרטיסט וועט דיר אויף גאָר נישט קוקען, וועט דיר אַלעס לאָזען שטעהן, ווען עס נעמט איהם אָן דער חשק צו דער קונסט. ער געהט אַב מיט אַ גרויסאַרטיגער אַרטיסטישער מינע.

דער איד

לויפט איהם נאָך.

אָבער גוואַלד, וואָס טהוט זיך דאָ אין מיט'ן ברען פון סעזאָן! איהר האָט דאָך אַ ווייב מיט קינדער, וואָס הונגערען, געהען דאָך אויס פאַר אַ שטיקעל ברויט, גוואַלד ווי קען מען דאָס?

אַנדרזשעי הערט איהם נישט, געהט אַב מיט דער פריהערדיקער אַרטיסטישער מינע, דער איד נאָך איהם, יאַדוויגאַ קוקט זיי נאָך און לאַכט ביז זיי פערשווינדען אונטערן טויער.

דאָס טויער עפענט זיך, עס פאָהרט אריין אויף זיין צווייראָדער סטעפאַן בארטקאָוויטש. עס איז אַ ברייטביינינער מאַנספערשוין, שטאַרק מיט אַ בעוואַקסענער באָרד, הויכע ברעמען, שפּרינגט אַראָב פון פוהר, האַלטענדיג אין דער האַנט דריי בוימליך, דער אַרבעל אין טאַש אַריינגעלעגט.

ס ט ע פ אַ ן ב אַ ר ט ק אָ ו ו י ט ש.

גוט מאָר ען, מיין שען ווייבעלע, גוט מאָרגען.

פ אַ נ י י אַ ד ו ו י ג אַ.

וואָס ביסט דו געקומען, עס איז דאָך נישט זונטאָג היינט?

ס ט ע פ אַ ן.

העי, מיין שען ווייבעל איז בייז, און איך האָב געמיינט, און איך האָב געמיינט—זעה, דער פריהלינג איז געקומען, זומער געוואָרען אויפין לאַנד. ער ווייזט איהר די בוימעליך. זעהסט, וואָס איך האָב דיר געבראַכט?

פ אַ נ י י אַ ד ו ו י ג אַ

וואָס פאַלסט דו אָן אויף מיר פון דער הוילער הויט? וואָס לאָזט דו מיך נישט צו רוה? מיר זענען דאָך צושיידט.

ס ט ע פ אַ ן

קראַצט זיך אין קאָפּ.

העי, העי, מיין שען ווייבעלע איז בייז, און איך האָב אורלויב גענומען, פון דער פאַבריק, אַהיים געקומען. איך האָב געוואָלט אַקאַציען־בוימ׳ליך פערפלאַנצען דאָ, אין דעם גאָרטען דאָ. עס איז פריהלינג, זומער, די פייגעליך פישטשען.

פ אַ נ י י אַ ד ו ו י ג אַ.

איך דאַרף עס נישט, איך וויל עס נישט, פיהר דיר וואוהין דו ווילסט אַקאַציען־פערפלאַנצען. וואָס האָסט דו צו מיר? מיר זענען צושיידט, די קירכע האָט אונז סעפּאַרירט, דער ביסקאָפּ אַליין, וואָס קריכסט דו צו מיר? איך דאַרף פון דיר גאָרנישט, עס איז מיין הויז, מיין היים, איך וויל עס נישט ליידען.

ס ט ע פ אַ ן.

איז נישט גוט. קראַצט זיך אין קאָפּ. איז נישט גוט. דאָס ווייבעל טרייבט פון הויז, און איך האָב פון די הערן אורלויב גענומען, און איך האָב מיר גערעכענט, איך וועל מיר אַהיים קומען צו מיין שען ווייבעל, ביים טיש זיך זעצען, דעם ראָק אַראָבוואַרפען, דעם שפּאָדיל נעמען, מיין גאָרטען בעאַרבעטען, ווי אַלע פויערים טהוען, ווען עס קומט דער

פריהלינג. איך וועל זיך מיט מיין שען ווייבעל פרעהען, מתנות שענקען, די אַקאַציען פערפלאַנצען דאָ פאַר דעם הויז, פאַר די פענסטער, זיי בליהען אַזוי שען. איז נישט גוט, דאָס ווייבעל טרייבט פון הויז.

יאַדוויגאַ.

אָ, איך קאָן דיינע שטיקלעך! איך בין דיר נישט קיין ווייב, אַז דו זאָלסט צו מיר אהיים קומען. האָסט דיך געבעטען, אַז דו ווילסט ביי אַ היימישען טיש פערברענגען, עס איז דיר באַנג, זאָגסט דו, איך האָב דיר ערלויבט. הויבסט דו שוין אָן אין דער וואָכען צו קריכען, אין מיטען העלען טאָג אַראָבצופאַלען, נאָך איבער נאַכט דאָ וועלען איבערבלייבען. אָ, איך קאָן דיינע שטיק! ניין, עס וועט דיר גאָר נישט געלינגען.

סטעפאַן.

ווער וויל דען עפּעס פון דיר! איך קוק דיר נישט נאָך, איך מיש מיך נישט אַריין, טהו דיר וואָס דו ווילסט, מיט וועמען דו ווילסט. אַלע פויערים זענען אַהיים צו די ווייבער געגאַנגען, די פעלדער בעאַרבייטען, בין איך אויך אַהיים געקומען. עס איז באַנג אַליין אין פאַבריק צו זיצען, ווען דער פריהלינג קומט.

יאַדוויגאַ

דרייסט איהם איבער,

מיט וואָס פאַר רעכט מיר נאָך צו קוקען? איך בין דאָך נישט דיין ווייב, אַז דו זאָלסט מיר נאָכקוקען.

סטעפאַן

שמייבעלט,

אַודאי נישט, אַודאי נישט, דו האָסט רעכט.

פאַני יאַדוויגאַ.

און מיט וועם איך וועל וועלען איז נישט דיין עסק, און צו לאַכען האָסט דו נישט וואָס, און דיינע בוימעליך קאָנסט דו דיר צו וועמען דו ווילסט פיהרען. דאָס פעלד בעאַרבייט מען שוין אָהן דיר. געפינען זיך דען נישט קיין אַנדערע

ווייבער אחוץ מיר אויף דער וועלט, וואָס דו האָסט זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר?

סטעפּאַן

שמייכעלט.

ניין, טייערינקע, איך האָב נישט צו וועמען צו פאָהרען. און וויל נישט קיינעם בוימליך פערפּלאַנצען, און אַז דער פריהלינג האָט זיך אין דרויסען בעוויזען, האָט זיך מיר צו קיינעם נישט פערבענקט, נאָר נאָך מיין יונג ווייבעלע, נאָך מיין שען ווייבעלע, אונזער גאָרטען, פאַר אונזער הויז. ער ענדיגט נישט דעם זאַץ, שטעהט און קוקט אויף די פּאַני יאַדוויגאַ מיט אַ שמייכעלע, פערקרימט זיינע ליפּען און ווייזט זיינע גרויסע ציינער.

פּאַני יאַדוויגאַ

קוקט איהם אָן מיט פערבּאַכטונג.

אָה, איך האָב דיך פיינט! וואָלסט געוואוסט, ווי איך קאָן דיך נישט ליידען, וואָלסט דו נישט געקומען צו מיר.

סטעפּאַן

מיט דעם זעלבען שמייכעל.

און איך האָב דיך דוקא ליעב, און אַז דער פריהלינג האָט זיך בעוויזען, און די פויערים האָבען געבעטען אַהיים צו די ווייבער, האָט זיך מיר צו קיינעם נישט געוואָלט, נאָך גאָר נישט געבענקט, נור נאָך מיין שען ווייבעלע, נאָך מיין קליין ווייבעלע, זי דאָ ער ווייזט אויף דער פּלייצע פון אַבעהאַקטער האַנד. אויף מיין טראָהן צו זעצען און זי איבער דער שטאָדט צו פיהרען. ער שמייכעלט און ווייזט איהר די פּלייצע. קום, מיין ווייבעלע, אויף מיין טראָהן.

אַדוויגאַ

קוקט אויף איהם מיט דער זעלבער פערבּאַכטענדער מינע, אַבשאָקלענדיג זיך פון איהם.

אָה, ווי אָבשוילּיך!

סטעפּאַן.

און דו ביזט היינט דוקא אַזוי שען אַזוי... מיין טייער ווייבעלע, מיין קליין ווייבעלע.

זי ווענדעט זיך אָפּ פון איהם. עס קומט צו לויפען אַנדרזשעי מיט'ן הוט און פּאַליטרע.

יאדוויגא
לאכט.

נו, שוין אזוי פלינק צוריק געקומען? ווייטער אנגעהויבען א לאנדשאפט?

אנדרזשעי.

ניין. איך האב געטראפען די קאלעגען, איך האב זיי פער־בעטען אהער, איך בין פאראויס געלאפען אנזאגען. דערזעהט סטעפאנען. אה, און דו ביז אויך דא! אה, ווי גוט האסט דו געטהאן, וואס דו ביזט געקומען. עס דערמאנט אן זונ־טאג. צו טרינקען האסט דו עפעס געבראכט?

סטעפאן.

שווייג. ער ווייזט אויף יאדוויגען. די פאני איז בייז, זי טרייבט פון שטוב.

אנדרזשעי.

פארוואס? צו יאדוויגען. אה, לאז איהם די פאני דא לאזען. עס איז אזא שיינער טאג אין דרויסען, עס איז איהם א שאד אין דער פאבריק צו יאגען, כ׳לעבען.

סטעפאן
ווינקט צו איהם.

בעט דו, גראף, בעט, דו ביזט היינט אין לאסקע.

יאדוויגא.

יא, ער וועט זיך באלד אנשיכור׳ן און סקאנדאלען מאכען, איבערנאכט וועלען דא איבערבלייבען.

אנדרזשעי
צו סטעפאנען.

וועסט נישט ברויען? וועסט זיין ארטיג, יא? און אזוי ווי די זון וועט זיך זעצען אויף דער פוהר, און היידא צוריק אין פאבריק אריין—יא?

סטעפאן שאקעלט מיט׳ן קאפ.

אנדרזשעי.

נו, זעהסט דו, איך זאג גוט פאר איהם. ער וועט זיין אר־טיג, ער וועט גארנישט אנברויען, לאז איהם דא איבער,

(דער בונד פון די שוואכע .2)

פאַניע. כ'לעכען, עס איז אַ רחמנות, אַזאַ שענער טאָג אין דרויסען, פריהלינג, און ער איז דאָך אַ גוטער יונג. ער קלאפּט איהם אויף דער פּלייצע. נו, זעץ דיך אַוועק. אַזוי. און צו טרינקען האָסט דו עפּעס געבראַכט? סטעפאַן ווייזט אויף דער פּוהר. אַזוי איז רעכט. נאַ געדענק, איך האָב גוט געזאָגט. אַהאַ, איך זעה שוין די קאָלעגען. צו יאַדוויגען. די פאַני וועט דאָך גאָרנישט האָבען געגען, דיר אויף אַ גלעזעלע צו פערבעטען. עס זענען וואוילע יונגען, אָנגעפאַנגען ערשט, קינדער נאָך, אָבער בעגאַבטע בעסטיעס, רזאַפּאַעל'ס סאַמע, רעמבראַנד'ס סאַמע. ער רופט זיי פון דער וועראַנדע אַראָב, לויפט אין הויף, אין דער פאָרטקע ווייזען זיך צוויי־דריי יונגע לייט שילער פון מאַלער־אַקאַדעמיע. ביטע, לאָזען די העררן ערלויבען, ביטע. זיי קומען אריין. אַנדרזשעי שטעלט פאָר. די מאַדאַם פון הויז, פאַני באַרטקאָוויטש, פאַן באַרטקאָוויטש.

יאַדוויגאַ.

ביטע, לאָזען די העררן. די העררן שטעלן זיך פאָר. כ'וועל איך אין קיך געהען, זעהען וואָס הערט זיך מיט טהע.

סטעפאַן.

וואָס טהע, דאָס איז אַ ווייבערשע זאַך, איך ווייס וואָס די העררן האָבען ליעב. נעהמט אַרויס פון קעשענע צוויי פלעשליך קאָניאַק. מיט דעם זיך ערוואַרימען, וואָס?

אַנדרזשעי.

דאָס איז אַ כיטרע בעסטיע. אויף סטעפאַנען. דער ווייסט צו טרעפען אין סאַמע מיט'ן. ער גיסט אין די גלעזליך. לאָזען די העררן ערלויבען. איך ווייס, וואָס הייסט אַזוי שטעהן אויפ'ן פעלד און מאָלען די לאַנקעס, די הענד ווערען שטייף, מען דערוואַרימט זיך אַ ביסעל, פליהען די אידעען אַליין אין קאָפּ אַריין. צו דער פאַני יאַדוויגאַ. ביטע, לאָז די פאַני מיט אונז ערלויבען. צו די סטודענטען אויף יאַדוויגען. אַ גרויסע ליעבהאָבערין פון אונזער קונסט. אוי, שוין ניט איינעם פון אונזערע ברידער פון נויט אַרויסגעהאָלפען. מיט'ן גלעזיל צו איהר. קאָלעגען, קיין לעק נישט פריהער. ריגגלען אַרום די מאַדאַם מיט די גלעזליך. אויף דיין וואָהל, פאַניע.

פאני יאדוויגא
מיט א שמייכעל.
אז איהר ווילט עס, אויף אייער וואהל, הערין.

אלע.
בראווא, בראווא!

אנדרזשעי.
היינט איז די רייהע ביי אונז.

סטעפאן.
נור נישט רעדען צו ערשט, צו ערשט טרינקען.

אנדרזשעי
גיסט ווידער אן די גלעזליך.
ביי וועם שטודירען די הערין, ביי אלכאוויטשען? א, דאס איז א שטארקער קינסטלער. איך האב זיינע בילדער אין קונסט־אויסשטעלונג געזעהען. מיט א פערלענע שמייכעלע. איך בין דאך אויך אמאל א קינסטלער געווען, אין אקאדעמיע געווען, מיט'ן פראפעסאר דא אויפ'ן לאנדשאפט געקומען, יא, יא, הערין, מיט סטאכאוויטשען, ביי דעם גרויסען סטא־כאוויטשען געלערענט, נאר דאס איז שוין לאנג, זעהר לאנג — שוין אלעס פערגעסען. אז דו זעצסט דא אין דעם העק, אין דעם קליינעם שטעדטיל.

די סטודענטען
ווייזען זיך מיט איראניע.
ביי סטאכאוויטשען! א־ווא, קאלעגע, איהר הערט, ביי סטאכאוויטשען אליין!

סטעפאן
קלאפט אנדרזשעיען אין דער פלייצע.
נאך ווי הייסט, הערין, א גאנצער ראפאעל געוועזען, א מא־דאנע פאר דער קירכע געמאלט. מיט רחמנות. יעצט איז ער נעבעך געפאלען, אין ארימקייט דא, א שטובען־מאלער גע־ווארען.

אַנדרזשעי

בעשיידען.

אָה, אַ מאַדאָנע, אַראַפאַעל, וואָס ער זאָגט דאָרט. געמאָלט אַ הייליג בילד פאַר די קירכע, דאָס, וואָס הענגט דאָ פאַר'ן בייעם אַלטאַר, האַבייז עס די הערן געזעהן? אַ מאָדעל געהאַט אַ שענעם.

סטעפאַן.

פאַרוואָס רופסט זי דען נישט אַריין, לאָז זי זיך אויך דאָס האַרץ דערכאַפען—זאָלען די הערן דאָס מאָדעל זעהען.

די סטודענטען.

יאָ, יאָ. *צו אנדרזשעיען.* לאָז זי דער קאָלעגע אַריינרופען, מיר ווילען דאָס מאָדעל זעהען.

אַנדרזשעי.

אָה. *צו סטעפאַנען.* שווייג, זי האָט זיך ניט אין וואָס אַרומצוהילען, פאַר מענשען זיך צו ווייזן. *צו די סטודענטען.* יאָ, יאָ, אַזוי איז דאָס געווען אַמאָל, קאָלעגען. *אין א הייטערען טאָן.* מיר מיט סטאַכאָוויטשען לאַנדשאַפטען געפאָהרען מאָלען, מאַדאָנעס פאַר דער קירכע געמאָלט, יאָ, אַ פרייער קינסטלער געהייסען, לאַנגע האָר געטראָגען, אין די קאַפּען געוועסען, מענשען האָבען דרך-ארץ געהאַט. היינט זעהט איהר זיך איך דאָ אין דעם האק, אַרבעט ביים איד, אַ שילדען-מאָלער געוואָרען. נור עס מאַכט נישט אויס, קאָלעגען, איך זאָג, אַ קינסטלער איז שטענדיג אַ קינסטלער! מעג ער זיין געפאַלען, ווי ער איז. עס ציט איהם צו דאָס זיינינע, ווי אַ ציגיינער, און אַז איך דערזעה אייך, ווי איהר קומט מיט'ן פריהלינג דאָ אַהער אויפ'ן לאַנדשאַפט, וועקט זיך אין מיר דאָ עפּעס אויף... ווערט מיר באַנג, קאָלעגען. אָה, נישט פערפאַלען, אַלעס נאָך איבערלאָזען, קאָלעגען—אַז עס וועט זיך אין מיר ערוועקען, אַ עס איבערלאָזען, נאָך פאַריז פאָהרען, נאָך פלאָרענץ, דאָרט, וואו די גרויסע מייסטער, זעהען אַ ראַפאַעל, אַ ל אָנאַרדאָ-דאַ-ווינטשי. אָה איך קאָן זיי, קאָלעגען, איך האַב פון זיי געהערט.

ס ט ע פ אַ ן

שטעהט די גאַנצע צייט, וואָס אַנדרזשעי רעדט און שמייכעלט איהם אין פּנים אַריין, ציהט דאַן אַראָב דאָס ווייסע טישטוך פון טיש, און געהט אָב, זאָגענדיג אין אַנדרזשעי'ס טאָן.

נאָך פלאָרענץ, נאָך פּאַריז, אַ ראַפאַעל, אַ לעאָנאַרדאָ-דאַ-ווינטשי — אָה, קאָלעגען.

אַ נ ד ר ז ש ע י.

שרייט אים נאָך.

דו לאַף, דו לאַף און איך זאָג דיר, אַז אַ קינסטלער מוז צו ערשט מיט'ן קאָפּ אין דער ערד ליעגען, און פון אונטען אַרויף זיין קונסט אויפצוהויבען. נישט וואַהר, קאָלעגען?

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ס ט ו ד ע נ ט ע ן.

פאַר וואָס האָט דער קאָלעגע די אַקאַדעמיע פערלאָזט? צו די חברים מיט איראָניע. אַ טאַלאַנט געווען.

אַ נ ד ר ז ש ע י.

פיעל צו פערצעהלען. אַהער געקומען מיט'ן פּראָפעסאָר אויף לאַנדשאַפט, אַ מעדעל דערזעהן, פערליעבט זיך און געבליבען ביז היינטיגען טאָג.

ד י ס ט ו ד ע נ ט ע ן.

אָ-וואַ, דאָך נישט אין די מאַדאָנע?

אַ נ ד ר ז ש ע י

שמייכלענדיג שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

אָבער יאָ. איין קינד געהאַט, נאָך איינס, דריי, פיער, אַלץ געזאָלט זיך אַרויסרייסען, אין אַקאַדעמיע צוריק, געבליבען זיצען. זיצען, ביז אין די אויערען. צום איד געגאַנגען שטובען מאָלען. אָט אַזוי זיצט מען דאָ טיעף אין דער אַדמה ביז איבער די אויערען.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ס ט ו ד ע נ ט ע ן

אין דער קירכע די מאַדאָנע, וואָס?

אַ נ ד ר ז ש ע י

נאָכדענקענדיג.

און וואָס מיינט איהר, טיילמאָל געהסט דו אַריין אין די קירכע און דו זעהסט, ווי מענשען פאַלען אויף די קניען דער-

פאַר, בעטען פאַר איהר, צינדען פאַר איהר ליכט אָן, פער־
געסט דו, אַז דו האָסט דאָס געמאָלט און וואַרפסט דיך פאַר
איהר און גיסט פאַר איהר דאָס האַרץ אויס.

סטעפאַן ברענגט אהער צו פיהרען העלענען, זי איז איינגעוויקעלט אין דעם חיי־סען ליילעך, וואָס ער האָט פון טיש אראָבגעצויגען, איהר טרויעריג, אויסגע־מאַטערט געזיכט, וואָס קוקט ארויס פון ווייסען ליילעך, מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ געזיכט פון אַ הייליג־געפּיינינטע. זי געהט פאַמעליך, שוואַך, ווי זי וואָלט פון קרייץ געגאַנגען, און איהרע שווארצע אויגען שטראַהלען, ווי ליכטער ארויס פון איהר אָבגעשטאָרבען בלייך פנים.

ס ט ע פ אַ ן

פיהרט זי.

קומט דאָך מיט אונז. איהר וועט זיך אויך דאָס האַרץ דער־
כאַפּען. ער רופט צו אנדרזשעיען. הע, ראַפאַעל, וואָס בעהמסט
דו נישט דיין מאַדאָנע אויף?

ד י ס ט ו ד ע נ ט ע ן

הויבען זיך אויף פון די פלעצער, קוקען פוי דערוויטען צו איהר.

דאָס איז דאָס מאָדעל.

אַ נ ד ר ז ש ע י

צו די סטודענטען.

דאָס בילד אין קירכע איז אַנדערש, קאָלעגען. ער הויבט זיי־
אָן צו מאָלען דאָס בילד ביז סטעפאַן מיט העלענען קומען אָן. דער
שטערן איז הויך, גלאַטיג, קיין איין פאַלד נישט אין איהם,
און די בעקעליך זיינען רונדיגע, רויטליכע, פולע, און אוי־
גען, קאָלעגען, לעבעדיגע, פרישע, און ליפּען, און אַ ברוסט
דאָ הויך, אַ געהויבענע, און צעפּ צוויי לאַנגע. יאָ, דאָס בילד
איז גאַנץ אַנדערש, קאָלעגען.

די פאָרהאַנג פאַלט אין דער פויזע, ווען אנדרזשעי מאָלט דאָס בילד און סטעפאַן פיהרט צו העלענען.

צווייטער אקט.

א פינסטערע ארעמע שטוב, א לעמפיל ברענט אויפ'ן אויווען טונקעל, ביים שיין זעהט אלעס אויס ווי פעקליך ליעגען. בעטען, צובראכענע וויעגען. קינדער ווייגען. איבער דער שטוב דרעהט זיך ווי א שאטען העלענא מיט א פערבונדען פנים, טרעט צו פון קישעל צו די וויינענדע קינדער. פון דרויסען הערט זיך דאס מאיאווע געבעט־געזאנג ביים קרייץ. עס איז א הארץ־רייסענדעס קאטאלישע קירכען־געזאנג, וועלכעס איז מעהר ענליך צו אפגעריסענע געשרייען, וואס קומט אהער פון א ווייטעם עכא און וואס בעשטעהט נור פון די ווערטער: „טאטע אין הימעל, ערבארם זיך איבער אונז!‟ „זוהן, אויסקויפער פון דער וועלט, גאט, ערבארם זיך איבער אונז!‟ „הייליגער גייסט, גאט, ערבארם זיך איבער אונז!‟ „הייליגער דרייאיינציגער גאט, ערבארם זיך איבער אונז!‟ אמאל איז דאס געזאנג העכער, אמאל נידריגער.

די טהיר עפענט זיך, אנדרזשעי פיהרט אריין דעם שיכור'ן סטעפאן, וועלכער רייסט זיך פון איהם.

אנדרזשעי.

בעדענק, וואס דו טהוסט, בעזין דיך, בעזין דיך, וועסט מאכען א נארישקייט. זי וועט שרייען, שיקען נאך פאליציי עס וועט ארויסקומען א סקאנדאל—בעדענק דיך.

סטעפאן.

ניין, ניין, איך וויל נישט דא אריינגעהן, איך וויל נישט. דא איז פינסטער. דא איז אומגליק, דא איז טויט. איך וויל נישט. דא איז די גרוב פאר די ארויסגעוואָרפענע הינד. דא האלטען זיך די הינד אויף, וואס דער היצעל האט אין שטאָדט געכאפט. איך וויל נישט דא אריינגעהן.

אנדרזשעי

(ווי ער וואָלט איהם נישט געהערט).

רוהיג דיך איין, זעה, זי וועט שרייען, בעדענק, זי וועט שוין זונטאג אויך נישט לאזען קומען. טא שפאן איין דעם וואָגען און פאהר צוריק אין פאבריק.

סטעפאן

(ווי פאר זיך).

איך וויל נישט צוריקפאָהרען אין פאבריק. עס איז פריהלינג היינט. דער זומער איז געקומען. איך האב אורלויב גענו. מען. איך וויל צו מיין ווייב פאהרען, דעם גאָרטען בעאר. בייטען, אקאציען-ביימער פלאנצען, איך וויל נישט צוריק פאהרען אין פאבריק, איך האב אורלויב גענומען. איך וויל נישט דעם שעפער'ס הונד היינט זיין, די פויערים מיט דעם באטעק היינט צו דער ארבייט יאגען. איך האב אורלויב גענומען, פריהלינג איז היינט, איך בין צו מיין

ווייבעל אַהיים געקומען; עס איז מיין היים, מיין פעלד,
מיין גאָרטען, מיין ווייב;

אין דער צייט, וואָס סטעפאַן רעדט אזוי צו זיך, ווינקט אַנדרזשעי צום ווייב, זי זאָל איהם אַ קישען געבען. זי ווארפט אַ קישען צו, אַנדרזשעי לעגט דאָס קישען אונטער סטעפאַנ׳ס קאָפּ, לעגט איהם אוועק, רעדענדיג צו איהם.

אַ נ ד ר ז ש ע י.

שטיל דיך אַיין, שלאָף דיך אויס, ניכטער דיך אויס. מאָר־
גען וועסטו צוריק פאָהרען אין פאַבריק.

ער פערלאָזט די טהיר געשווינד. מען הערט, ווי ער שליעסט די טהיער נאָך זיי אָב.

ס ט ע פ אַ ן

פיהלט זיך פלוצלונג אליין, כאפט זיך אויף, לויפט צו צו דער טהיר, האקט אין איהר, ברומט, זוכט ביי דער וואנד און רעדט אריין אין דער צווייטער שטוב.

עפען אויף, עפען אויף, מיין שען ווייבעל, לאָז מיך אַריין;
איך בין אַהיים געקומען, פריהלינג איז היינט. עפען אויף,
דיין מאַן קלאַפּט אין דיין טויערל אָן, ליכטיג ווייבעל
מיינס, לאָז מיך אַריין, לאָז מיך אַריין. דרעהט זיך אום. זעהט
ווי העלענע שטעהט, קוקט איהם אָהן, שאָקעלט אויף איהם מיט׳ן קאָפּ.
אַזוי, פאַני הינדין, פון דער שטוב מיך אַרויסגעטריבען מיין
שען ווייבעל, און אין הונדען־נאָרע מיך אַריינגעלאָזט, גע־
פינען מיר זיך אין צווייען דאָ. נו, וואָס הערט זיך אין
דער גרוב, פאַני הינדין?

ה ע ל ע נ אַ

לאכט מיט אַ הייזעריגער, טוכאָטישנער שטים.

כאַ, כאַ, כאַ! און דיך האָט מען אויך דאָ אַריינגעלאָזט,
דעם אויפזעהער פון קאָנסטאַנטינער פאַבריק! כאַ, כאַ, כאַ!
האָסט דו דיך אויך געלאָזט אין דעם הונדען־קאַמער איינ־
שליעסען, כאַ, כאַ, כאַ, דער קאָנסטאַנטינער אויפזעהער...

ס ט ע פ אַ ן.

אַזוי ווי דו זעהסט, פאַני הינדין מיין שען ווייבעל האָט

מיך געלאָזט איבער נאַכט אין הונדען-לאָך שלאָפען. אַזוי ווי דו זעהסט, פּאַני הינדין, האָט מיך מיין שען ווייבעל פון שטוב אַרויסגעטריבען, מיך, דעם קאָנסטאַנטינער אויפ- זעהער, וואָס איך האָב מיין האַנד אין דער צוקער-פאַבריק פאַרלוירען און די האַרען האָבען מיך דערפאַר פאַר אַ אויפ- זעהער געמאַכט. פינף הונדערט פויערן זענען אונטער מיין רשות, איך טרייב זיי מיט דעם באַטעק פון עסען אַוועק, פון זייערע ווייב און קינדער, ווען זיי זיצען מיט זיי אין שאָטען, מיט די טעפליך אין די הענד, טרייב איך זיי מיט דעם באָטעק אין דער האַנד אין פאַבריק צוריק, ווען די מאַשין פייפט. מען ציטערט פ..ר מיר. די קינדער בעהאַלטען זיך אונטער די קשאַקעס און טייטען מיט די פינגערליך מיט פאָרכט נאָך מיר נאָך. דער אויפזעהער געהט! האָט מיך מיין שען ווייבעל אין דעם הונדען-לאָך געשיקט, האָט נישט פאָזוואָלעט אין שטוב איבערצונעכטיגען, האָט אין הונדען-לאָך געשיקט דעם אויפזעהער פון קאָנסטאַנטין.

העלענאַ.

אַזאַ שטאַרקער יונג ווי דו ביסט, אַזאַ מאַנספערשוין ווי דו, אַזאַ ברייטבייניגער ווי דו, לאָזט זיך פון אַזאַ שנעק, פון אַזאַ גאָרנישט, פון אַזאַ כיטרע קליינע באַבע... שעמען מעגסט דו דיך. דעם באַט.ק נעהמט מען אין דער האַנד און מען געהט אַריין צו איהר, זי איז דיין ווייב. איינמאָל אין קירכע געוועז, דעם רינג געגומען—איז פאַרפאַלען. ביי קריסטען איז קיין גט נישט דאָ, זי מוז דיך פאָלגען. אַך, ווען דאָס וואָלט אויף מיר אָנגעקומען, וואָלט איך אַריינגע- גאַנגען צו ב'איהר מיט'ן באַטעק אין האַנט, נאָר מיט'ן באַ- טעק. איך וואָלט געגעבען אַ טאָפּע מיט'ן פוס, איך וואָלט געגעבען אַ געשריי אויף איהר, איך וואָלט געגעבען אַ קוק זי אָן—פאַר דעם בלויזען קוק וואָלט זי געדאַרפט ציטערן. אַך, איך וואָלט מיך נישט געלאָזט פון איהר, ביי מיר וואָלט זי אַזוי נישט געשפּיעלט. אַ מאַנספערשוין ביסט דו? צו די פויערן האָסט דו נאָר אַ פּיסק, אַ לייעמענער גולם ביסט

דו, און ווייטער נישט מעהר: אויף מיר האָט זי געדאַרפט אָנקומען...

סטעפאַן.

אודאי האָסט דו רעכט, אודאי רעכט. זאָגסט גוט, זאָגסט גוט. מיט'ן באַטעק אין דער האַנד, אַ טאָפּע מיט'ן פוס, און אַ געשריי. זאָגסט גוט, פיעל מאָל האָב איך עס מיר איב רגעטראַכט, איך האָב עס מיר איבערגעלעגט, בע־שטימט, געלערנט, געוועזן גרייט, און נישט אויסגעפיהרט. עס איז שוין דאָ אַ זאַך דערביי. נאָר דו האָסט רעכט, פּאַני הינדין, זאָגסט גוט, זאָגסט גוט... נאָר פּאַר וואָס לאָזט דו אַזוי דיין מאַן דערביי אַזאַ ראָלע שפּיעלען? וואָס האָט ער געטהאָן מיט דיר? זעה, ער האָט דיך אין דעם הויז פון זיין געליבטער אריינגעבראַכט, ער האָט דיך גע־ברענגט, אַז דו זאָלסט בעטען לאַסקע, ברויט שנאָרען ביי זיין קעפּס־ווייב. האַלט דיך מיט דיינע קינדער אויף איהר חסד אויף. ער פערלאָזט דיך אויף גאַנצע נעכט. דו הערסט דורך דער וואַנד זייער פליסטערן, זייערע קושען, זייער לאַסקע־רייד, מוזט דאָס זעהען מיט דיינע אויגען, מוזט דאָס הערען אַליין. גענומען דיך אַ יונג מעדעל, אַ בלום ביזט דו דאָך געוועזן. און וואָס האָט ער געמאַכט פון דיר? אויסגענאָגט דיך ווי מען נאָגט אויס אַ פייג און אוועקגעוואָרפען. קוק דיך אין שפּיעגעל אַריין, זעה, וואָס האָט ער געמאַכט פון דיר? יעדעס יאָהר מיט דיר אַ קינד געהאַט און איבערגעלאָזט דיך מיט דיינע ווערים אויף דער לאַסקע פון זיין געליבטער. ווי אַ הינדין וואַרפט זי יעדען מאָרגען דאָס שטיקעל ברויט דיר צו און נעהמט דיר דערפאַר דעם מאַן אוועק. אָהאָ, ווען איך וואָלט אַזאַ מאַן געהאַט, אָהאָ! איך וואָלט פון איהם נקמה גענומען, מיט די לעצטע קרעפטען, וואָס איז מיר נאָך אין די ביינער געבליבען, וואָלט איך נקמה גענומען פאַר דער בושה. איך וואָלט מיט מיינע פינגער, מיט מיינע נעגעל אין זיין האַלז זיך אַריינגעריסען, איך וואָלט איהם מיט מיינע צייהן זיינע אָדערן אין האַלז אַדורכ־

געשטאָכען. דעם לעצטען טראָפּען בלוט, וואָס איז מיר אין מיינע לונגען געבליבען, אויף זיין פּנים אויסגעשפּיגען. אָט, ווען איך וואָלט אַזאַ מאַן געהאַט.

עס דערהערט זיך דורך דער וואַנד אַ לאַכען. סטעפאַן רייסט דאָס קראַנקע ווייב ביי דער האַנד און שלעפּט זי מיט געוואַלד צו דער וואַנד צו. ער זוכט אַ שפּאַרע אין וואַנד, געפינט נישט, קראַצט מיט די נעגעל אין דער וואַנד.

הערסט, ווי זיי לאַכען? דאָס לאַכען זיי איבער דיר אַזוי, דאָס פּערצעהלט ער איהר, ווי ער האָט דיך אָבגענאַרט, און וואָס ער האָט אויס דיר געמאַכט.

העלענאַ

רייסט זיך פון איהם.

ניין, דאָס לאַכען זיי אויס דיר אַזוי, דאָס פּערצעהלט זי איהם, ווי דו ליעגסט ביי איהרע פיס, און זי טרעט אויף דיר, ווי אויף אַ וואָרעם.

סטעפאַן.

ניין, דאָס לאַכען זיי אויס דיר, ער פּערצעהלט איהר, ווי ער וועט דיך מאָרגען יאָגען, אַז דו זאָלסט איהר די הענד קושען פאַר דאָס ברויט, וואָס זי גיט דיר, און איהר דאַנ־קען.

העלענאַ

היסטעריש.

דאָס לאַכען זיי אויס דיר.

סטעפאַן.

ניין, אויס דיר!

העלענאַ.

אויס דיר!

סטעפאַן.

אויס דיר, אויס דיר!

העלענאַ.

וואָס ווילסט דו פון מיר האָבען, יעזוס איינער? מען האָט דיך אַריינגעוואָרפען, ליעג.

גיט זיך אַ ריס פון איהם, אַ בלאָז, לעשט אויס די לאַמפּ אויפ׳ן אויוען. אין שטוב ווערט פינסטער.

סטעפאנס שטים.

כאַ, כאַ, כאַ נו, זעהסט שוין, פאַני הינדין?! עס איז פינסטער אין שטוב. א לאַנגע ווײַלע איז שטיל, מען הערט א קינד וויינען. פון דרויסען הערען זיך יעצט די שטימען שאַרפער, רײַצענ־דער, און א שטאַרקער הארץ־געוויין. עס זעהט זיך אויס, די תפלה איז געקומען צו איהר לעצטער עקסטאַזע.

שטימען פון דרויסען

בעטענדיג.

טאַטע אין הימעל, ערבאַרם זיך איבער אונז! זוהן, אויס־קויפער פון דער וועלט, ערבאַרם זיך איבער אונז! היילי־גער גייסט, גאָט, ערבאַרם זיך איבער אונז! הייליגער דריי איינציגער, גאָט, ערבאַרם זיך איבער אונז!

העלענאַ

וויעגט דאָס קינד איין מיט דעם זעלבען טאָן פון די געזאַנגען.

שטיל דיך איין, אַ, לאַ, אַ, לאַ, טאַטע אין הימעל, ער־באַרם דיך איבער אונז! אַ, לאַ, לאַ. שלאָפט איין ביים וויעגען דאָס קינד. א לאַנגע ווײַלע א שטילע פויזע. אַלע שלאָפען. א מאָדנע בע־לויכטונג פון דער לבנה דורכ'ן פענסטער.

אַ צווייט קינד

וויינט פון בעט ארויס.

מאַמע, עס איז מיר קאַלט.

העלענאַ.

שטיל זיי, יאַשעק, דער טאַטע וועט באַלד קומען מיט'ן באַ־טעק צו געהען.

דאָס קינד וויינט.

עס איז מיר קאַלט, מאַמע, דעק מיך איין.

העלענאַ.

שווייג, יאַשעק, שווייג, איך האָב דיך נישט מיט וואָס צו־צודעקען, דער טאַטע וועט באַלד אַריינקומען.

סטעפאַן.

הע, שווייגט, רעמבראַנד'ס, שווייגט, וואָס וועקט איהר דעם טאַטען אויף? דער טאַטע שלאָפט מיט'ן קעפּס־ווייב.

העלענא.

נאָך דעם האָבען זיי אויף מיין קאָפּ אָנגעשיקט, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר; דאָס ווייב לאָזט דעם מאַן נישט אַריין, שלעפּען זיי איהם דאָ אַהער.

סטעפּאַן.

(הייבט זיך אויף, נעמט אַרויס פון טאַש אַ עלעקטריק לאַמטערענדיל, וועלכעס בעלויכט דאָס שטיבעל און געהט דערמיט צו די קינדער צו.)

וואָס וויינסט דו, יונג, שוויג, שטיל דיך איין, אָט באַלד קומט דער טאַטע אַריין—גררר!

(דאָס קינד ווערט פאַרשוויגען, בעהאַלט דעם קאָפּ אונטער דעם קישען—סטעפּאַן לאַכט.)

הלענא.

וואָס שרעקסט ער מיר די קינדער איבער? געה, לעג דיך אין דיין רוה אַריין.

(דאָס קינד וואַרפט איין אויג אויף איהם פון אונטער דעם קישען, האָט מורא צו קוקען, ברעכט מיט אַ שטאַרק געוויין אַרויס.)

סטעפּאַן

(צום קינד.)

האָב נישט קיין מורא. וואָס? בין איך דען אַזוי שרעקליך? בין איך דען דער טאַטע דיינער, דער טייוועל דען, וואָס דו שרעקסט דיך אַזוי פאַר מיר? נאַ, ווילסט דאָס לעמפּיל? זעה, מיט אַ שפּרונג — ווערט עס ליכטיג, נאַ, שטיל דיך איין.

(דאָס נעמהט דאָס לעמפּיל אין האַנד אַריין. אין שטוב ווערט פינסטער, דאָס קינד וויינט.)

סטעפּאַ

(לאַכט.)

דריק ביים קנאָפּ, דריק ביים קנאָפּ, עס וועט ווערען ליכטיג.

דאָס קינד

(וויינט)

איך ווייס נישט ווי!

סטעפאַן

לאַכט.

אָט אַזוי!

ער נעהמט דאָס מאַשינדעל, עס ווערט ליכטיג. ער ווייזט דאָס דעם קינד, דאָס קינד נעהמט עס אין האַנד און פרעהט זיך.

יאַש

וועקט דעם צווייטען ברודער אויף, וואָס שלאָפט ביי איהם.

נאַ, זעה, וואָס איך האָב!

דער צווייטער

כאַפּט זיך פון שלאָף אויף, מיט פרייד.

אוי, אוי!

אַמעדעל

פון אַ צווייט בעט.

ווייזט מיר אויך, אויך.

העלענאַ.

שלאָפט דאָך איין, וואָס וועקט ער מיר די קינדער אויף?

סטעפאַן.

לאָזען זיי וואַך זיין. עס וועט פרעהליכער זיין.

העלענאַ.

זיי וועקען מיר דאָס קליינע אויף. אַלאַ, לאַ...

סטעפאַן.

בויגט זיך איבער דעם וויעג.

וואָס וויעגסט עס דען איין? גיב איהם ליעבער די ברוסט אין מויל אַריין. דאָס קינד איז הונגעריג. צום קינד. ס'וואַהר, עס איז אַזוי.

העלענאַ.

וואָס וויל ער פון מיין קאָפּ? איך האָב קיין טראָפּען מילך אין די ברוסטען נישט, אַ דורך אייטער און בלוט, וואָס האָט זיך דאָרט אונטער מיין האַרץ דורך אַ גאַנצען טאָג אָנגעזאַמעלט—זאָל ער עס אין זיך איינזויגען.

סטעפאַן.

זיי דאָך נישט אַזוי בייז, ווייב, וואו האָסט דו דאָס האַלץ?

ניב, איך וויל אייך א פייער מאכען, מילך איז דאָך אין שטוב דאָ.

העלענא.

קיין פינגערהוט נישט.

סטעפאַן.

איז נישט גוט, וועט טהע אויך מוזען גוט זיין. צום קינד. קליי- נער רעמברא‎ַנד, וועסט דיך מוזען מיט טהע בעגנוגען לאָזען. צינד די לאָמפּען אָן.

העלענא

געהט די לאָמפּ אָנצינדען.

וואָס האָבען זיי נאָך דעם אויף מיין קאָפּ אָנגעשיקט?

סטעפאַן.

הער אויף צו שרייען, ווייב. צום קינד. ליכטיגער, יונג, דריק אויפ'ן קנאָפּ, לאָז ליכטיג זיין. ער געהט צו די קיך, זוכט עפּעס דאָרט, לעגט א פייער אונטער. שווייג, שווייג, קליינער ראַפאַעל, עס וועט באַלד טהע פאַרטיג זיין.

העלענא

צינדט אָן די לאָמפּ.

וואָס האָט ער טאָג געמאַכט? די קינדער ווילען עסען ווילען.

סטעפאַן.

שאַדט נישט. איך האָב עפּעס אין מיין קעשענע אָנגע- גרייט... ווען איך פאָהר צו מיין ווייבעל אַהיים, דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז איך האָב קינדער אין דער היים, וואָס וואַר- טען אויף מיין קומען. קויף איך זיי מתנות מיט, ווען א העמדיל, ווען אַ טראָמפּייטיל, און בייגל אַסך, האָניג- קיכעליך, מיט וואורשטעליך אויף צוויי איילען לאַנג, טי- כעליך און שיכעליך... פאַר יעדען געוועלביל שטעל איך זיך אָב, און וואו איך זעה אַ שפּיעל-וואַרג, קויף איך עס מיט. איך האָב מיר צוויי גרויסע טאַשענס געמאַכט. אַז איך וועל אַהיים קומען, ווילען מיך די קינדער אַרומרינג- לען, די יונגען מיט די מיידען און פון מיינע טאַשען צי-

העז אָהן אַנ'עק. געהט אוועק פון פּייער נעהנטער צו די קינדער און רופט צו זיי. אַהער דאָ, יונגען, זוכט אין מיינע קעשענעס, איהר וועט דאָרט עפּעס געפינען.

די קינדער קוקען מיט בלישטשענדע אויגען פון די בעטליך ארויס אויף איהם, קוקען מיט שרעק און נישט־צוטרויען.

ס ט ע פ אַ ן.

קומט אהער, קומט אַהער, איך בין דער דזשאַד, וואָס קומט און ברענגט אין כריסטוס־נאַכט מתנות פאַר די קינדער. ער ציהט זיך דעם הוט איבער די אויערן, צולאָזט זיך די באָרד. אָה, שווער איז מיין זאַק, פול מיט מתנות אָנגעפּאַקט. אָה, קומט אַהער, ל'דיגט די טאַשען אויס, איך האָב קיין כח נישט צו שלעפּען מעהר.

יאַש

קוקט אויף איהם מיט שרעק און חשק.

אין וואַלד וועסט דו נישט מיטשלעפּען?

ס ט ע פ אַ ן.

ניין, ניין, געוויס נישט. איך בין דאָך דער טאַטע אייערער, וואָס בין געקומען פון וועג אַהיים צו געהען. דערקענט איהר מיך דען נישט? קום דאָך נור אַהער, שטעק נור דאָס הענדטיל אין קעשענע אריין.

דער קליינער יאַש קריכט אַראָב פון בעט, געהט מיט מורא צו, שטעקט אויס דאָס הענדטיל אין סטעפאַנ'ס טאַרבע אריין, וואָס ער בעהאַלט אונטער דעם ראָק. דאָס קינד זוכט לאַנג, שלעפּט ארויס א שנירל בייגעליך.

יאַש

מיט פרייד.

זעהסט, וואָס איך האָב! אָך, אָך, זעהסט, וואָס איך האָב!...

ס ט ע פ אַ ן.

אָ, הָסט דו געפּאַקט! אַהאָ, אָהאָ, דו יונגאַטש איינער! ער רופט צו די קינדער. קומט אַהער, קומט אַהער, ער וועט אייך באַלד גאָרנישט איבערלאָזען.

די קינדער שפּרינגען ארויס פון די בעטליך פון פערשיעדענע ווינקעליך, רינגלען איהם ארום מיט פרייד. יעדעס איינע וויל צוערשט דאָס הענדטיל אין טאַרבע אריינשטעקען. סטעפאַן שפּילט זיך מיט זיי, פרעהט זיך און לאַכט.

ס ט ע פ אַ ן.

אָ, נישטו! יעדעס צו איינס.

אַ מעדיל שטעקט אריין דאָס הענדטיל.

וואָס האָסטו דו געפּאַקט? אָה, אַ טיכעל אַרויטס, אָט אַזוי! ער טהוט איהר דאָס טיכעל אויפ׳ן קאָפּ אָן. און דו אַ ליאַלקעלע אַ קליינס. אַ, דו, אָהאָ! וואורשטליך צוויי...

די קינדער פרעהען זיך מיט די זאכען, לאכען, שטופּען אלע מיט אמאָל די הענדס׳לעך אין די טאָרבע, כאַפּען ארויס פערשיעדענע עסענוואַרג, פּאַמעראַנצען, עפּעל, שפּיעלוואַרג, טהוען זיך אָהן די זאכען, לויפען מיט פרייד צו דער מוטער אהין.

— אַך, אַך, קוקט די שפּיגעליך אָהן!

— נאַ, נאַ, פערזוך דאָס לעקעכיל מיינס!

— אוי, עס איז אַזוי זיס!

— גיב מיר אויך צו פערזוכען!

— און איך האָב צוויי, איך האָב צוויי!

לויפען צו סטעפּאַנ׳ען אהין.

נאָך איינס, פעטעריל, נאָך אַ קליינס!

ס ט ע פ אַ ן

ער קוקט אויף העלענע׳ן, ברומט.

נו-ו-ו, יעצט קים דו אַהער, דו אַלטעס ווייב, שטעק אויך די האַנד אין מיין טאָרבע אריין. עס איז פאַר דיר אויך עטוואָס אָנגעגרייט. העלענא הערט איהם נישט. סטעפּאַן שפּיעלט די ראָלע פון אַ מאַן. וואָס לאָזט דו דיך בעטען אַזוי לאַנג? אַהאַ, איך ווייס וואָס דו מיינסט! ווילסט, אַז איך זאָל צו דיר קומען אַהין צו געהען. ניין, ניין, דאָס געהט נישט, מיין ווייב: דער מאַן איז געקומען אַהיים, דאַרפסט דו איהם קומען אַקעגען צו געהען. נו, קום אַהער, דו אַלטעס ווייב.

ה ע ל ע נ אַ.

וואָס מאַכסט דו דיך צום נאַר? איך האָב נאָך קיין בראַנ-פען נישט געטרונקען, אַז איך זאָל שיכור זיין.

ס ט ע פ א ן.

וואָס ביזט דו בייז, דו אַלטעס ווייב? לעג אַוועק דיין כעס זעהסט נישט, איך בין דאָך דיין מאַן, וואָס איז געקומען

אַהיים. דערקענסט מיך נישט? לעג דאָך די שטותים אַוועק, דו נאַרישעס ווייב! ער רופט צו די קינדער. יונגען! ברענגט דאָך די מאַמען צום טאַטען אַהער. לאָז זי אויך נעהמען פון זאַק...

די קינדער רינגלען ארום די מוטער, ציהען די מוטער ביים שארף און שלע־פען זי אהין.

די קינדער.

קום, מאַמע, אַהין, ציה אויך פון זאַק אַרויס.

סטעפאַן.

שטאַרקער, יונגען! שלעפט׳ס מיט געוואַלד, אָט אַזוי! נע־הענטער!

די קינדער שטופען די מוטער, סטעפאן עפענט אויף דעם זאק.

סטעפאַן.

אָט אַזוי! שטעק אַריין די האַנד, וועסט זעהען, וואָס איך האָב פאַר דיר אָנגעגרייט.

העלענאַ

האלב אין שפאַס, האלב אין ערנסט.

אַוועק דאָך פון מיר, דאָס קינד וויינט...

די קינדער

מיט געלעכטער.

צום טאַטען קום, צום טאַטען געה, אָט אַזוי.

סטעפאַן.

נאַריש ווייב, לאָז דיך נישט אַזוי בעטען. ער שלעפט ארויס פון טאש א זיידען טוך און בעדעקט איהר קאפ. נאַ, און דאָס האָב איך דיר געבראַכט. ער שלעפט איהר האנד מיט געוואלד אין טאש אריין. אָט אַזוי.

העלענאַ

מיט שרעק.

וואָס איז דאָס? וויל עס אַוועקוואַרפען.

סטעפאַן.

דאָס איז פאַר דיר, מיין ווייבעל, פאַר דיר האָב איך עס אָנגעגרייט. איך האָב אָפּגעשפאָרט אַ גראָשען צו אַ גראָשען און פאַר מיין ווייבעל געקויפט. פינף יאָהר האָב איך עס

געטראָגען אויף מיין האַרץ און געוואַרט אויף דער מינוט, אַז איך וועל אַהיים קומען און מיין ווייבעל עס אָנטהאָן. *ער טהוט עס איהר אָהן אויפ'ן האלז.* אָט אַזוי! ווי שעהן דו ביסט אין דעם! *ער נעמט זי פלוצלונג ארום מיט דער איינע האנד און קוקט איהר אין די אויגען אריין.* וואָס האָבען זיי געמאַכט אויס דיר? דו ביסט געוועזן אַליין, דורך די גאַנצע צייט אַליין, און קיינער האָט נישט געזעהען דיין פיין. ביסט הונדערט מאָל אין טאָג פאַרשעמט געוואָרען און קיינער האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר דיין שאַנד. זיי האָבען דיך געטרעטען מיט די פיס. אָה, וואָס האָבען זיי אויס דיר געמאַכט? אַ בלום ביסט דו געווען, אַ רויז אַ שענע. דיינע באַקען האָבען געבליהט, דיינע האָר. אַך, און וואָס האָבען זיי אויס דיר געמאַכט? ביסט מיט די קינדער געווען אַליין, האָסט זיי געקאָרמעט מיט דיין בלוט. האָסט געזעהן, ווי מען פאַרשעמט דיך, ווי מען פייניגט דיך, און דו האָסט רוהיג דיין קרייץ געטראָגען. האָסט פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט געהאַט צו זאָגען. אָה, וואָס האָבען זיי געמאַכט אויס דיר!

העלענאַ

קוקט אָן ווי משוגע.

וואָס רעדסט דו צו מיר אַזעלכע רייד? *ברעכט אויס אין טרעה־רען.*

סטעפאַן

בויגט איהר קאָפּ צו זיין ברוסט

אַזוי, לעג דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט, וויין, וויין, וויין. איך וועל דיך נישט פערלאָזען, איך וועל מיט דיר זיין. איך וועל מיך פאַר דיר אָננעהמען. יאָ, יאָ, איך וועל מיך פאַר דיר אָננעהמען. זאָלען זיי קומען, איך שטעה פאַר דיר. איך האָב געבענקט נאָך אַהיים, נאָך אַ ווייב, קינדער, פאַר וועמען איך זאָל אַרבייטען, די פויערן אין פאַבריק טרייבען. איך האָב, איך האָב דיך און וועל דיך מיטנעהמען מיט מיר אין פאַבריק אַריין. דיך מיט דיינע קינדער. איך וועל זיי האַלטען ביי מיר, און וועל אַרבייטען פאַר זיי, אַ טאַטע

זיי זיין. דיך וועל איך ליעב האָבען. וועסט זעהען, ווי אונטער מיין האנד וועלען דיינע בעקליך ווידער אָנהויבען צו בליהען, דער שטערען וועט ווערען אויסגעגלייכט, דיינע גליעדער, די ברוסט וועט זיך הויבען. דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ יונג ווייבעל, אַ שען ווייבעל. אָה, דאָס האָבען זיי דיך אַזוי מיאוס געמאַכט, אַזוי דיך פערשעמט!... אָה, איך וועל דיך האַלטען ווי אַ קרוין! דו וועסט זיין מיין היים, מיין ווייב, מיינע קינדער. איך וועל אַהיים קומען פון מיין אַרבייט, איך וועל האָבען מיין ווינקעל, מיין אָרט—גאָט, ווי גליקליך איך וועל זיין!

העלענא

ברעכט ארויס אין געוויין.

יעזוס כריסטוס! וואָס רעדסט דו? איך וועל משוגע ווערען, הער אויף, הער אויף!

סטעפאַן.

ניין, דאָס רעד איך צו דיר, דיין מאַן. עס איז דאָך פריה-לינג היינט. זעה, איך בין געקומען אַהיים, איך האָב דיר אַקאַציען-בוימעליך געבראַכט! מיר וועלען זיי אין אונזער גאָרטען פערפלאַנצען. דער פריהלינג איז היינט. אַך, איך האָב אורלויב גענומען פון מיינע העררען, איך בין אַהיים געקומען, צו מיין שען ווייבעל, צו מיינע קינדער אַהיים געקומען..

העלענאַ.

גאָט, פאַר וואָס פייניגסט דו מיך אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, וואָס לאַכסט דו אויס מיר אַזוי?...

סטעפאַן.

זאָג, אַז דו בעשטעהסט. איך וואַרט אויף דעם צעהן יאָהר, פופצעהן יאָהר, מיין גאַנץ לעבען, איך זאָל וועמען מתנות ברענגען, הערען קינדער-פרייד אַרום מיר, מיין ווינקעל זאָל ליכטיג זיין, קינדער לאַכען. קום, איך וועל גליקליך זיין, איך וועל דיך היילען פון דיינע וואונדען. איך בין דאָך דיין מאַן, דו האָסט דאָך געוואַרט אויף מיר דיין גאַנ-צעס לעבען, האָסט דאָך אַרויסגעקוקט נאָך מיר דורך די

לעכער פון דיין פינסטערער נאַכט, פון דיינע צרות. נו, בין איך געקומען צו דיר, גיב די האַנד.

ה ע ל ע נ אַ

נאָכגעבענדיג.

וואָס טהוסט דו מיט מיר? וואָס ווילסט דו פון מיר?

ס ט ע פ אַ ן.

גיב די האַנד—דו ביסט די הינדין, איך דער הונד, ביידע זענען מיר אין הונדען=גרוב אַריינגעוואָרפען געוואָרען. גיב די האַנד, די הינט שליסען אַ בונד היינט, אינאיינעם געהען מיר. וואַרף אַראָפ פון דיר די קייט, אָט אַזוי! גלייך אויס דעם רוקען. שטייף שטעק אויס דיין ברוסט, אָט אַזוי! קום, מיר זענען אַ פּאָר היינט. די האַנד גיב, קום, אין הונ=דען=גרוב זאָל היינט פרעהליך זיין. הע, חברה, דעם טיש גרייט! ער רוקט אפיר דעם טיש, נעמט ארויס פון טאש די איבער=געבליבענע זאכען און לעגט זיי אויפ'ן טיש אראָב. ענדליך בין איך אַהיים געקומען. אַרויס די זאַכען פון מיינע קעשענעס! געגוג זיי אַרומגעטראָגען איבער אַזוי פיעל יאָהרען—נישט געהאַט וועמען צו פערטהיילען. ענדליך האָב איך מיין ווייב און קינד געפונען, וועמען די זאַכען צו פערטהיילען. ווארפט ארויס פון די קעשענעס פערשיעדענע שפילווארג, צעטהיילט עס די קינדער, טהוט זיי אָהן די זאכען, לעגט אויס דאָס עסענווארג אויפ'ן טיש, דערונטער אויך א פלעשיל קאָניאק. אַזוי, פרעהליך זאָל היינט אין הונדען=גרוב זיין. ער האקט אויף דאָס פענסטער, עס גרויעט זיך דער מאָרגען. אַזוי, לאָז דער פריהלינג אויך אַריין און בעשיינען אונזער' גרוב. ער גיסט אָן א גלעזיל קאָניאק און גיט'ס העלענע'ן. נאַ, טרינק, עס וועט היינט אַ הונדען-חתונה דאָ זיין.

ע נ אַ

·יבור, כאפט דאָס גלאָז קאָניאק.

יאָ, יאָ, לאָזען מיר אויך שפּיעלען מאַן און ווייב. זי ווייזט אויף דער וואנד. זיי מעגען? גיב אַהער. זי רייסט ארויס דאָס פלעשיל קאָניאק און טרינקט.

ס ט ע פ אַ ן.

אָט אַזוי! דעם רוקען גלייך אויס. אָך, ביסט דו שען! כאַפּט אוועק פון איהר דאָס פלעשיל. ביין, ביין!

ה ע ל ע נ אַ

שרייט.

נאָך גיב אַהער! בין צו דעם לעצטען טראָפּען!

ס ט ע פ אַ ן.

נישט מיטאַמאָל, ווייב. הע, יאַש, גיב דער מאַמען צו פער-בייסען. ער שניידט ארום קאַלבאַס, קיכעליך, צוטהיילט עס די קינדער-גיט זיי שנאַפּס. נאַ, טרינקט, לאָזען זיי אויך אויף אונזער חתונה זיין.

ה ע ל ע נ אַ

שוין שיכור, מיט היץ.

נאָך גיב, מיין מאַן! יאָ, יאָ, דו ביסט מיין מאַן. זי הענגט זיך אָהן סטעפּאַנען אָן. דו ביסט געקומען צו מיר צוריק צו-געהן. האַלב אין טרעהרען. זיי האָבען דיר פון מיר געהאַט אַוועקגענומען, זיי האָבען מיך געפּייניגט, זיי האָבען מיך געשלאָגען. דו ביסט מיין מאַן, איך בין נאָך שען. וועסט זעהן, ווי איך וועל טאַנצען פאַר דיר, איך וועל מיך קליי-דען פאַר דיר. געדענקסט, מיין מאַן, ווען דו האָסט מיך גע-מאָלט? איך בין געשטאַנען נאַקעט פאַר דיר און איך האָב געטאַנצט פאַר דיר. זי געהט אין מיט'ן שטוב און טאַנצט. אָט, אַזוי האָב איך געטאַנצט פאַר דיר, אָט אַזוי. לויפט פּלוצלונג צו צו סטעפּאַנען, בעהמט איהם ארום. אָה, מיין מאַן! זיי האָבען דיך פאַרשעמט, זיי האָבען דיך פון שטוב אַרויסגעיאָגט, זיי האָבען דיך אין קעלער אַראָבגעוואָרפען דאָ אַריין צו מיר, אין מיין אָרימקייט אַריין. זי האַלזט איהם, קושט איהם, גלעט איהם די באָרד, דאָס פּנים. זיי האָבען דיך געשלאָגען, די האַנד דיר אָבגעהאַקט, יאָ, מיין האַנד. זי קושט איהם דעם לעדיגען ארבעל. אָה, זיי האָבען דיך!... ענדיגט נישט דעם זאַץ, פאַלט אויף זיין ברוסט און ווייַנט ביטערליך.

ס ט ע פ אַ ן

בערוהיגט זי, קושט זי אויפ׳ן קאָפּ, אויף די באַקען.

שווייג, שווייג, אָרים, אָרים ווייב. מיין מאַמע! קוקט זי אָן מיט ליעבע. מיין מאַמעס פּנים האָסט דו דאָך, און ווי מיין מאַמע רעדסט דו צו מיר. ווער האָט מיך דען אין מיין לעבען אַזוי געטרייסט? דריקט אונטער די טרעהרען פון זיינע אויגען אויף איהר ברוסט. בעהאַלט דאָס פּנים אין איהר און שטעהט אַ ווײַלע, דערזעהט דעם טאָג וואָס גרויעט. אָבער זעה, דער טאָג גרויעט, עס איז שוין אויף אונז אויך צייט. קום, מיין קעניגען, איך וועל דיך אויף מיין טראָהן זעצען און דיך אין מיין שלאָס פיהרען. צו די קינדער. חברה, מאַכט אייך גרייט, מיר געהען אַהיים!

ד י ק י נ ד ע ר

האַלבליד שיכור פון ווײַן, שפּרינגען אויף מיט פרייד.

קום, מאַמע, קום.

ס ט ע פ אַ ן.

די טראָמפּייטען נעהמט׳ס, די טראָמפּייטען. ער הענגט זיי אָן די טראָמפּייטליך, גיט זיי אין דער האַנד אַריין, איינס פאָראויס מיט בלאַכען און וואַלגערהאָלץ, שטעלט זיי אויס צום גאַנג. אַזוי, מיט מוזיק, פיהרען מיר די מאַמען אַהיים. צו העלענען. קום, מיין קעניגין, אויף מיין טראָהן אַרויף. ער נעמט אַרויס דאָס קינד פון וויעג און גיט׳ס איבער העלענען. אליין בויגט ער זיך אַראָב און זעצט העלענען אויף דער פּלייצע פון זיין אָבגעהאַקטער האַנד אַרויף.

אָט אַזוי, יונגען, אין די טראָמפּייטען בלאָזט, אין די פּויקען קלאַפּט! הוראַ, הוראַ, די קעניגין געהט!

די קינדער הויבען אָן צו בלאָזען אין די טראָמפּייטליך, קלאַפּען אין די פּויקען, דאָס קינד מיט די בלאַכען אין די הענד פאָראויס און געהען אַרויס.

אַ הערליכער פריהלינגס־פריהמאָרגען שיינט זיי אַנטקעגען.

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט.

נאכט. אין מארק. ביים פלומפ ברענט א פייעריל. אויף דער באנק נעבען ליעגט דער אָרימאן און שלאָפט. די אלטע פראָסטיטוטקע ביים פייעריל װאָרימט זיך. פון דערװייטענס א געהויל פון װינד. שאָטענס טראָגען זיך ארום.

עס קומט פון דער נאכט ארויס

ד ע ר ש י כּ ו ר.

גוטען אָווענד, פאַני פּראָסטיטוטקע. הערט זיך איין. וואָס בל־לען די הינד היינט אַזוי?

ד י פּ ר אָ ס ט י ט ו ט ק ע.

זיי מוזען וואָס זעהען, ווען זיי הוילען אַזוי.

ד ע ר ש י כּ ו ר.

דיין שוואַרצע נשמה, אָדער אפשר האַלטען זיי דיך פאַר׳ן טייוועל, דעריבער לויפען זיי אַזוי אויף די יאַטקע־קלעצער אַרום. עס איז קיין וואונדער, זיי האָבען זיך פאַרוואָס צו שרעקען.

ד ע ר אָ ר י מ אַ ן

פון שלאָף.

כי־כי־כי—כאַ־כאַ־כאַ!

ד י פּ ר אָ ס ט י ט ו ט ק ע.

אַ שיכּור אָדער פּראָסטיטוטקע איז אַלץ איינס. מיר זענען אַלע נישט ריין פון זינד.

ד ע ר אָ ר י מ אַ ן

פון שלאָף.

מיך נעהמט נור נישט אין שותּפות אַריין. שלאָפט ווייטער.

ד ע ר ש י כּ ו ר.

איהם לאָז צורוה. ער זינגט זיך אַ גאַנצען טאָג די היילינע קירכען־ליעדער און — דורך דעם איז ער אויך אַ היילינער.

ד ע ר אָ ר י מ אַ ן.

אָרימקייט איז קיין שאַנד.

ד ע ר ש י כּ ו ר.

לאָז געמאַך. צו דער פּראָסטיטוטקע. וואָס זעהען די הינד אַזעל־כעס ביינאַכט?

די פּראָסטיטוטקע

מען זאָגט, אין ערשטען מאַי-געבעט געהט די הייליגע מאַ-דאָנע, די באַשיצערין פון אונזער קירכע, אין מאַרק אַרום און נעהמט אַלע פערבלאָנדזשעטע נשמות אויף.

דער שיכּור.

און ווי קומען די הינט דערצו?

די פּראָסטיטוטקע.

דאָס זענען דאָך מענשען בעלאָדענע מיט זינד, אָהן היילי-גע סאַקראַמענט געשטאָרבען, אויף יענער זייט פלויט בעג-ראָבען — וואַלגערן זיי זיך ביינאַכט אין מאַרק אַרום אין געשטאַלט פון הינט. איבער די יאַטקע-קלעצער לויפען זיי אַרום. דער שטן האַלט זיך דאָרט אויף—ביז עס קומט דער ערשטער מאַי—און עס ערהויבט זיך דאָס געבעט, געהט די הייליגע מאַדאָנע דורך דעם מאַרק אַרום. עס בעהעפטען זיך צו איהר קלייד די פערשאָלטענע נשמות און זי נעהמט זיי מיט אין הימעל אַריין. אַ מינוט פּויזע.

דער אָרימאַן

דרעהט זיך אום פון שלאָף.

אויף דעם גנב ברענט דאָס היטעל—שוואַרץ מוז דאָרט ביי איהר אויף דער נשמה זיין.

דער שיכּור.

אַ שרעק אַריינצוקוקען. וועסט אויך אַמאָל געהערען... צווישען זיי...

די פּראָסטיטוטקע.

האָב איך נישט קיין מורא דערפאַר. די ערבאַרמונג פון גאָט איז גרויס, וועט זי צו מיר אויך דערגרייכען. אויך איהר אַלע וועט אויך אַמאָל זיין צווישען די הינט. ווער עס האַלט זיך אין דער גאַס אויף, דער קומט אין דער גאַס צוריק.

דער אָרימאַן.

די גאַס איז די היים פאַר'ן אָרימאַן. און אָרימקייט איז קיין זינד. ציהט זיך אויס און שלאָפט.

פון דער טונקעלער נאַכט ארויס

דער נאַר

ער איז א הויכער מאַנספערשוין מיט א נאַריש, גוט געזיכט, אַנגעטהאָן אין א הויט פון א זעלנער מיט א קינדערשען, הילצערנעם שווערד ארומגעבונדען. שמייכעלט גוט.

דער שיכּור.

אַך, גוטען אָוועגד, נאַפּאָלעאָן. ער גיט איהם אב „פּאַד קאַזיראָק".

פון וואַנען קומט מען?

דער נאַר

שמייכעלט.

פון דער טערקיי, דעם טערק פערטריבען.

דער שיכּור.

און דאָס מיליטער?

דער נאַר.

אויף דער ווייכסעל געלאָזט.

דער שיכּור.

און וועמען טרייבסט דו דעם רוס פון דאַנען?

דער נאַר.

איך האָב שוין דעם בעפעהל געגעבען.

דער שיכּור.

געהסט עס לויז?

דער נאַר.

איך וועל נור ציהען דעם שווערד פון שייד.

דער שיכּור.

דעם שווערד?

דער נאַר.

נאַפּאָלעאָן האָט איהם מיר איבערגעגעבען.

די פּראָסטיטוטקע.

לאָז איהם אָב. יעדער איינער האָט זיך זיין משוגעת. צום נאַר. עס איז דיר קאַלט, קום צום פייער. עס וואַלגערט זיך א גאַנצע נאַכט אין די לעכער ארום.

דער נאַר.

שמייכעלט.

מיינע זעלנער האָב איך איינקוואַרטירט און אַליין האָב איך נישט וואו צו נעכטיגען.

די פּראָסטיטוטקע.

אַ נאַר, און ווייסט דאָך, וואָס ער רעדט. גיהט איהם ברויט. ווילסט עסען?

דער נאַר.

מען ברענגט מיר מיין מיטאָג פון קייזערליכען טיש אַראָב.

דער אָרימאַן

כאַפּט זיך אויף.

נאָך דעם נאַר האָט איהר אַהער געבראַכט. דעם גאַנצען מאַרק האָט דאָס פּאַר זיין משוגעת און עס קומט אַהער, וואו מענשען זיינען. נעהמט דעם שטעקען, וואָס ליעגט ביי איהם, און וויל איהם אַוועקטרייבען.

די פּראָסטיטוטקע

שטעלט זיך פאַר איהם איין.

לאָז איהם אָב. משוגע כאָטש עס איז, וויל עס דאָך צווישען מענשען זיין. זיינס ציהט צו ס'זייניגע.

דער אָרימאַן.

לאָז עס אויפ'ן גוטען אָרט געהען, צווישען קברים זיין משוגעת אויסשרייען, נישט עס קומט מענשען שטערען פון זייער רוה. די גאַס איז די היים פאַר'ן אָרימאַן, און איך וויל נישט מיט משוגעים אין איינעם הויזען: אַלעס, וואָס די מענשען וואַרפען פון די שטובען אַרויס, טרייבט זיך אין דער גאַס אַרום. ער יאָגט דעם נאַר אָב און לעגט זיך צוריק אַוועק.

דער שיכור

וויל זיך וואַרפען אויף איהם.

וואָס איז ער פאַר אַ מורינו דאָ?—די גאַס געהערט צו אַלעמען. זאָל ער זיך אין שטאָדט-הויז לעגען, אין בורמיסטער'ס בעט אַריין, ווען ער וויל רוה האָבען.

די פּראָסטיטוטקע.

שוויג, ער האָט חוקה אויף דעם אָרט.

דער שיכּור.

וואָס פאַר אַ חוקה! ביסט דו ערשט אַ נעכטיגע דאָ? ווי לאַנג וואויַנסט דו שוין אין דער גאַס?

די פּראָסטיטוטקע.

מיין לעבען לאַנג. מיין מוטער האָט דאָך מיך אין גאַס געבוירען, דאָרט הינטער יענעם פּלויט ביי דער קירכע. זי פּלעגט מיר שטענדיג ווייזען דאָס אָרט. איך האָב קיינמאָל קיין אַנדער היים נישט געהאַט, נור די גאַס. בייטאָג געהער זי צו אַלעמען. ווען די מענשען עפענען זייערע קראָמען אויף, די פּויערים קומען מיט די וועגען צופאָהרען, און דער האַנדעל פאַנגט אָן, פיהל איך זיך פרעמד אין איהר, בעהאַלט איך זיך אויפ'ן פעלד, ביים בית־עולם. נאָר אַז עס קומט די נאַכט, די מענשען בעהאַלטען זיך אין זייערע לעכער אַריין, דענסטמאָל איז די גאַס מיין. דעם מאַרק, יעדעס לאָך און יעדען ווינקעל קען איך. עס איז מיין שטוב.

דער שיכּור.

האָסט גוט געזאָגט. האָב איך דאָך אין יענעם הויז אַ שטוב, אַ בעט מיט אַ וויב. בייטאָג אַרבייט איך דאָרט, זיץ איך ביי מיין שטיוועל און קלאַפּ די שטיפטען אין פּאָדעשווע אַריין, און איך איבערטראָג מיט געדולד מיין ווייבס קללות און געשרייען. נאָר קומט די נאַכט, איך קען נישט מעהר איהר געשריי אויסשטעהן. די שטוב ווערט מיר ענג און עס ציהט מיך אין גאַס אַריין.

די פּראָסטיטוטקע.

דאָס איז די קללה פון דער גאַס, וואָס רוהט אויף דיר, ווי אויף די וואָיעדע הינד. אַלע זענען מיר פערשאָלטען און קומען דאָ אָב אונזערע זינד. און מיר וועלען נישט ווערען פריהער אויסגעלעזט, ביז די הייליגע מוטער וועט

זיך נישט ווייזען און וועסט דיך אָנכאַפּען אָן איהר קלייד
און דיין נשמה וועט ווערען בעפרייט.

דער אָרימאַן

לאַכט פון שלאָף.

כי־כי כי־כי! — כאַ־כאַ־כאַ!

דער שיכּור

הערט טרויעריג, זיצט, דעם קאָפּ אראָפּגעבויגען:

בייטאָג איז עס גאָרנישט, בין איך מיט אַלעמען גלייך,
אַרבייט איך, ווי אַלע מענשען, נור קוים קומט די נאַכט...

די פּראָסטיטוטקע.

דאָס איז די קללה פון דער גאַס. זאָרג נישט, גאָט וועט
זיך איבער אונז אַלע מרחם זיין. זיין חסד איז גרויס.

פון דערווייטענס הערט זיך אַ ברומען פון אַ קינד, ווי אַ הונד וואָלט געוואָיעט.

דער שיכּור.

וואָס איז דאָס?

די פּראָסטיטוטקע.

עס איז מאַנקע׳ס אַ נעהרליך קינד, וואָס וואַלגערט זיך צרום
אין גאַס. עס וויל צום פייער צוגעהן.

דער שיכּור.

רוף עס אַהער.

די פּראָסטיטוטקע.

שווייג. ער וועט עס אויעקטרייבען. זיי גלויבען, עס איז
פון טייוועל געבוירען געוואָרען.

דער שיכּור.

וואָס איז ער פאַר אַ שררה דאָ? מיר זענען אַלע דעם טיי-
וועל׳ס קינדער. ער רופט עס צו, ווי מען רופט אַ הונד. „פּאָדז־טאַ!“
קום אַהער.

עס שלעפּט זיך צו אַ שטום קינד, שרעקליך פאַרגעריסען. עס ברומט ווי אַ חיה׳לע,
עס ציטערט פאַר קעלט.

די פּראָסטיטוטקע

בעהאַלט עס איין.

עס ליגעט אַ גאַנצע נאַכט היינטער דער מוטער׳ס שוועל. די
מוטער האָט מורא פאַר׳ן מאַן. טראָגט עס אין געהיים!

שטיק ברויט ארויס, ווען קיינער זעהט נישט. אזוי וואל־
גערט עס זיך ווי א ווערימעל אין דער גאס ארום—מענשענ׳ס
פלייש און בלוט.

דער שיכור.

לאָז עס צום פייער צו — אזוי. ער רוקט דאָס ממזר׳ל צום פייער.
גיב איהם א שטיק ברויט. איך וועל זעהען, ווער דאָס וועט
שלעכטס כהאָן!

דער אָרימאַן

וועקט זיך.

גיין! דאָס איז מיר שוין צו־פיעל. דעם אליין אהער געפּ־
ראַכט. דו ווייסט דאָך, אז דער טייוועל שטעקט דערין. וויל
עס אוועקיאגען.

די פּראָסטיטוטקע

בעהאלט עס אין איהר טוך.

האָב רחמנות דערויף.

דער אָרימאַן.

דו ביסט דעם טייוועל׳ס ווייב, דעריבער האָסט דו רחמנות
אויף דעם טייוועל׳ס קינד. וויל עס אוועקיאגען.

דער שיכור

רייסט איהם דעם שטעקען ארויס.

מיר זענען אלע דעם טייוועל׳ס קינדער. דו האָסט נישט
מעהר אויף דיין לייב, ווי ער.

דער אָרימאַן.

הויבט זיך נישט אָן! איך בין א קריסט און גלויב אין גאָט.
און האָב איך נישט קיין היים, שלאָף איך אין דער גאס.
יעדער הונד געפינט זיין נאָרע, אָבער מיט דעם טייוועל צו־
זאמען זיין וויל איך נישט. און שכנות מיט א פּראָסטיטוט־
קע שטעהט מיר נישט אָן, און קיין שיכור איז מיין חבר
נישט. ער נעהמט זיך צוזאמען זיינע זאכען. וואָס לויפט איהר
מיר נאָך? די גאנצע גאס איז פאר ן טייוועל דאָ, און גע־
העז נאָר דעם מענשען נאָך. וויל אוועקגעהען.

די פראָסטיטוטקע

פרובט אים איינצוהאלטען.

פערלאָז אונז נישט. לאָז עס זיך אָנוואָרימען, געהט עס אוועק.

דער אָרימאַן.

איז מיר ניט קיין כבוד מיט אַזעלכע לייט צוזאַמען צו זיין. אַב.

דער שיכור

וואָס האַלטסט דו איהם אָב? זאָל ער לויפען, ווען עס שטעהט איהם נישט מיט אונז אָן.

די פראָסטיטוטקע.

וואָס, מיט דיר צו בלייבען איז אַכבוד? ער איז דאָך אַן אָרענטליכער מענש.

דער שיכור.

אַך, אויף דער עלטער ווערסט דו פרום.

די פראָסטיטוטקע.

איך האָב שטענדיג געוואָלט אין אַ בכבוד'ער געזעלשאַפט זיין.

אַז דער ארימאן געהט אַב, הויבען זיך אַן ארויסצושלייכען פון דער נאכט פערשידענע ברואים, האלב נאקעטע. דער נאר קומט אויך אהער. עס פער-וואלגערט זיך אויך אַ הונד.

די פראָסטיטוטקע

קוקט זיך מיט שרעק אום.

עס נעהמט דאָך איינעם אַן אימה אָן מיט אַזוי פיעל קראַנ-קע צוזאַמען צו זיין. עס איז דאָך קיינער נישט דאָ, ווער עס זאָל ביים גלייכען שכל זיין. ווער עס זאָל אַרוהיגען געוויסען האָבען. דער אָרימאַן איז אויך אוועק.

דער שיכור.

מיט שרעק.

און די הינד ווייבען אויך צום פייער געקומען.

די פראָסטיטוטקע.

עס ציהט זיי אויך צו מענשען אהער.

א קליינע מינוט פויזע.

דאָס שטומע יונגעל הויבט מיט אמאָל אָן צו קלאָגען.

דער שיכור.

וואָס איז איהם? נעהם איהם צו.

די פראָסטיטוטקע.

דאָס וויינט דער טייוועל אין איהם. ער קוקט ערגעץ וואו מיט די אויגען אהין.

דער טאָג הויבט אָן צו גרויען. א מאָדנע ווילד ליכט פאַלט איבער אלעס. דאָ ווערט איינגעהילט, דאָ ענטפּלעקט זיך אַנ׳אַנדער ווינקעל פון א גאַס. אלעס איז געהילט אין שאָטענס, ווי אין פארנאַכט.

דער שיכור.

געלויבט איז גאָט, עס גרויעט.

די פראָסטיטוטקע.

דאָס ליכט איז אַנדערש ווי יעדעס מאָל.

די הינד וואָיען.

דער שיכור.

וואָס וואָיען די הינד? טרייב זיי פון פייער אַוועק.

די פראָסטיטוטקע.

זיי קוקען ערגעץ וואו מיט די אויגען אהין, און לוישען אין דער לופט. זיי מוזען זעהען עפּעס אַצינד.

פון דערווייטענס דערהערט זיך דאָס קלאַפּען אין די בלעכען פון גנב׳ס קינדער.

די הינד בילען מיט שרעק.

די פראָסטיטוטקע.

עפּעס וואָס דערנעהענטערט זיך צו אונז.

דער גאַר

לאַכט.

דער שיכור.

וואָס לאַכט דער גאַר? וואָס קוקט ער ערגעץ וואו מיט די אויגען אהין? טרייב איהם פון פייער אָב!

די פראָסטיטוטקע.

זיי זעהען עפּעס בעסער פאַר אונז.

די הינד וואַיען און קופען זיך אלע צוזאַמען.

מען הערט טריט.

דער שיכּור

מיט שרעק.

עפּעס וואָס דערנעהענטערט זיך צו אונז.

אַ מינוט פויזע. ערוואַרטען אין שרעק.

עס ווייזט זיך דער גנב, סטעפּאַן האַלט אויפ'ן אַקסעל אַן אַרימע פרוי, העלענאַ, וועלכע האָט אין איהר האַנד אַ קליין קינד. זי איז בעגלייט פון איהרע אָרימע קינדער, וועלכע האַלטען טראָמפּייטען און פייקליך אין די הענד און שאַלען.

סטעפּאַן

דונערט מיט זיין שטים.

אויף דער ערד לאָזט אייך אַראָב, אויף די קניע! די היט פון די קעפּ! אַהר זעהט, ווער עס קומט? די קעניגין געהט, די קעניגין געהט!

אַלע ווערען בלייך, רוקען זיך אין דער זייט.

סטעפּאַן

געהט אַריין אין זיי.

ווער איז דאָ? אַך, דער נאַר. נו, ווי שטעהט עס מיט דייגע חיילות? האַלט זיי גרייט! האַלט זיי גרייט! דער שיכּור! אַך, דער ריכטיגער מאַן פאַר'ן שפּיעל. ער פערנייגט זיך. איך קוש מיט עהרפורכט די האַנד דער מאַדאַם פּראָסטיטוטקע. אויפן ממזר. און דיין טראָהן-פּאָלגער איז אויך דאָ? צו דער פרוי נעהם זיי מיט, קעניגין. עס אויך הינד, ווי מיר, אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפען. לאָזען זיי מיט-ציהען מיט אונז. עס איז דאָ פּלאַץ פאַר אַ סך.

העלענאַ.

נעהם זיי, מיין מאַן, מיט. אַלע וועלען מיר אין אייבעם זיין.

סטעפּאַן

לאָזט די קעניגין אַראָב, צו די קינדער.

שטעהט, יונגען, שטעהט, אונזער געזעלשאַפט ווערט גרויס.

קומט דאָך מיט אונז מיט. מיר ציהען אָב אין אַן אַנדער־
לאַנד. קומט מיט אונז.

דער שיכור

כאַפּט זיך אויף און קוקט אים אָן.

דאָס ביסט דו דאָך דער גנב סטעפּאַן!... דערשראָקען זיך אין די־
טונקעלע נאַכט... ער שפּייט אויס. אַ וואוילען שפּאַס געמאַכט.
שטענדיג ט ייבסט דו נאָך דאָס שפּיעל. ווער איז עס—דאָס
ווייב מיט די קינדער? פון וואַנען האָסט דו זיי געפּאַקט?

סטעפּאַן.

ברודער, דאָס איז נישט קיין שפּיעל. ער ווייזט אויף די פרוי
דאָס איז אַ קעניגין. אויף די קינדער. און דאָס זיינען פּרינצען.
יעדעס איינעס אַ פּרינץ! אויף די קניע פאַלט פאַר איהר
און ציהט די הוט!

דער שיכור.

איך קען דעם פּאַני גאַנץ גוט, האָט ליעב צו שפּאַסען.

סטעפּאַן

געהט גאַנץ נאָהענט צו צו איהם.

עס איז היינט אַ נאַכט, ווען הינט ווערען בעפרייט. קוק
אויף איהר. ער ווייזט אויף דער פרוי. קוק אויף אונז. איינגע־
שלאָסען האָט אונז דער בעל־הבית און מיר זיינען אַרויס.
מיר זענען אַלע איין משפחה—הינט. אויף דער גאַס וואַל־
גערען מיר זיך אַרום, פערשלאָסען האָבען פאַר אונז מענ־
שען די הייזער. קומט, הינט! מיר שליסען אַ בונד היינט—
ווארף אַראָב פון דיר די קייט, ווער בעפרייט און שאָקעל
דיך אָב, ווי מען טרייסעלט אַראָב פון זיך שטויב. דו ביסט
דאָך אַ מענש. איך קען דאָך דיך פון דיין יוגנט אָן, איך
האָב דאָך דיין מוטער געקענט.

דער שיכור

האַלב פערוואונדערט.

איך ווייס נישט, וואָס דו מיינסט.

סטעפּאַן

רעדט ווייטער צו איהם.

און קוק דיך אַרום, וואָס האָבען זיי געמאַכט פון דיר? אַזוי

ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער וואַלגערסט דו דיך אין די גאַ־
סען דורך גאַנצע נעכט אַרום. דיינע קינדער שרעקען זיך
פאַר דיר, בעהאַלטען זיך אין די ווינקעליך, ווען זיי זעהען
דיך שיכּור אויף דער גאַס, און וויינען אויף דיין קאָפּ. און
האָסט דו דען שולד דערין? בעהעפטען זיך מיט אַ שטיק
פלייש, וואָס דו האָסט פיינד! זיצסט אַ גאַנצען טאָג איינ־
געבויגען צו דיין שטיוועל און עס פאַלן אויף דיין קאָפּ
די קללות און די שלעק. און עס קומט די נאַכט, וואַלגערסט
דו דיך אין די רינשטאָקען אַרום, ביז מען וועט דיך גע־
פינען טויט הינטער אַ פלויט און בעפרייען וועסט דו דיינע
קינדער פון זייער שאַנד.

דער שיכּור.

וואָס האָסט דו צו רעדען צו מיר אַזעלכע רייד?

סטעפאַן.

און האָסט דו דען שולד דערין? האָסט דו דען איין מינוט
אין דיין לעבען פרייד געהאַט? ווער האָט אויף דיר אַכטונג
געגעבען? אונטער דיין שטיף־פאָטער'ס שטעקען ביסט דו
גרויס געוואָרען. ווייז די פלעקען אויף דיין לייב. געשלאָ־
גען האָבען זיי דיך פון קליינערהייט, צוערשט דיין שטיף־
פאָטער, דערנאָך דאָס שטיף־ווייב. קיינמאָל האָט קיינער
נישט צו דיר גערעדט, ווי צו אַ פריינד. קיינמאָל האָט דיך
קיינער נישט געטרויסט.

דער שיכּור

פאַלט צו דער ערד און וויינט.

סטעפאַן

צו העלענען.

אָ, ער איז דאָך אַן אָרענטליכער מענש. איך קען דאָך
איהם. מיר זענען דאָך אין איין שוהלע געווען. און ער
האָט דאָך אַן אָרענטליכע מוטער געהאַט. געליעבט איהם
און בעגאַנגען זיך ווי יעדע מוטער מיט איהר קינד. צו
העלענען אין דער שטיל. הינטער דעם פאָטער'ס רוקען איהם
ברויט געבראַכט.

דער שיכור.
איך וועל דאָס שיכרות אוועקוואַרפן. איך גיב מיין עהרענ-וואָרט. וויינט ווייטער.

סטעפאַן.
וויין נישט, ברודער. מיר זענען אַלע הינט פון גאַס. מיר שליסען אַ בונד היינט. קום מיט אונז, קום. מיר וועלען אַכטונג געבען אויף דיר און וועלען אַלע צוזאַמען זיין. נעהם די פּראָסטיטוטקע און קום מיט אונז.

די פּראָסטיטוטקע
שפּרינגט אויף און קוקט זיך פאַרוואונדערט אַרום.

מיך?

סטעפאַן
בעהמט זי אָן ביי דער האַנד.

מיר וועלן נישט אַנטלויפן פון דיר. נישט אויסמיידען דעם וועג. מיר ווייסען, ווער דו ביסט. דו האָסט קיין שולד דערין. ווער האָט דיך אויפגעצויגען? ווער איז דיין מוטער געווען? ווי די ציעג ביזט דו אויף דער גאַס געבוירען געוואָרען— יעדעס לאָך, יעדער שטיין האָט דיך מוטערדיג געגלעט. אַרויסגעוואָרפען האָט מען דיך אין גאַס ביי דיין געבוירען ווערען און מענשען זיינען אַנטלאָפען פון דיר, ווי פון אַ קרעציגען — אַ וואונדער, וואָס עס איז געוואָרען פון דיר? ביסט דאָך, ווי אַן אַרויסגעשמיסענע שמאַטע אין דער גאַס געלעגען.

די פּראָסטיטוטקע
האַלב אין געוויין.

איך בין נישט ווערט, אַז דער פאַן זאָל רעדען צו מיר אַזעלכע רייד.

סטעפאַן.
ביסט ווערט, ביסט מיט אונז אַלעמען גלייך. דיין לייב איז שמוציג געוואָרען, דיין נשמה איז ריין. וואַש דיך נאָר אָב פון דער זינד. וואַרף אַראָב די קללה פון דיינע פּלייצעס און וועסט ווערען אַ מענש, ווי מיר אַלע גלייך. בענקס דאָך אויך נאָך מענשען, איך קען דאָך דיך. איך ווייס, דו ביסט

גוט און ליעבסט די מענשען. דאָס האָבען זיי דיך אַזוי פֿער-שאָלטען — דו ביזט שטענדיג געווען אַ ריין קינד. וואָרט, וואָרט. ער ציהט וואסער פֿון פּלומפּ און גיסט אויף איהר. אָט וואָס איך דיר דיין קאָפּ און דו ביסט אַ מענש, ווי מיר אַלע גלייך אָט איז שוין די קללה אַראָב פֿון דיר. קוק דיך אַרום. דער פֿריהלינג איז דאָ. עס שמעקט אומעטום. דו ביסט נאָך אַ יונג מעדיל, נאָך גאָר אַ קינד. דו ווייסט פֿון קיין שלעכטס. דו ווייסט פֿון קיין שלעכטס. דו ביסט ביי דיין פֿאָטער אין גאָרטען. דיין מוטער זיצט ביים פֿענסטער דאָרט, קוקט אויף דיר און דו געהסט מיט דיין יונגען חתן שפּאַ-ציערען אַרום.

ער נעהמט דעם שיכּור און שטעלט איהם צו דער פּראָסטיטוטקע און פֿיהרט זיי שפּאַציערען.

דִי פּראָסטיטוטקע

שמייכעלט.

רעד נישט צו מיר אַזעלכע רייד.

סטעפּאַן

שפּיעלט ווייטער.

עס איז דיין חתונה אַ צינד. יונגע מיידליך קומען און ברענגען דיר דיין ווייסעס חופּה-קלייד, וועלאָן, מירטאַ-קראַנץ —דו ביסט נאָך אונשולדיג... מען פֿיהרט דיך צו דער חופּה. די מוטער לעגט דיר די האַנד אויפ'ן קאָפּ און בענשט דיך. לייכ-טע האַרפֿען שפּיעלען. דיין חתן פֿיהרט דיך צום אַלטאַר צו.

דִי פּראָסטיטוטקע

ברעכט אַרויס אין טרעהרען.

דער שיכּור

כאַפּט זיך אויף

איך וויל מיט איר אין איינעם זיין. איך וועל מיך אָננעהמען פֿאַר איהר. איך וועל זי נישט בעליידיגען לאָזען. זי איז מיין שוועסטער. איך וועל אַרבייטען פֿאַר איהר.

סטעפּאַן.

אָט אַזוי, אָט אַזוי. די הינד שליסען אַ בונד היינט. ער נעהמט דעם ממזר און קושט איהם אויפ'ן קאָפּ. און דאָס איז אויך אונזער

קינד. אַלע זענען מיר הינט פון דער גאַס, אַלע שליסען מיר זיך אין אַ בונד הייגט.

דער שיכור

נעמט פון סטעפאַנ׳ען דעם קינד.

דאָס איז אונזער קינד. מיט אונז וועט עס זיין. ער נעהמט אָן די פּראָסטיטוטקע ביים אָרעם. קום, מיר וועלען אין איינעם-זיין. איך וועל אַרבייטען פאַר דיר. דו וועסט די היים פיה-רען. ער ווייזט אויף דעם ממזר. מיר וועלען ערציהען איהם און אָנערקענען פאַר אונזער קינד. ער ציהט אַראָפּ דאָס טוך פון דער פּראָסטיטוטקע און וויקעלט זיך מיט דער פּראָסטיטוטקע און מיטן קינד איין. וואָס, דו הערסט נישט? האָרך, איך מיין עס מיט׳ן גאַנצען האַרץ.

די פּראָסטיטוטקע

הערט נישט. זי קוקט די גאַנצע צייט מיט שרעק אויף דער פרוי.

סטעפאַן.

אָט אַזוי, אָט אַזוי. מיר שליסען אַלע אַ בונד הייגט. אין איינעם געהען מיר. אין איינעם וועלען מיר זיין מיט די הינט. ער גלעט אלעס, וואס געפינט זיך אויף דער גאַס. יונגען, אין די טראָמפּייטען בלאָזט, אין די פויקען קלאַפּט. מיר מאַכען זיך אַ קעניג הייגט. צום נאַר. דאָס גאַנצ חיל וואַרט אויף דיר, מיט די שפּיזען אין די הענט, מיט די פּיקעס אָנגעגרייט דו זעהסט די האַרמאַטען אויפגעש עלט? אַלע וואַרטען זיי צו דיין בעפעהל. ער ווייזט איהם איבער דער גאַס. דו זעהסט דאָס חיל אַרום?

דער נאַר

מיט פרייד.

אַיאָ, אַיאָ!

סטעפאַן.

גיב דעם בעפעהל, הערר נאַפּאָלעאָן, דו ביסט אונזער פעלד-מאַרשאַל. ציה דעם שווערד און גיב דעם בעפעהל!

דער נאַר

ציהט דעם שווערד און רופט אין מארק, ווי ער וואָלט אַ חיל דערזעהן.

דאָס געוועהר ג—ר—יי—ט!

סטעפאַן.

רופט אין גאַס.

אָט אַזוי. די הינט שליסען אַ בונד היינט. אַלעס געהט אין בונד אַריין. מיר מאַכען איבער זיך אַ קעניגין. ער ווייזט אויף דער פרוי. **זי איז ווערטה צו טראָגען די קרוין פון דער גאַס. קום, קעניגין, אויף דיין טראָהן אַרויף.** ער שטעלט אונטער די פלייצע. **יונגען, אין די טראָמפייטען בלאָזט, אין די פויקען קלאַפט! אויף די קניע! די היט פון די קעפּ! די קעניגין געהט, די קעניגין געהט! אַזוי געהען מיר אין אונזער לאַנד.**

עס איז ליכטיגער געוואָרען. העלענאַ'ס געזיכט איז שען געוואָרען און יונג, און ווערט עהנליך צו דעם מאַדאָנע בילד פון דער קירכע.

די פראָסטיטוטקע

וועלכע האָט שוין פון פריער געקוקט אויף דער פרוי מיט מורא און אנגסט, דערקענט זי יעצטביים גראָהען ליכט. און ווי אַזוי זי זיצט אויף דעם גנב'ס פלייצעס מיט דעם קינד אויף די הענד, פאַלט זי פאַר איהר אויף די קניע און שרייט אויס מיט אַן אונמענשליכער שטים.

אָ! זעהט! דאָס איז דאָך די הייליגע באַשיצערין אונזערע די בעשיצערין פון אונזער קירכע! קוקט זי אָן, איהר! געזיכט, זי אין איהר אייגען לייב — איז פון דער קירכע אַרויס. אָ, עס איז דאָס הייליגע בילד, פאַר וועלכען איך בעט תמיד. איך ערקען עס! די בעשיצערין אונזערע אין אין איהר אייגען לייב. זי שרייט אויף און וואַרפט זיך אויפ'ן פנים פון איהר. **אָ, מוטער, מוטער! איך בין בעלאָדען מיט זינד, מיין נשמה איז פאַרפאַלען. מוטער, מוטער, נעהמט מיך אונטער דיין שוץ!** זי ציהט זיך אויס אַן חערטער פאַר איהר.

די אַנדערע ווערען אָנגעשטעקט פון איהר. קיקען זיך מיט שרעק אין דער פרוי'ס געזיכט איין. ערקענען אין איהר די הייליגע, לאָזען זיך האַלב אויף די קניע צראָב. דער גנב, וועלכער האָט זי שוין פון פלייצע אַראָגעלאָזט, ציהט דעם הוט, לאָזט זיך אויף די קניע. אַלעס פאַלט אויף דער ערד.

עס הערט זיך אַ גלאָק פון דער קירכע.

עס הייבט אָן צו טאָגען.

אַ נ ד ר ז ש ע י י ס

קול פון דערווייטענס.

וואו שלעפט זיך דאָס ווייב מיט די קינדער אַרום, הע, העלענקאַ, העלענקאַ, סטעפאַן.

אַלע וואכען זיך אויף, קוקען זיך מיט ערשטוינונג ארום.

עס קומט אָן אַנדרזשעי מיט יאַדוויגען.

אַ נ ד ר ז ש ע י

צו העלענקען, בייז.

וואָס טהוסט דו אין גאַס מיט די קינדער?—פלינק אַהיים!

הויבט אויף די פויסט אויף איהר.

ה ע ל ע נ ק אַ

מיט מורא.

איך בין נישט שולדיק. ווייזט אויף סטעפאַנ'ען. ער האָט געטריבן שפּאַס. נעהמט צוזאמען איהרע קינדער, וויל אוועק.

אַ ל ע אַ ר ו מ י ג ע

לאכען.

כאַ כאַ, כאַ! עס איז דאָך גאָר העלענקאַ, דעם שיכור'ס ווייב, און מיר האָבען געמיינט... כאַ, כאַ, כאַ.

ס ט ע פ אַ ן.

ניין, ניין. דאָס איז דאָך אונזער קעניגין. די קעניגין פון די הינט. מיר האָבען דאָך געשלאָסען אַ בונד. וואָס אַנטלויפט איהר?

אַ ל ע

לאכען.

מיר ווייסען, דער הער האָט ליעב צו טרייבען שפּאַס. אנטלויפען זיך.

ס ט ע פ אַ ן

שרייט זיי נאָך.

איהר הינט, איהר הינט, אָ, איהר פערשאָלטענע הינט!

י אַ ד ו ו י ג אַ

צו סטעפאַנ'ען.

נאַ, נעם די בייטש, און היירא, אין פאבריק צוריק! פלינק, עס איז שוין טאָג.

סטעפאן

שטעהט ערשראָקען.

מיין שען ווייבעל, נאָר איין אויגענבליק.

יאדוויגא

טאַפּעט מיט'ן פוס.

די מינוט! די נאַכט איז פערביי, עס איז שוין טאָג. אין פאַבריק צוריק!

סטעפאן.

איהר הינט, איהר פאַרשאָלטענע הינט.

די סצענע פערוואַנדעלט זיך. זי איז אין העלענקעס צימער, ווי אין אָנפאַנג צווייטען אקט. אנדרזשעי שטעהט איבער דעם שלאָפענדען סטעפאַן און וועקט איהם.

אנדרזשעי.

גו, פלינקער, נעם די בייטש. אין פאַבריק צוריק, איידער יאַדוויגע כאַפּט זיך אויף.

סטעפאן

רייסט זיך אויף פון שלאָף. קוקט אַן אנדרזשעיען פערוואונדערט. דערנאָך העלענקען, וועלכע זיצט ביים קינד'ס וויעגעלע ווי אין אָנפאַנג צווייטען אקט.

דאָס ביסט דו? געהט צו צו העלענקען און קוקט זי אַן. דאָס ביסט דו? און איך האָב דאָך געמיינט. —

אנדרזשעי

גיט איהם די בייטש אין האנד אריין.

מאַך עס שנעלער, איידער די פריצטע איז אויף. זי וועט שוין אַניאַנדערש מאָל גאָר נישט אריינלאָזען.

סטעפאן

נעמט די בייטש אין האַנד אריין. צו העלענקען.

דאָס ביסט דו? און איך האָב דאָך געמיינט, אַז דו ביסט אַ קעניגין?

העלענקא

אָין צרות.

וואָס וויל ער פון מיין קאָפּ?

א נ ד ר ז ש ע י

מיט געלעכטער.

וואָס טרייבסט דו שפּאַס.

ס ט ע פ אַ ן

בעהט צרויס מיט די בייטש אין האנד.

הינד, הינד, פערשאָלטענע הינד!...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

שלום אש

מאטקע גנב

א פאלקשטיק אין דריי אקטן מיט א פראָלאָג

PRESENTED TO
THE ZIONIST HALL LIBRARY OF
CAPE TOWN
IN MEMORY OF THE LATE
ISRAEL JACOBSON OF MAITLAND.

פארלאג „קולטור-ליגע״, ווארשע

איבערדרוקען, איבערזעצען און
אויפפיהרען אהן דער ערלויבניס
פון מחבר איז פארווערט.
Copyright by Sholem Asch
1922

פערזאָנען.

מאָטקע גנב.

בלינדער לייב. זיין פאָטער.

זלאַטקע. זיין מוטער.

אפרים.

בעריש מייסטער.

דאָבעשע. זיין ווייב.

ר׳ מאיר מלמד,

דער בלינדער פערל, א סטראַזשניק.

שפרינצע.

איינער.

אַלטער תרח, קאַטאַריניאַזש דירעקטאָר.

מערי, א דראַטען-געהערין.

קאַנאַריק. א קאַטאַריניאַזש.

אַ פוילישער פאַן.

ר׳ מלך, האַלט א קאַפעע-הויז אויף דער אַלט-שטאָדט אין וואַרשע

הינדעל, זיין ווייב.

חנה׳לע, זייער טאָכטער.

באַשע. }

זשאַכלינערין. } מעדלעך.

די רויטע. }

שלמה.

פראָלאָג.

די ביהנע שטעלט פאָר א אָרעמען קעלער.

זלאַטקע

וואשט וועש. מען הערט אין דרויסען שרייען. א גנב! א גנב! זי קוקט זיך אום מיט שרעק. עס עפענט זיך אויף א טהיר און עס לויפט אריין מיט איפעט מאָטקע, א יונגעל פון א יאָהר 12. ער האלט א פאָר שטיוועל מיט א ברויט אונטער'ן אָרעם, אָבגעריסען.

מאָטקע

אריינלייפענדיג מיט שרעק.

מאַמאַ!

זלאַטע.

ווער איז מיר. דו? אַנטלויף, דער טאַטע וועט קומען, וועט ער דיר דאָך דערהרג'ענען אויפ'ן אָרט.

מאָטקע.

מען יאָגט מיך!

זלאַטע.

וואָס האָסטו שוין ווידער געטהון? ווער יאָגט דיך?

מאָטקע.

זעה. ווייזט אויף די שטיוועל. בעהאַלט, האָסט האָבען אויפ'ן ווינטער, ביי אפרים'ן געגנב'עט.

זלאַטע.

אַרויס פון מיין שטוב. איך וויל דיר נישט האָבען מיט דער גנבה. אַרויס!

פון דרויסען הערען זיך בענטער די געשרייען. א גנב! א גנב!

מאָטקע.

מיט שרעק.

מאַמאַ!!

זלאטע.

וואס זאָל איך טהון מיט דיר, אונגליקליך קינד. זיי וועלען דאָך דיר דערהרג'ענען. קריך אַרונטער אונטערין בעט, האָליע דיך שוין אַנידער אַז אויסגערונען האָסטו בעדאַרפט ווערען אין דיין מאַמעס בויך, איידער דו ביזט אויף דער וועלט געקומען. זי בויקערט איהם אָן, שטופּט אַרונטער אונטער'ן בעט און פאַרשטעלט איהם מיט זיך. אין די תפיסות וועסטו דאָך פוילען, נאָך סיביר ועט מען דאָך דיך פערשיקען.

אפרים'שי

קומט אַריין, אָן קאַפּאָטע מיט אַ צעפּליאַשעטען קאָפּ האָר.

געוואַלד! געוואַלד, ער האָט דאָך מיך געשאָכטען, אין מיטען העלען טאָג האָט ער דאָך מיך געשאָכטען. שרייט. מענשען! מענשען!

עס קומען אַריין מענער און פרויען, מיט שטעקענס און בעזעמס.

איינער.

דאָ איז ער אַנטלאָפען. איך האָב איהם אַליין געזעהן, ווי ער איז אַריין אין קעלער.

שפּרינצעלע.

אַז ער איז נאָר דעם בלינדען לייב'ס, איז שוין ריכטיג. אין זיין מאַמענ'ס בויך איז ער שוין געווען אַ גנב.

אפרים'שי.

ער האָט דאָך מיך געשאָכטען. ער האָט דאָך מיך געקוילעט, ווי אַ אָקס געקוילעט אין מיטען העלען טאָג. אוי ווען איז מיר!

איינער

צו זלאַטען.

וואו האָסטו איהם? גיט איהם אַרויס, דעם גנב!

זלאַטע.

פאַרשטעלט איהם ביים בעט,

איך האָב איהם נישט געזעהן, איך ווייס נישט וואו ער איז. וואָס ווילט איהר פון מיר?

שפּרינצעלע

צו די יודען אַרום.

אַז ער איז נאָך געווען אַ קליינער שרץ, ער האָט נאָך נישט

געקענט געהן, אויף אַלע פיר געקראָכען, איז ער שוין גע-
ווען א גנב, מען האָט דאָך קיין קינד נישט געקענט ארויס-
לאָזען אויף דער ליכטיגער שיין, געזעהן אַ קינד מיט אַ בײ-
געל, מיט אַ זעמיל, אַוועקגעכאַפּט און אויפגעפרעסען. אַ שטי-
קעל ברויט, אַ טעלערל מיט גרויפּען, אַרויסגעכאַפּט פון
דער האַנד און אויפגעפרעסען. וואָס ער האָט געזעהן, האָט
ער געכאַפּט. אַז ער איז נאָך געווען אַזאַ קלײנער ממזר,
אַז מ'האָט דאָס געזעהן אַרויסקריכען אויף אַלע פיר איז
דאָך אַ שרעק אָנגעפאַלען אויף אַלעמען. ס'וואונדער וואָס
ער איז אַ גנב, די מאַמע האָט דאָך איהם בעלערנט.

אפרים שי.

געוואַלד, מײנע שטיוועל, מײנע שיך, ער האָט דאָך מיך
געשאָכטען, ער האָט דאָך מיך געקוילעט, אין מיטען הע-
לען טאָג געקוילעט, מענשען, מענשען! וואָס שווײגט איהר?

אײנער.

וואו איז דער יונג? גיב אַרויס דעם יונג!

זלאַטע.

איך ווײס נישט, וואו דער יונג איז, און ווײס נישט, איך
האָב אים נישט געזעהן, איך ווײס נישט.

בעריש מײסטער

לויפט אריין ווי א ווילדער, א נידריגער יוד, מיט א פּאָר שטאַרקע ברעמען, מיט
א געדיכט־האָר־בעוואקסענעם פּנים, מיט א רימען אין האַנד.

לאָזט מיר נאָר צו, לאָזט מיר נאָר צו. זלאַטקע גיט אַרויס
דעם יונג. ס'איז בעסער פאַר איהם, איך וועל איהם געבען
מיט מײן רימען, איהר וועט מיר דערנאָך דאַנקען, זלאַטקע.

דאָבטשע

געה, צו וואָס זאָלסטו דיך אָנאַרבײטען בײם יונג, זײ ווע-
לען דען דיר דאַנקבאַר זײן? שילטען דיך נאָך.

אפרים שי.

מענשען, געוואַלד, זעהט, זעהט! ער געפינט א שטיוועל אויף דער
ערד. מײן בלוט, מײן פלײש, זעהט, ווי מײן בלוט וואַלגערט
זיך אַרום, זעהט!

א י י נ ע ר.

צו זלאטקען.

דעם יונג גיב ארויס, גיב אַרויס די מינוט דעם יונג, זאָגט מען דיר, אַ גזלן וועט ער אויפוואַקסען. ווייל זיך ווארפען צום בעט.

ז ל אַ ט ק ע

כאַפּט אַ וואלגער האָלץ.

אַוועק פון דאַנען! נישט דערלעבען וועט איהר דאָס, אַז איך זאָל אייך לאָזען מיין קינד שלעכטס טהון. צו עסען גיט איהר איהם, וואָס איהר געהט אים שלאָגען? די קעפּ וועל איך אייך שפּאַלטען, ווער עס וועט צוגעהן צו איהם

ש פ ר י נ צ ע.

זעהס, מענשען, זעהט, די מאַמע אַליין מאַכט איהם פאַר אַ גנב, די מאַמע אַליין.

ב ע ר י ש

מיט'ן רימען.

זלאַטקע, דאָס איז דאָך פיר דיין טובה וועגען, די הענד דאַרפסטו מיר קושען, וואָס איך געה איהם שלאָגען.

ד אָ ב ט ש ע.

דו האָסט דען כח צו איהם? ס'איז דען דיין קינד? וואָס וועסטו דאָס געזונד אַוועקלעגען. זיי וועלען דען דיר בע-צאָהלען פאַר דעם?

עס קומט אריין דער בלינדער פערל. עט ערשיינט אַ הויכער סטראַזשניק מיט אַ שווערד.

א י י נ ע ר.

יודען, מאַכט אַ וועג, דער בלינדער פערל געהט!

א פ ר י ם.

פּאַניע באַטשאַלניק! פאַניע פאַלקאָווניק, פאָטערל אונזערער, ער האָט דאָך מיך געשאָכטען, ער האָט דאָך מיך געקוילעט, אין מיטען העלען טאָג געקוילעט, מיינע שטיוועל, מיינע שיך, מיין בלוט און פלייש.

בלינדער פערל.

שש.. פאַסמאַטרים, ס'וועט אַלעס זיין אין אָרדענונג. צו זלאַטען. וואו האָסטו איהם בעהאַלטען זאָג געשווינד!

זלאַטקע.

איך האָב איהם נישט בעהאַלטען, איך האָב איהם נישט געזעהן, איך וויים נישט, וואָס איהר ווילט פון מיין לעבען?

בלינדער פערל.

דו ווייסט נישט? נו פאַסמאַטרים. זוכט ארום אין שטוב, צום סוף קומט ער צום בעט, וויל ארונטער קוקען, זלאַטקע פערשטעלט איהם. אהא. קלאַפּט מיט'ן שווערד. היי מאַשעניק! וויליעזיי! וויליעזיי!

זלאַטקע.

טייערע מענשען, האָט'ס רחמנות. זי פערשטעלט איהם דעם וועג. איך וועל דיך נישט לאָזען איהם אָנריהרען, איך וועל דיך נישט לאָזען. ראַנגעלט זיך מיט'ן סטראַזשניק. ער איז נישט שולדיג, ער איז דאָך נאָך אַ קינד.

בלינדער פערל.

אַ קינד איז ער... שטרענג. געהסט אַוועק די מינוט! דו לאָזט מיך נישט דאָס געזעץ אויספיהרען?... יודעלעך, נעמט זי אַוועק פון דאַנען.

אַ פּאַר יודען, בעריש, שפּרינצע ווילען צוגעהן צו איהר.

זלאַטקע.

די אויגען וועל איך אויסקראַצען מיט מיינע נעגעל ווער ס'וועט דאָ צוקומען צו מיר. הויבט אָן שטאַרק צו וואוינען, בעטענדיג זיך. יודען האָט רחמנות, האָט רחמנות, ער איז דאָך נעבעך נישט שולדיג.

איינער.

ער איז נישט שולדיג... זעה, ווי זי בעט פאַר איהם דעם גנב!

זלאַטקע.

איך האָב איהם דען עסען געגעבען, אַז ער זאָל נישט גנבענען?... פון וויגעלע אָן, האָט ער זיך דאָך געמוזט דערנעהרען, די מילך זיינע האָב איך דאָך נאָך פערקויפט, איידער ער איז געבוירען געוואָרען, פאַר די זשאַכלינערס

איינ׳קעל האָב איך זיין מילך פערקויפט. וויינט. איך האָב געקאָרמעט אַ פרעמד קינד און מיינס איז געלעגען אין דער היים אין צרות, די מילך האָט מיר אין די ברוסטען גע־שטאָכען און מיין קינד האָט געשריגען נאָך דער מאַמען.

ר׳ מאיר מלמד.

אוי, עס איז אמת, אוי איז עס אמת. איך האָב דאמאָלס עוויינט מיט זיי אין קעלער. אַז דער יונג האָט אָנגעהייבען צו שרייען, האָט זיך דער באַלקען געשפאָלטען פון די קולות. האָב איך גענומען אַ שטיקעל צוקער, איינגעבונדען אין אַ שמאַטקע און איהם געגעבען אין מויל אַריין, ער זאָל מיינען, אַז עס איז די מאַמעס ברוסט. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָבנאַרען, האָט בשום אופ׳ן נישט געוואָלט די שמאַטקע סמאָטשקען, אוי האָט ער געשריגען, אוי, האָט ער געשריגען...

זלאַטקע

וויינט.

וואָס האָט ער געקענט טהון, אַז עסען געבען האָב איך נישט געהאַט. ווי אַ פערלאָזטער פייגעל האָט ער געמוזט אַליין איבער זיך זאָרגען, איידער ער האָט נאָך רעדען גע־קענט, אַז ער איז נאָך אויף אַלע פיר געקראָכען, האָט ער געמוזט די קרישעלעך ווי אַ פייגעלע צוזאַמען פּיקען... וואָס האָט ער געקענט טהון, געזעהן קינדער עסען, געכאַפּט און געגעסען, געוועזן הונגעריג. עס האָט דען וועגען איהם עמיצער געזאָרגט? איהר האָט איהם עסען געגעבען, וואָס איהר געהט איהם שלאָגען?

איינער.

איך זאָל מיר געהן דאָס הארץ אָברייסען פאַר דעם בלינדען פערל, האָב איך אַ זאָרג, זאָל ער געהן אַליין דעם יונג אַרויסשלעפען. געהט אוועק.

בעריש.

אַז מען האָט אפרים׳ען בעגנב׳עט, אַ שיינע ריינע כפרה אויף זיין קאָפּ, די שטיוועל פוילען סיי ווי סיי ביי איהם אין קאַמער. קומט יודען געהט אוועק פון בעט.

ב ל י נ ד ע ר פ ע ר ל.

איהר ווילט נישט דעם יונג אַרויסשלעפּן? ניין, יודעלעך, ניין?

א ײ ב י ג ע.

זי לאָזט נישט. ווייזען אויף זלאַטען.

ב ל י נ ד ע ר פ ע ר ל.

זי לאָזט נישט, איך וועל איהר ווייזען, אַז זי וועט יאָ לאָזען.

גיעהט צו צו איהר אַוועק פון דאַנען! שטופּט זי אַוועק.

ז ל אַ ט ע.

ראַנגעלט זיך מיט איהם.

איך וועל דיר נישט לאָזען מיין קינד שלעכטס טהון. יודען, האָט רחמנות, האָט רחמנות. דער בלינדער פּערל וויל זי שלאָגען מיט'ן שייד פון שווערד. שלאָגט מיר און אוועקגיין וועל איך נישט.

א ײ נ ע ר.

וואָס האָט ער זי צו שלאָגען?

ש פּ ר י נ צ ע.

טאַקע אַזוי, וואָס האָט ער אַ יודענע צו שלאָגען. ער נעהמט דען נישט 10 גילדען אַ וואָך מיט אַ חלה ביי אונז. אַז מען האָט געגנבעט, וואָס איז דאָס זיין געשעפט וואָס? וואָס האָט ער זיך צו מישען וואָס?

ב ע ר י ש.

יודען, איך האָב אַ עצה, מען דאַרף איהם בלינד מאַכען. גיט נאָר עפּיס צושטייער. נעהמט ארויס קליין געלד. גיב נאָר עפּיס צושטייער. די יודען קלייבען צונויף קליין געלד. דער סטראַזשניק קוקט אהין מיט איין אויג. מ'גיט איהם דאָס געלד. נאַ דאָ האָסטו און ווער בלינד, זעה נישט און הער נישט, ווער אַ בלינדער פּערל.

ב ל י נ ד ע ר פ ע ר ל.

נעמט דאָס געלד און מאַכט צו איין אויג.

שוין, איך בין שוין בלינד. דער בלינדער פּערל. אַז איר ווילט אַ גנב טאָ וואָס איז דאָס מיין עסק? האָט איהם אייך געזונ-טערהייד, שוין, איך בין שוין בלינד. וויל אוועקגעהן

אפרים.

פאַניע נאַטשאַלניק, וואָס טהוסטו, ער האָט דאָך מיר געשאָכטען, ער האָט דאָך מיר געקוילעט אין מיטען העלען טאָג, מיינע שטיוועל, מיין פלייש און בלוט! לויפט נאָך דעם סטראזשניק.

בלינדער פערל

קריכט איהם נאָך.

מיינע שטיוועל, מיין פלייש און בלוט. ווער הייסט דיך זיי האַלטען אין קאַמער? שטיוועל זענען דאָ, אַז מענשען זאָלען זיי טראָגען, נישט אַז זיי זאָלען פוילען אין קאַמער. אָב.

שפרינצע.

ער האָט דען נישט רעכט, דער בלינדער פערל, אוי, האָט ער רעכט. אָב.

אלע געהען אָב. פויזע.

זלאַטע

רופט אונטער'ן בעט.

קריך שוין אַרויס, קריך שוין, אין דרערד זאָלסטו קריכען מאָטקע קריכט אַפויער. צוליב דיר וועל איך אַזעלכע חרפות און בושות אויסשטעהן, אַז מענשען זאָלען מיר קומען מיין בלוט צאַפּען. זי פאַלט אַרויף אויף איהם און שלאָגט איהם און בויקערט איהם אָן.

מאָטקע

שטעהט אויף לאָזט זיך.

דו שלאָג, דו הרג'ע, אַז דו ווילסט, איך וועל דיר גאָרנישט זאָגען, איך וועל מיך לאָזען.

זלאַטקע.

אַ בראָך איז דאָך צו מיינע יאָהר, וואָס שלאָג איך איהם נאָך? דער יונג וואַלגערט זיך אין גאַס אַרום ווי אַ הונד, הונגעריג און קאַלט, און איך שלאָג איהם נאָך... זעה, אין וואָס פאַר אַ הילך דו געהסט, וואָס וועט פון דיר דער סוף זיין? געהט צו צו דער קיך, זוכט עפּעס, גיט איהם עסען.

מאָטקע.

איך וויל נישט עסען.

זלאַטקע.

דו ביזט דאָך הונגעריג, זיי האָבען דאָך דיך געיאָגט ווי אַ משוגענעם הונד.

מאָטקע.

איך בין נישט הונגעריג. איך געה אַוועק פון דאַנען, איך וויל מעהר דאָ נישט זיין. איך וועל געהן, איך ווייס שוין, וואו איך וועל געהן.

זלאַטקע.

וואו ווערסטו געהן? אין ד'רערד אַריין. ביזט דאָך נאָך אַ יונג קינד, ווער וועט זיך אויף דיר אַרומקוקען, ווער וועט דיר אַ מאַמע זיין?

מאָטקע.

איך ווייס שוין וואָס איך וועל טהון, דו זאָרג זיך נישט מאַמע, איך בין שוין אַ גרויסער יונג, איך וועל זיי שוין געבען (ווייזט מיט'ן פויסט אויפ'ן שטעדטיל). מאַמע, איך וועל אָן דיר שטענדיג געדענקען, וואו איך וועל נישט זיין, וועל איך דיך געדענקען, און אַז איך וועל גרויס ווערען און אַ סך געלד האָבען, וועל איך קומען נאָך דיר, אין אַ קאָטש מיט צוויי פערד וועל איך קומען נאָך דיר, דעם טאַטען נישט מיטנעהמען, נאָר דיך.

זלאַטקע.

וואו ווערסטו מיטנעמען, אין דרערד אַריין, וואָס פלוידערסטו, וואָס? טהו בעסער די הויזען אויס, וועל איך דיר עס פערריכטען זעה אין וואָס פאַר אַ הילך דו געהסט. (זי ציהט פון איהם די הויזען אראָב.) וואו שפּרינגסטו איבער אַלע פּלייטען און מויערן ווי אַ ווילדע ציג, וואָס וועט פון דיר דער שוואַרצער סוף זיין?

מאָטקע.

מאַמע, זאָרג זיך נישט, דו וועסט זעהן, וואָס איך וועל נאָך טהון... איך וועל זיי שוין ווייזען, ווער מאָטקע איז, איך וועל אַוועקגעהן אין דער וועלט אַריין, איך וועל מיך שוין סטאַרען, און אַז איך זאָל רייך ווערען וועל איך אין אַ קאָטש מיט צוויי פערד קומען נאָך דיר.

(מען הערט טריט אין דרויסען.)

זלאטקע.

אוי אַ בראָך איז נאָך מיר, דער טאַטע געהט! בעהאַלט זיך, ער וועט דיך טויטען אַז ער וועט דיר טרעפען אין קעלער. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל דיך אויף דער שוועל נישט אַרויפלאָזען, נו, קריך אַרונטער *ער קריכט אין אַ ווינקעל אַריין, זי פערשטעלט איהם און זעצט זיך נעהען די הויזען.*

לייב, אַ הויכער, שטאַרקער יונג, בלינד אויף איין אויג, מיט אַ שטריק אונטער'ן אָרעם.

לייב.

קומט און שרייט נאָך אין דרויסען.

וואָס האָסטו שוין ווידער דעם ממזר אין קעלער אַריינגעלאָזען? *קוקט זיך אַרום.* איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט דעם בענקאַרט אויף דער שוועל נישט אַרויפלאָזען, וואו האָסטו דעם יונג ווידער בעהאַלטען?

זלאטקע.

וואָס ווילסטו האָבען, ער האָט נישט געהאַט וואו צו אַנטלויפען, זיי האָבען איהם ווי אַ משוגענעם הונד געיאָגט, איז ער צו די מאַמע אַריינגעלאָפען. וואָס האָסטו געוואָלט, אַז איך זאָל איהם אַרויסוואַרפען, אַז זיי זאָלען איהם דערהרג'ענען? נישט דערלעבען וועסט דו דאָס.

לייב.

אויפגערעגט, שרייט.

בענקאַרטעס האָסטו ערצויגען, גנבים, און דו בעהאַלסט איהם נאָך. וואו איז דער יונג?

זלאטקע.

ער איז שוין נישטאָ, ר'איז אַנטלאָפען.

לייב

רייסט די הויזען.

וואָס נייסט דו? וואו איז דער יונג? איך וועל דיר מיט איהם אין איינעם דערהרג'ענען אויפ'ן אָרט!

לאטקע.

איך ווייס נישט וואו דער יונג איז, וואָס ווילסטו האָבען?

וועהניג האָבען איהם פרעמדע געיאָגט, נאָך דער איי־געי־
נער טאַטע.

ל י י ב.

דו נעמסט זיך נאָך אָן פאַר איהם, האָסט ערצויגען אַזאַ
גנב, ווי דיין אייגענע משפחה. הויבט אויף א האנד אויף איהרי

מ אָ ט ק ע.

האָט דורך א שפאלט צוגעזעהן די סצענע, לויפט ארויס פון ווינקעל מיט
א שטעקען.

איך וועל דיר נישט לאָזען שלאָגען די מאַמע, איך וועל
דיר צוריק געבען! מיך שלאָגען יאָ, דער מאַמען נישט,
נישט לאָזען, נישט לאָזען. האלט דעם שטעקען.

ז ל אַ ט ע

שרייט.

מאָטקע וואָס טהוסטו? געגען אַ טאַטען הויבסטו די האַנד
אויף?!

ל י י ב

געהמט אראָב דעם פאסעק.

דו משומד איינער! אַרויס פון מיין שטוב, די מינוט. דעם
קאָפּ וועל איך דיר צושפאַלטען אויף צוויי. וויל איהם שלאָגען.

ז ל א ט ק ע

וועלכע האָט זיך שוין געשטעלט צווישען זיי.

געה מאָטקע, געה, וואו דו ווילסט געהן, אין דער גרויסער
וועלט אַריין, דו האָסט נישט קיין טאַטען, האָסט נישט קיין
מאַמען, אַ יתום ביזטו געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט.
אפשר וועלען דיר אַנדערע טאַטע מאַמע זיין, געה מיין
קינד. וויינט.

מ אָ ט ק ע.

וויין נישט, מאַמע, איך וועל שוין וויסען וואָס צו טהון,
איך וועל דיר שטענדיג געדענקען מאַמע. וויל געהן.

ז ל אַ ט ק ע.

וואַרט מיין קינד, נעם כאָטש דאָס רעקעל מיט, און דעם

ערשטען ביסען ברויט... נעמט דאָס ברויט, וואָס געפינט זיך אין שטוב. מיט די הויזען און גיט איהם,

מאַטקע

ווארפט די הויזען איבער די אקסעל, דאָס ברויט אונטער'ן אָרעם.

בלייב געזונד, מאַמע, ווייַן נישט מאַמע... אַב.

זלאַטקע.

מיין קינד אַב, מיין אָרעם קינד:

ענדע פון פראלאג.

ערשטער אַקט.

אַ צימער אין אַ האָטעל, אין אַ קליינער שטאָדט. אָנגעשטעלט מיט בעטען. פערשיידענע רויטע און אין געשטרייפטע ציכלעך, ווי ביי ציגיינער, פוינלען און שטייגען הייגגען, אַ פּאַפּוגיי, אַ רויטער, אין אַ שטייג, אַ רייטער פּאַפּירענער לאָמפּ אין מיטען שטוב, צוויי קליינע פענסטערלעך.

טונקעל אין אָוועגד

דער אלטער תרח „דירעקטאר" פון צירק ליגט אויסגעצויגען אויף א בעט. מערי, די „קונצענמאכערין" אין א ווינקעל ביי א שפיגעלע קעמט זיך די האר. דער פאפוגיי איבער איהר, מאטקע, א יונג פון א יאהר 18 שטעהט און קוקט אויף מערי... איידער דער פארהאנג הויבט זיך אויף, הערט מען זינגען א רוסיש ליד.

סויזענד האב איך געליעבט
סויזענד האב איך פערלאזט
נאר אן איין איינציגען
פערגעסען קען איך נישט

דירעקטאר.

הער נאר דו, הישפאנער טשעמפיאן, ווייז א קונץ און ציה אראב א אלטען מייסטער די שטיוועל, לאמיר זעהן וואס דו קענסט. מאטקע ציהט איהם אראב די שטיוועל און דער דירעקטאר שלעפט זיך מיט מיט איהם. אז די נכפה זאל דיך פאקען, ווי ער ציהט, קאנאריק. דערשוויצט זיך דערביי ווי א אלטער קאטער, די געלע טשופערינע שטעלט זיך איהם אויף ווי ביי א האהן... מערי, איך האב מורא, ער וועט קאנאריקן אין דרערד יאגען, זאל איך אזוי לעבען אין דרערד יאגען... פערדרייט זיך אויף דער צווייטער זייט און רעדט נאך צו זיך. מיט איין מאל א פאר שטיוועל פון א אלטען קאטריניאזש אראבצוציהען בעדארף מען טאקע זיין א טשעמפיאן — א טשעמפיאן כרעפ ס, אטהעמט שווער, ביז ער שנארכט הויך.

מאטקע

איז די גאנצע צייט געשטאנען און געקוקט מיט גלאנצענדיגע אויגען אויף מערין, דרעהט זיך אויף איין פוס און ווייזט מיט די פינגער.

אויך אויסטהון?

מערי דערלאנגט איהם דאס פיסעל.

מאָטקע

קניהט אנידער, נעהמט איהר פוס, טהוט אויס די לעטשלעך, גלעט עס ״ערביי־רעדט צו זיך מיט פרייד.

ווי אַ טייבעלע, ווי אַ פייגעלע אַ קליינס, וואָס איך האָב גע־כאַפּט, ווען איך בין אַ קליינער יונג געווען — איז עס אויך אַזוי לעבעדיג, אַזוי געצאַפּעלט—וואַרעם, מיט פעדער. דריקט איהר פוס צו זיין הארץ.

מערי.

אנטלויף, קאַנאַריק וועט אַריינקומען, דיר זעהן האַלטען מיין פיסעל, וועט ער דיך דערהרג׳נען אויפ׳ן אָרט.

מאָטקע.

מיך הרג׳ענען? פאַר קאַנאַריק׳ן האָב איך קיין מורא, האָסט געזעהן, ווי איך האָב איהם געלעגט היינט ביים ראַנגלען זיך אין גאַס, ביין האַלז געשטיקט אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבען.

מערי.

ער האָט זיך נאָר געלאָזט אַזוי, ווייל דו ביזט דער יונגערער—און עס איז שעהנער אַז דער יונגער לעבט דעם עלטערן.

מאָטקע.

געלאָזט, זאָל ער זיך נישט לאָזען, איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט, איך בין שטאַרקער פאַר אַלע.

מערי.

קאַנאַריק וועט דיך אָנפּאַטשען, אַזוי ווי ער פּאַטשט מיך.

מאָטקע.

ער שלאָגט דיך?

מערי.

צי ער שלאָגט מיך? נישט איינמאָל, אַז איך וויל איהם נישט פאָלגען, אָדער ער שיקט מיר ערגעץ וואו אַוועק און איך וויל נישט געהן.

מאָטקע.

וואוהין שיקט ער דיך?

מערי.

דו ווייסט שוין, וואו ער שיקט מיך. שטופט איהם אַב.

מאַטקע.

שלאָגט ער דיך?

מערי.

בלויע פלעקען האָט ער מיר געמאַכט; דו זעהסט. ווייזט איהם די הענד. מיט אַ פּאַסעק, און אַפּטמאַל קאַפּיעט ער מיך.

מאַטקע.

דיך שלאָגט ער?! אַז די כאָלערע... מיין טייבעלע, מיין פייגעלע מיין קליינס, אויסקושען וועל איך די פלעקען. אַז די נכפה זאָל איהם אַוועקלעגען. מיין קליין, קליין פייגעלע ווי דאָס שפּרינגט מיט די פיסעלעך. אַז איך האָב היינט דערזעהן, ווי דו שפּרינגסט מיט די פיסעלעך איבער'ן דראָט, האָט מיר דאָס הארץ אַזוי געקלאַפּט, איך האָב אַזוי מורא געהאַט. איך וואָלט געוואָלט אַראָפּפאַלען, איך זאָל הענד און פיס צוברעכען, נאָר נישט דו, דיר זאָל גאָרנישט געשעהן, גאָר נישט זיין. מיין פייגעלע מיין קליינס, אויס-קושען וועל איך די הענטעלעך. קושט איהרע הענד, די פיס, די באַקען. אַזוי ווייך, אַזוי ווי פּוך, ווי פעדערען, ווי ביי אַ פייגעלע...

מערי.

שטופט איהם אַב.

אַנטלויף! אַנטלויף! קאַנאַריק וועט קומען, וועט ער מיר און דיר טויטען.

מאַטקע.

האָב נישט קיין מורא, האָב איך דיר געזאָגט, קאַנאַריק'ן וועל איך דעם קאָפּ אַראָפּדרעהען, אַז ער וועט דיר עפּיס טהון... מערי, הער אויס, דו ווילסט, אַז מיר זאָלען זיין גוטע פריינד, אַזוי אויף שטענדיג, אויף אייביג, וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכען צווישען אונז, וועלען מיר שטענדיג, שטענדיג גוטע פריינד זיין. איך וועל זיך אָנעמען פאַר דיר, איך וועל דיר נישט לאָזען קיין שלעכץ טהון. זאָג, דו ווילסט, דו ווילסט?

מערי

קוקט איהם אן מיט בעגייסטערונג.

און דו וועסט מיר נישט שלאָגען ווי קאַנאַריק?

מאַטקע.

איך דיר שלאָגען? די נכפּה זאָל מיך נעהמען, דאָ די פּאַפּילעקסיע אויפ'ן אָרט, אויב איך וועל דיר אַזוי פיל שלעכטס טהון. דיינע שעהנע הענטעלעך און פיסעלעך וועל איך דיר אויסקושען. איך וועל דיר זיין אַ געטרייער פריינד, נו, זאָג, דו ווילסט? גיב אַהער די האַנד.

מערי.

שווייג, שווייג. קאַנאַריק האָט זיך אָבגערעדט מיט מ'ר, אַז ער וועט אוועק מיט מיר פון דאַנען, ער וועט מיך נאָך וואַרשאָ פיהרען, זאָגט ער. ער זאָגט, ער וועט מיר ברענגען אין אַזאַ הויז אריין, וואו מען טאַנצט אַלע אָבענד, און מען געהט אַזוי שעה, אָנגעטהון, ווי די רייכע דאַמען געהט מען אָנגעטהון, און עס קומען קאַוואַליערן, אַזעלכע רייכע קאַוואַליערען קומען און טאַנצען מיט די דאַמען, אין אַזאַ הויז וויל ער מיך פיהרען.

מאַטקע.

און דו ווילסט געהן מיט איהם?

מערי.

יאָ, איך וויל זיין אין אַזאַ הויז וואָס איז אַזוי שעהן, וואו אַזוי פיל ליכט ברענט און מוזיק שפּילט און שעהנע דאַמען געהען אָנגעטהון אין אַזעלכע שעהנע קליידער, איך וועל מיך אָנטהון, ווי אַ ציגיינערין, מיט אַ פּאָר גרויסע רינגען אויף די אויערן און אַזאַ קורץ קליידעל. אוי וועט עס וויין שעהן, זיי וועלען צוזעצט ווערען, אַזוי וועט דאָס זיין שעהן. איך וויל נישט מעהר זיין ביי דעם אַלטען תרח, אויף מערק זיך אַרומשלעפּען, פאַר שיכּורע גוים זיך ווייזען און מ'קויפט מיר אַפילו נישט קיין קליידעל. איך וויל נאָך וואַרשאָ פאָהרען.

מאַטקע.

און איך וועל דיר נישט לאָזען מיט קאַנאַריק'ן פאָהרען. —

איך וועל מיט דיר אַנטלויפֿען, איך וועל דיר ברענגען נאָך וואַרשאַ, איך וועל דיר קויפֿען שעהנע קליידער און וואַציגיי... עריך דיך אָנטהון, איך וועל דיר פיהרען אין רייכע שטובען, וואו מוזיק שפּילט, איך, איך!

מערי.

חאַ-חאַ-חאַ! דו? דו וועסט מיך פיהרען, ווער ביזטו? מאַטקע, אַ פּאַס האָסטו? האָסט דאָך אפילו קיין פּאַס נישט, און קאַנאַריק האָט אַ פּאַס, קאַנאַריק האָט געלט, און קאַנאַריק איז אַ דערוואַקסענער, אַ שטאַרקער.

מאָטקע

שרייט אויס.

און איך וועל דיך מיט קאַנאַריק'ן נישט לאָזען, כ'וועל קאַנאַריק'ן דעם קאָפּ אַראָבדרעהען און איך וועל דיר מיט קאַנאַריק'ן נישט לאָזען אזוי ווי איך בין אַ יוד, כ'וועל דיך נישט לאָזען. קאַנאַריק'ן דעם פּאַס אוועקנעהמען און מיט מיר וועסטו פאָהרען, מיט מיר, אז נישט וועל איך דיר שלאָגען אָט מיט דער האַנד מאַכט אַ פויסט. זאָג וועסט געהן, צי נישט? זאָג!

מערי.

שמייכעלט.

און וועסט מיך ליעב האָבען? שטאַרק ליעב האָבען?

מאָטקע.

דיר דיינע פּיסעלאַך קושען, ווי אַ פייגעלע אַ קליינס מיט פעדערען אַזוי דיך האַלטען אויף די הענד.

מערי.

און קאַנאַריק'ן טויטען און זיין פּאַס צונעמען. ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. זי גלעט איהם איבער'ן קאָפּ. איך האָב דיך באַלד ליעב געהאַט אזוי ווי איך האָב דיר נור דערזעהן און קאַנאַריק'ן האָב איך פיינד.

מאָטקע.

נעהמט אַרום איהר פּיסעל.

מיין ווייך, ווייך טייבעלע. קושען זיך. מען הערט שטימען.

מערי.

לאָז מיר אָב, קאַנאַריק איז דאָ.

מאַטקע.

איך וועל דיר נישט אָבלאָזען.

מערי.

ער וועט מיר דערהרגענען.

מאַטקע.

איך וועל זעהען!

מערי.

ש ש... מאַטקע שפעטער, שפעטער, נאָר נישט יעצט. רייסט זיך ארויס פון איהם.

קאַנאַריק

קומט אריין מיט א באַטיק אין האנד.

ביזט נאָך נישט אָנגעטהון? דער פאַן קומט באַלד אריין, ער וועט קאָרטען שפילען, ביר טרינקען. פלינקער טהו אָן די רינגען, דו וועסט דעם רוסישען טאַנץ טאַנצען.

מערי

איך וויל נישט טאַנצען, די פיס טהוען מיר וועה פון די דראָטען, אויף וועלכע איך בין געגאַנגען. איך וויל שלאָפען געהן.

קאַנאַריק.

וואָס איז דאָס? דו שפילסט מיר שוין ווידער התונות? די רינגען טהו אָן!

מערי.

איך האָב פיינד דעם פאַן, מישפירט פון איהם דעם שנאַפּס.

קאַנאַריק.

דער פאַן האָט געלד, קענסט פון איהם אַ גראָשען ציהען.

מערי.

איך וויל נישט!

קאַנאַריק.

דו טהוסט אָן? הויבט אויף דעם בייטש אויף איהר. מאַטקע לויפט צו צו איהר. וואָס טהוסטו דאָ? וואָס געהסטו נישט ארויס די פערד היטען?

מאָטקע.

איך וויל נישט אַרויסגעהן די פערד היטען. איך וויל דאָ זיין. איך הייס שוין וועמען צו היטען...

קאַנאַריק

ביי.

גטה ממזר, געה! דו זעסט?

מאָטקע.

איך וויל נישט געהן.

קאַנאַריק.

וואָס? וואַגסט אַ עלטערן קאַטריגיאַזש...

מערי

וועקט אויף דעם אלטען.

אַלטער תרח, אַלטער, זעהט וואָס ווערט...

אלטער.

גנבים! עכברושים, שלאַנגען, פרעסערס, פייער שלינגערס, איהר געהט דאָ אַרויס, איהר... וואָס? סקאַנדאַלען וועט איהר דאָ מאַכען? שטעלט זיך צווישען זיי.

קאַנאַריק.

דער פוילישער פאַן קומט אַריין, אַ וואַזשנע פובליקום. עס וועט פרנסה זיין, ער לאָזט נישט די קליינע מויז זיך אָנטהון.

אלטער.

ווער? דער פוילישער פאַן? אָה, ער איז דאָך מיינער אַ אַלטער פּאָקלאָניק. אין יעדער שטאָדט פאָהרט ער מיר נאָך, זעהט מיך אַרבייטען. איהר וועט זיך דאָ פון מיר אַ שוואַרץ יאָהר אויסריכטען, גנבים, עכברושים, פייער שליג-גערס! צו מערי. די מינוט טהו דיר אָן די רינגען מיט דעם ציגיינערישען קאָסטיום, און דו קליינער היהנער פרעסער, וואָס שטעהסטו? נעם דעם פייקיל מיט די פייפלעך, וועסט איהר צושפילען, עס איז אַ וואַזשנער גאַסט, מען קען אַ שעהנעם גראָשען כאַפען. לאָז מיר נאָר, מיינע מעדאַלען אָנטהון.

מערי ווינקט צו מאַטקען, ער זאָל פאָלגען, טהוט זיך אָן די ריגגען אויף די הענד און אויערן מיט'ן ציגיינערישען טוך, מאַטקע שטעהט א ברוגז'ער. קאַנאַ־ריק געהט אַרויס.

מ ע ר י

לויפט צו מאַטקען.

שווייג, קיין וואָרט, היינט ביינאַכט וועלען מיר אַנטלויפען.

קאַנאַריק פיהרט אריין דעם פאַן.

אַ ל ט ע ר

געהט איהם אנטקעגען.

אָה, ווילקאָמען, ווילקאָמען פאַן! מיין טאָכטער וויל אייך גערן זעהן. אָה, שוין אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אייך. היינט, האָבען מיר פאַר אייך גאָר עפּיס נייעס, גאַנץ נייעס, אַזעלכעס האָט איהר נאָך נישט געזעהן. מיין טאָכטער וועט היינט טאַנצען דעם רוסישען טאַנץ... נישט וואַהר, מיין טייבעלע, מיין... מיין...

פ אַ ן

פערנייגט זיך פאַר מערי.

איך גראַטולירע איהן שעהנעס פריילין, די גאַנצע שטאָדט איז משוגע פאַר אייך. אין די קאַסינאָ האָבען די פאַנעס געטרונקען פאַר אייערע שעהנע פיסעלעך... אָה פאַניע קאַטריניאַזש! דו האָסט אַ קונצען־מאַכערין איינע אין דער וועלט, אין וואַרשאָ איז אַזעלכעס נישט צו זעהן.

אַ ל ט ע ר.

פאָלקאָווניקעס, אָפיצירן זענען איהר נאָכגעפאָהרען צו זעהן איהר אַרבייטען, וואו זי קומט, ווערט מען משוגע פאַר איהר. מיט מיין טאָכטער קען איך זיך פאַר'ן סאַמע קייזער ווייזען... אָט שרייבט צו איהר א פאָלקאָווניק אַ בריף. איך טראָג איהם ביי כּיר. נעהמט ארויס א בריף. אַ ליעבעס בריף שרייבט ער איהר: „טי מאָיאַ מילאַיאַ... דראָגאַיאַ גאָלובטשיק, שרייבט ער איהר... אַזוי שרייבט אַ „טשין פאָלקאָווניק" צו מיין טאָכטער, און וואָס שאָקאָלאַד און בלומען איהר צוגעשיקט אין יעדער שטאָדט ס'איז שוין נישטאָ וואו אַהינצוטהון. זי עסט נאָר בלויז שאָקאָלאַד. עפּיס אַנדערש קען זי גאָרנישט פערדייען

פאַן.

האָב איך אויך איהר פון דעם בעסטען סאָרט געבראַכט. שעהנע דראָטען=געהערין. איך האָבע די עהרע איהנען צו פּרעזענטירען מיט דעם שאָקאָלאַד אַלס צייכען פון מיין גרויסע פערעהרונג צו איהן און דיזע פלאַש פערפיום. דאָס קומט פון סאַמע פאַריז... און אָן אייך פאַנאָוויע האָב איך אויך נישט פערגעסען. איך ווייס אַז דו האָסט נישט פיינד, אַלטער דעם ביטערן טראָפּען. די פלאַש קאָניאַק איז פאַר דיר—עלצטער קאַטריניאַזש, דיר האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו קויפען נאַ אָט האָסטו געלד און קויף דיר אַליין עפּיס. גיט קאַנצריק'ן געלד.

אַלטער.

און פאַר מיין צווייטען זוהן האָסטו גאָר נישט מיטגעבראַכט? ער וועט זיין ברוגז.

פאַן.

אַ! פאַר דעם הישפּאַנישען טשעמפּיאָן, געוויס, געוויס האָסט היינט גוט געאַרבעט. נו, נאַ דיר, קויף דיר אויך עפּיס און זיי נישט אויפּערזיכטיג. גיט מאָטקע'ן געלד.

אַלטער

צו מאָטקען וועלכער האָט דאָס געלד נישט גענומען און זיך אוועקגעדרעהט.

זעהסט גנב, וואָס דו קענסט אָנווערען. דער פאַן איז מיינער אַ פּאָקלאָניק, דו וועסט מיר אים פערטרייבען, נעם צו דאָס געלד אַז נישט וועסטו זיך אַ שוואַרץ יאָהר אויסריכטען.

מערי.

איך וועל נעהמען פאַר איהם. איך וועל איהם שוין געבען. געהט צו. מאָטקע שפּעטער... ווינקט צו איהם.

אַלטער.

נו, חברה, יעצט עפּיס אַ שטיקעל פאַר'ן פאַן. עקסטראַוואַגאַנץ.

זיי קלאַפּען צו מיט די פייקלען אַ רוסיש טאַנץ, מערי טאַנצט, זיי זינגען צו, דער פאַן זיצט און קוועלט.

קאנאריק

צו מאַטקען.

טראָג זיך אָב, זיי דאַרפען זיין אַליין. מאַטקע געהט נישט. **ממזר,**
דו זעסט דאָך זיי דאַרפען זיין אַליין!

מאָטקע.

איך וויל נישט געהן.

קאנאריק

צום אלטען.

דער ממזר וויל דאָך נישט געהן, עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל.

אלטער.

דער פאַן איז אַ אָנשטענדיגער קריסט. דו וועסט מיר איהם פערטרייבען, זעהסט דאָך, זיי דאַרפען זיין אַליין, קום.

מאָטקע.

איך וויל נישט געהן!

אלטער.

אַ בראָך איז דאָך צו מיינע יאָהר. ממזר, געהסט, ווילסט מיך חרוב מאַכען. קום שוין קום.

קאנאריק.

צום אלטען.

נעם איהם! וואָס שטעהסטו? ער ווינקט צום אלטען,ביידע נעמען מאַטקען.

אלטער

נעמענדיג מאַטקע׳ן.

גו, קום מאָטקע, קום געלד פערדינען. ביידע טראַגען איהם אָב.

מאָטקע

אין דער צייט ווען זיי טראָגען איהם, שרייט.

איך וויל נישט געהן. איך וויל נישט געהן. מ׳טראָגט איהם אוועק.

פאַן.

אויב אַזוי וועל איך זיין דער פאַניענקעס ליובאָווניק, לאָז זיך נאָר דאָ די פאַניענקע אָוועקזעצען ווייזט אויף זיינע קניה, וועל איך איהר עפּיס ווייזען

מערי

דרעהט זיך אויס פון איהם.

איך האָב נאָך צייט... וואָס אַזעלכעס וועט ער מיר ווייזען?

פאַן.

אַ שעהנע זאַך. *כאַפּט זי אויף די קניע.* אָט אַזוי! *קושט זי.*

מערי.

ווישט זיך אָב די באַק.

די וואָנסעס פוילען ביי דיר פאַן.

פאַן.

די פּאַניענקע לאַכט. די פּאַניענקע בעהאַנדעלט מיך נישט גוט. *וויל זי ווידער אַ קוש טהון.*

מערי.

דרעהט זיך אויס פון איהם.

אַז איך זאָג דיר, אַז די וואָנסעס פוילען ביי דיר. *אנטלויפט פון איהם.*

פאַן.

לויפט איהר נאָך און קען זי נישט כאַפּען.

איך ווייס, ווי מען כאַפּט פייגעלעך. איך ווייס שוין ווי אַ קליין פייגעלע צו כאַפּען. איך בין אַ געניטער יעגער. מ'לעגט שפּייז אין נעטצל אַריין. *נעמט ארויס אַ פּאָרטפעל און נעמט ארויס פון דאָרט פּאַפּיר־געלד. מערי קוקט זיך צו ווי ער לעגט אַוועק דאָס געלד.* און דאָס פייגעלע וועט אַליין אין נעטצעל קומען. *פּייפט זיך צו און זינגט.* קום, קום קליין פייגעלע אין נעטצעלע אַריין. *מערי געהט צו פּאַמעליך, וויל כאַפּען דאָס געלד, ער כאַפּט זי.* אָט אַזוי כאַפּט מען אַ פייגעלע, אָט אַזוי. *קושט זי.*

מערי.

און דאָס פייגעלע איז אַזוי מיד. *לעהנט זיך אָן אויף איהם.* האָט אַזעלכע מידע פיסעלעך. *לעגט ארויף די פיס אויף איהם.* נו, און יעצט פאַן, בייג זיך אַראָב און פערמאַך די אויגען, נאָר דו מוזט מיר צוזאָגען, אַז דו וועסט נישט קוקען, וועל איך דיר עפּיס ווייזען.

פאַן.

עס וועט זיך לוינען?

מ ע ר י.

זעהר.

פ א ן.

אויב אַזוי ווער איך באַלד בלינד. זעה איך נישט. איך פער־לאָז מיך אויף די פאַניענקע אז די פאַניעגקע זאָגט מאַכט צו די אויגען. מערי שטעקט אריין איהר האַנד אין זיין בוזעם. ער לאַכט.

דו קיצעלסט מיך.

מ ע ר י.

איך וויל נישט, דו האָסט געקוקט.

פ א ן.

שוין איך זעה נישט. סלאַוואַ האָנאָרו!

מ ע ר י.

ניין. איך וועל דיר די אויגען פערבינדען, אז דו זאָלסט נישט זעהן.

פ א ן.

פאַר וואָס?

מ ע ר י.

איך שעם זיך.

פ א ן.

אז די פאַניעגקע שעמט זיך איז עפּיס אַנדערש. פערבינד איך מיר די אויגען.

מ ע ר י.

פארבינדט איהם די אויגען.

זעהסט נישט?

פ א ן.

סלאָוואַ האָנאָרו, גאָר נישט. זי שטעקט אריין די האַנד אין זיין בוזים־טאַש. אוי עס קיצעלט מיך אַזוי...

מ ע ר י.

דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דאָס ריכטיגע וועט ערשט קומען, אָבער שווער מיר, צי דו זעהסט נישט.

פ א ן.

סלאַוואַ האַנאַרו איך זעה נישט.

מ ע ר י.

אזוי גלויב איך דיר. ציהט ארויס דעם סייסטער פון זיין טאש און בעהאלט צווישען די ברוסטען. אָבער דו קוקסט, אזוי וויל איך נישט.

פ א ן.

סלאָוואָ האָנאָרו איך זעה נישט.

מ ע ר י.

שוין, נור איין מינוט. זי שטעלט ארויף איר פוס אויף זיין ליסינע און גלעט איהם. אנגענעהם?

פ א ן.

זעהר, מיט וואָס מאכסטו דאָס?

מ ע ר י.

דאָס איז א שפיל אזעלכע „חזיר און פויגעל„ דער פויגעל שטעלט זיך אויפ'ן חזיר'ס רוקען די קייכט ארויף אויף איהם. געפעלט עס דיר?

אין פענסטער בעווייזט זיך מאטקע, מאטקע ווייזט א פויסט צו איהר, זי ווארפט איהם צו די נאָז מיט געלד.

מ ע ר י.

בעהאלט, מיר וועלען היינט אנטלויפען צוזאמען.

פ א ן.

הע'ט רעדען, רייסט אראב דעם באנד פון די אויגען.

ווער איז דאָס?

מ אָ ט ק ע

גייט צו צו איהם.

טראָג זיך אָב פון דאנען, די מינוט ארויס. וויל איהם שלאָגען.

מ ע ר י.

געדענק אין גאָט, דער פאַן וועט שרייען, אנטלויף, זי שטופט איהם ארויס דורכן פענסטער.

מ אָ ט ק ע.

ווארט, איך וועל דעם גוי זיין פליך רויט מאכען. אב

פ א ן.

וואָס כהוט ער דאָ? איך האָב דערפאר געלט בעצאָלט.

מערי.

שווייג. קום אהער, וועלען מיר ווייטער שפּיעלען, חזיר און פויגעל, נו, בייג דיך אראָב.

פאן.

איך וועל מעהר נישט שפּיעלען. וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס האָט ער דאָ אַריינצוקומען? עס איז נישט קיין אָרענט־ליך געשעפט דאָ, מען בעהאַנדלט דאָ די געסט נישט אַנשטענדיג. (זוכט אין די קעשענעס.) וואו האָב איך מיין געלד? ווער האָט מיר מיין געלד אַרויסגעשלעפּט?... אַהאַ, דו האָסט מיר די אויגען פערבונדען און מיר דאָס געלד אַרויסגענו־מען! קאַראַאול! פּאָליציי! איך לויף באַלד נאָך פּאָליציי... מענשען! מענשען! דאָס געלד גיב אהער די מינוט!

מערי:

וואָס פאַר אַ געלד. וואָס רעדסטו? וואָס ווילסטו פאַן? דו ביזט שיכור, וואָס פאַר אַ געלד?

פאן.

וואָס דו האָסט דיין ליובאָווניק אַוועקגעגעבען. פּאָליציי! מענשען! מענשען!

דער אלטער און קאנאריק לויפען אריין.

אלטער:

וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס איז געשעהן? שווייג! געדענק אין גאָט, פאַן, שווייג! מען וועט דאָך מיר דאָס געשעפט צומאַכען.

פאן.

ודען ליכוויאַזשעס, גנבים! וואו האָט איהר מיך פערפיהרט? די האָט מיך אונגליקליך געמאַכט, מיין גאַנץ געלד אַרויס־גענומען. דריי הונדערט רובל אַרויסגעצויגען און אַוועקגע־געבען איהר ליובאָווניק. איך געה שוין נאָך פאָליציי! איך וועל אייך ווייזען.

אלטער.

וואָס פּאָליציי!? ווען פּאָליציי?! שווייג דאָך, פאַן! (צו מערין.) מערי לעבען, מיין קינד, וואו סטו דאָס געלד? גיב אַב

דאָס געלד, ס'איז דאָך נישט שעהן פון דיר, אז דו זאָלסט געלד צונעמען. גיב אָב דאָס געלד.

פאן.

זי האָט עס איהר ליובאָווניק אָבגעשטעקט.

קאנאריק.

ועמען? מיר?

פאן.

איך ווייס נישט, ווער עס איז איר ליובאָווניק. דאכט זיך, עס איז געווען אַנ'אַנדערער דאָ.

קאנאריק.

מאָטקע. לייפט אָב מיט'ן אלטען און ברענגען אריין מאָטקען.

אלטער.

מאָטקעלע, מיין קינד, גיב אָב דאָס געלד. עס איז דאָך נישט שעהן פון דיר, אז דו זאָלסט ביים פאן געלד צונעהמען.

מאָטקע.

וואָס פאר אַ געלד? איך ווייס נישט פון קיין געלד.

פאן.

איך געה נאָך פּאָליציי, שוין נאָך פּאָליציי!

אלטער.

וואָס פּאָליציי! די פּאָליציי קען אַזעלכע לייט, ווי דו ביזט, וואָס קומט צו איין אָנשטענדיג-פריילין און מאַכט אויף איהר אַ בלבול אַז זי האָט איהם געלד צוגענומען.. מיין טאָכטער האָט דיר געלד צוגענומען?... פּאָלקאָווניקעס שרייבען צו איהר ליעבעס-בריעף... אָט האָסטו, אַ טשין פּאָלקאָווניק, שאָקאָלאַד שיקט ער צו איר, וועט זי דיר געלד צונעמען? טאָכטער מיינע, דו האָסט פון דעם פאן געלד צוגענומען?

מערי.

איך האָב נישט קיין געלד צוגענומען. איך ווייס נישט, וואָס ער וויל פון מיר דער פאן.

אלטער.

ז׳ הסטו? ווער ביזטו פאן? וואָס טהוסטו דאָ? וואָס ביזטו
ג קומען אהער אי, מיטען דער נ כט און אויף מיין
ט כטער אָנגעפאַלען? פּאָלי..יי! געהט ארויס און שרייט. פּאָ=
ליציי! פּאָליציי! קומט צוריק. וואָס האָסטו דאָ צו זוכן ביי
מיר? וואָס פאַלסטו אָן אויף מיין קינד? אויף מיין אונ=
שולדיק אָרעם קינד, אַז זי האָט דיר געלד צוגענומען?
אַ טשקן פּאָלקאָווניק איז פּאַרל בט אין איהר, שרייבט צו
איהר ליבעס=בריף, און זי ווערט דיר געלד צונעהמען!
וואָס ביזטו אונז בעפאַלען? פּאָליציי! די מינוט קום צו
פּאָליציי... אַ פּאַס האָסטו? איך האָב אַ פּאַס, און דו האָסט
אַ פּאַס? פּאָליציי... איך וועל דיך אין סיביר אַוועקשיקן,
אויף קאַטאָרגע שיקען. ביזט בעפאַלען מיין טאָכטער אין
מיטען דער נאַכט, געוואָלט איהר שלעכטס טהון! זעהט,
מענשען, זעהט, געוואָלט מיין קינד שלעכטס טהון, פּאָ=
ליציי! די מינוט קום צו פּאָליציי. שרייט. פּאָליציי.

פאַן.

יוד, וואָס רעדסטו? וואָס זאָגסטו, וואָס?

אלטער.

ייס.

פּאָליציי! אַ מענש איז אונז בעפאַלען אין מיטען דער נאַכט,
איך וועל דיך נישט אָבלאָזען, צו פּאָליציי קום די מינוט.
דער פאַן וויל אוועקגעהן. דו וועסט ביי מיר נישט אנטלויפען!
דער פאַן וויל אנטלויפען. וועסט זיך ביי מיר נישט אַרויסדרע=
הען, צו פּאָליציי מוזטו געהן. דער פאַן רייסט זיך ארויס און
אנטלויפט. ער שרייט איהם נאָך. אַ שעהנע כפרה פאַר אַלע יודען...
נו, יעצט צו מאַטקען. הער נאָר מאַזורניק, גיב אָב דאָס געלד,
אַז נישט מאַך איך מיט דיר אַזוי ווי מיט'ן גוי, ווי איך
בין אַ יוד, איך גיב דיר אַרויס צו די פּאָליציי, קיין פּאַס
ביי מיר האָסטו דאָך נישט, און ווער דיין טאַטע איז ווייס
איך דאָך אויך נישט... עס וועט שלעכט זיין!

מאַטקע.

זאָל שלעכט זיין, האָב איך אַ זאָרג, גיט מיר אַרויס דער

פאָליציי, וועל איך דערצעהלען, אַז איר פערקויפט די מויד
צו שיכורים פאַר געלד, אַז זי וויל נישט, שלאָגט איהר זי.
וועלען מיר אַלע זיצען, וועט אונז הימליכער זיין.
אַלטער.
וואָס זאָגט ער? וואָס האָב איך דערלעבט?
קאַנאַריק.
האַ-האַ-האַ! קוקט נאָר אָן דאָס, אָט דעם שמדניק, וואָס איז
געקומען צולויפען צו אונז, אָט דעם יאָט, וואָס דרעהט
היהנער דעם קאָפּ אַראָב, אָט דעם האָסטו געלד אָנגעשטעקט,
די דראָטען געהערין, די קונצען מאַכערין, וויל זי שלאָגען.
מאָטקע
שפּרינגט צו צו איהם.
ריהר זי נאָר אָן, ריהר זי אָן, לאָמיר זעהן, אַ טויטער וועסטו
בלייבען ביי מיר אויפ'ן אָרט.
קאַנאַריק.
וואָס? דו וועסט מיר נישט לאָזען? אָט האָסטו דעם ערש-
טען פּאַטש. שלאָגט איהם.
מאָטקע
שפּרינגט אַרויף אויף קאַנאַריק'ן דושעט איהם ביים האַלז.
אַ טויטען וועל איך דיר לאָזען.
אַלטער.
קלאַפּט מיט'ן שטעקל איבער ביידענ'ס הענד.
אַ אונגליק! עכּברשים, גנבים! וואָס טהוט איהר! צו מעריך,
וועלכע קוקט מיט פערגעניגען, ווי מאָטקע דושעט איהם. געדענק אין
גאָט, טאָכטער, צוריס זיי! וואָס שטעהסטו?
מערי.
ס'איז איהר פלוצלונג עפּיס איינגעפאַלען, לויפט צו און צורייסט זיי, צו מאָטקען.
גיב אָב דאָס געלד, די מינוט גיב אָב דאָס געלד!
מאָטקע
פערוואונדערט.
וואָס פאַר אַ געלד?
מערי.
דאָס געלד פון גוי, וואָס איך האָב דיר אָבגעשטעקט. צו

קאנאריק'ן. איך האָב געמיינט אַז דאָס ביזטו, ווען ער איז אַריינגעקומען דורכ'ן פענסטער האָב איך עס איהם אַוועקגעגעבען... גיב אָב דאָס געלד!

ק א נ ר י ק

שריאומפירענד.

הערסט דו גנב! צו מערי. האָסט געמיינט אַז דאָס בין איך נעמט זי ארום. הערסט וואָס זי זאָגט, גנב! גיב אָב דאָס געלד, מיר האָט זי דאָס געוואָלט געבען.

מ ע ר י.

יאָ, דיר, מיין חתן.

ק א נ א ר י ק.

הערסט, הערסט?

מ אָ ט ק ע.

ערשטוינט.

האָסט געמיינט, אַז דאָס איז ער? דיין חתן, האָסט געמיינט הע? נישט איך נאָר קאַנאַריק מיט'ן רויטען קאָפּ. הע? האָסט מיר דאָס געלד אַוועקגעגעבען... גוט, גוט, איך'ל דיר אַוועקגעבען דאָס געלד צו קאנאריק'ן. געה אַרויס אין דרויסען אין שטאַל, אין פערדס כאָמוט האָב איך דאָס געלד אַריינגעלעגט, נעם עס זיך. איך וויל עס נישט.

ק א נ א ר י ק.

דאָס געלד איז אין כאָמוט, האָסט געמיינט, אַז איך בין דאָס, קום אַלטער!

א ל ט ע ר

אַזאַ גנב, אַזאַ... ער האָט געמיינט, אַז עס וועט איהם אָבגעהן ריין ביידע געהען ארויס.

מ ע ר י.

שווייג, מאָטקע! דו וועסט האָבען דאָס געלד צוריק מאָטקע קוקט זי אָן. איך האָב דיך ליב, איך וויל מיט דיר צוזאַמען אַוועק.

מ אָ ט ק ע.

געה צו קאַנאַריק'ן... האָסט געמיינט, אַז דאָס איז ער, ווען

דו האָסט מיר דאָס געלד אַוועקגעגעבען, האָסט עס אַליין געזאָגט.

מ ע ר י.

איך האָב עקסטרע אַזוי געזאָגט, קאַנאַריק זאָל מיינען, אַז איך האָב איהם ליעב. ווייל איך וויל איהם אָנרעדען, אַז ער זאָל אַנטלויפען מיט מיר די נאַכט.

מ אָ ט ק ע.

וואָס געהט עס מיך אָן, געה אַז דו ווילסט. שטופּט זי אָב פון זיך.

מ ע ר י.

מאָטקע, איך האָב דיך ליעב, איך וויל מיט דיר אַוועק, דו האָסט קיין פּאַס נישט, קאַנאַריק האָט, נעם ביי איהם דעם פּאַס צו מיט דאָס געלד און אַנטלויף מיט מיר.

מ אָ ט ק ע.

קאַנאַריק וועט אונז אַרויסגעבען.

מ ע ר י.

מאַך אַזוי אַז קאַנאַריק זאָל אונז נישט אַרויסגעבען דער פּאָליציי. אַז קאַנאַריק זאָל פערשווינדען, דו קענסט...

מ אָ ט ק ע.

ווי אַזוי? וואָס מיינסטו?

מ ע ר י

נעמט אַרויס אַ קאַווקאַזער מעסער און גיט דאָס מאָטקען.

וואַרט אונז אָב היינט ביינאַכט אין וואַלד איך וועל קאַנאַ-ריק'ן אָנרעדען, ער זאָל מיט מיר אַנטלויפען, אין וואַלד וועלען מיר זיך בעהאַלטען ביי'ן שווארצען טייך, וואַרט אונז דאָרט אָב און מאַך אַזוי, אַז קאַנאַריק זאָל פערשווינדען, אַז דו זאָלסט קאַנאַריק הייסען...

מ אָ ט ק ע.

ציטערט, דער מעסער פאַלט פון זיין האַנד אַרויס.

מ ע ר י!

מ ע ר י

הויבט אויף דעם מעסער און גיט איהם.

איך האָב דיך ליעב, איך וויל מיט דיר זיין, נאַר מיט דיר

אַליין, זאָלסט טהון מיט מיר וואָס דו ווילסט, מיין טייערער

ווייל איך האָב דיך ליעב...

מ אָ ט ק ע.

דריקט זי צו זיין הארץ.

מערי!

מ ע ר י.

קאַנאַריק, מיין געליבטער!

מ אָ ט ק ע.

לעגט איהר די האנד איבער'ן מויל.

שש... שווייג! געהען אוועק פון זיך, קוקען זיך אן איינע די אנדערע.

פ א ר ה א נ ג.

PRESENTED TO
THE ZIONIST HALL LIBRARY OF
CAPE TOWN
IN MEMORY OF THE LATE
ISRAEL JACOBSON OF MAITLAND.

צווייטער אַקט.

אַ קאַפּעע־הויז אין ווארשע אויף דער אַלטער שטאָדט. פארנאַכט. אַ פּאָר מעדלעך זיצען און רעדען צווישען זיך, הינטער אַ בופעט, אויף וועלכען עס איז אָנגעשטעלט קעז, קיכלעך, אייער און אַנדערע צובייסעכץ, זיצט אַ מעדעל, חנהלע, פון אַ יאָהר 18־19, זעהער אָנשטענדיג אָנגעטהון און לעזט אַ ביכעל. הינדעלע, די בעל־הבית'טע פון קאַפּעע־הויז שטעהט און רעדט מיט די מעדלעך. די זשאַכלינערין לייגט זיך צונויף נייע איינגעקויפטע וועש, לייליכער, ציכער און האַנד־טיכער, זי איז אַ געזונד מעדעל.

באשע.
גיט נאָר אַ קוק אויף די איבערציהערס, איך האָב זיי געקויפט די בעטען צו פערדעקען, איך האָב ליעב, ווען עס איז ווייס אין שטוב... זעהען זי הי נדעל, ווי שטאַרק די לייוועגד איז, זי זענען דאָך עפּיס אַ מבינ׳טע דערויף.

הינדעל
פערזוכט מיט די ציין איינצורייסען, קען נישט.
ריינע וועב... אָבער צו וואָס קויפען זי זיך דאָס אַלעס איין? מיינען זי דען חתונה צו האָבען, וואָס זי זאַמלען זיך אַ אויסשטייער!

באשע
און אַז נישט חתונה האָבען, טאָר איך מיר נישט איינקויפען ווייסוואַרג. איך האָב גערן ווייסוואַרג... אַ גאַנצען קאַסטען האָב איך שוין.

הינדעל.
פוילט עס דאָרט ביי איהר די וועש אין קאַסטען—צו וואָס? חתונה האָבען וועט זי דאָך סיי ווי סיי נישט, זי וואָלט עס ליעבער מיר פערקויפט די וועש, וואָלט איך געהאַט פאַר מיין חנה׳לען אַ אויסשטייער.

באשע.
גיב נאָר אַ קוק, זייער איינע מעג זיך זאַמלען אַ אויסשטייער, און אונזערס איינע טאָר נישט, פון וואַנען ווייס זי שוין דאָס, אַז איך וועל נישט חתונה האָבען! אַז גאָט וויל, קען נאָך אַלעס געשעהן.

זשאַכלין.
זי האָט דען נישט רעכט? זי מיינט אַז נאָר חנה׳לע מעג זיך זאַמלען אַ אויסשטייער. געהט צו צו באשען. באשע, זאָלסט דאָס נוצען געזונדערהייט מיט דיין בעשערטען אין פריידען.

רויטע.
וועלכע איז די גאנצע צייט געזעסען אין שווארצען ווינקעל אין דיך געלעגט קארטען.

באשע, זאָרג זיך נישט, עס וועט קומען דער בעשערטער
ווייזט אויף קארטען. זעהט, זעהט, ער געהט, יעדעס מאָהל
ווייזט ער זיך, נאָר די טויז פיק שטעלט זיך איהם אין וועג,
אָבער די מלכה בעשיצט איהם, זי בעגלייט איהם, ווי א גוּ-
טער מלך און בעשיצט איהם. נאַ, שוין ווידער די טויז
פיק, אוי ווע...

זשאָכלין.
וואָס איז דען די טויז פיק?

רויטע
ערנסט.

דאָס איז דער טויט, אז די קאָרט בעווייזט זיך, ווייזט זיך
דער טויט.

זשאָכלין.
אוי וועה, פון וואנען ווייסטו דאָס?

רויטע.
א כישוף-מאַכערין, א ציגיינערין, האָט מיך דאָס אויסגעלערנט
ווען איך בין א קליין מעדעל געווען. שטענדיג האָט זיך די
טויז פיק געוויזען פאַר א אונגליק, איידער מיין טאַטע איז
געשטאָרבען און ווען דוד קאַמאַשניק האָט מיך פערלאָזען,
האָט זיך אויך די טויז פיק בעוויזען.

באשע.
ווען דענסמאָל? אוי, דערצעהל, דערצעהל...

הינדעל.
געהט, שוין, געהט, מענשען גלויבען אין כשוף ס'איז נאַ-
רישקייטען. צו זשאָכלין. זעה ליבער, זי זאָל מיר פערקויפען
די וועש, צו וואָס בעדאַרף זי דאָס? זי האָט דערפון קיין
נוצן נישט און מיין חנה'לע וואָלט א אויסשטעהער געהאַט.
ווינקט צו זשאָכלין.

זשאָכלין.
און איך ווייס טאַקע נישט, צו וואָס דו זאַמעלסט די וועש

אין קאַסטען. מלא, אַ קאַפּעלוש קויפען פערשטעה איך, דו ווילסט געפעלען, זיידענע זאָקען, אָבער וועש? דאָס איז גוט פאַר אַ מעדעל, פאַר חנה׳לען, פאַר אונזער איינע? די נשמה דעם טייוועל אַלץ איינס איבערגעגעבען, איין שוואַרץ יאָהר...

רויטע.

אוי באַשע, פערקויף טאַקע חנה׳לען די וועש, וועט זיין אַזוי שעהן, וועט זיין אַ חתונה. *צו הינדעל.* אוי, איך האָב אַזוי ליעב אַ חתונה, איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף קיין חתונה, אוי וואָלט איך געוואָלט זיין... פערקויף באַשע די וועש, וועט זיין אַ חתונה.

הינדעל.

זעהסטו, אַלע רעדען דיך צו, פערקויף די וועש, וועט חנה׳לע האָבען אַ אויסשטעהער. דיר וועט דיך דאָס סיי ווי סיי נישט צוניץ קומען.

באַשע.

אַפּילו איך זאָל וויסען, אַז זי זאָל צופוילט ווערען אין קאַס־טען, די מייז זאָלען זיי אויפפרעסען, וועל איך זיי אויך נישט פערקויפען. *בייז.* חנה׳לע אַליין איז נאָר אַ מעדעל, איך בין אויך אַ מעדעל, איך וויל מיך אויך זאַמלען אַ אויס־שטייער. *אלע לאכען.*

זשאָכלין.

זי איז אַ מעדעל... זי וויל זיך אויך זאַמלען אַ אויסשטייער... שוועסטער, פערפאַלען, שלאָג דיר די נאַרישקייטען פון קאָפּ אַרויס.

באַשע.

אויף אייער צוזעצעניש, מיר האָבען אַ גאָט אין הימעל, אַז ער וויל קען ער נאָך אַלעס מאַכען. *די מעדלעך לאכען איהר אויס.*

מאָטקע

קומט אריין, געעלטערט מיט אַ פּאָר יאָהר, טראָגט אַ סאַמעט וועסט מיט אַ גאָל־דענעם זייגער, ווארפט אַ בליק אויף חנה׳לען.

וואָס פאַר אַ געלעכטער? די לאָמפּען אָנצינדען, ס׳איז שוין פינסטער.

רויסע.

אָה, קאַנאַריק, איך האָב שוין ווידער אָנגעטראָפען די טויז פיק, איך האָב מורא, אַז עס זאָל קיין אומגליק געשעהן.

מאַטקע.

לאָז מיך צורוה. קוקט אויף חנה'לען מיט ליעבע, געהט צו צום בופעט. חנה'לע חנה'לע פערטיפט אין לעזען.

היגדעל

פון הינקעל.

חנה'לע, דו הערסט נישט? אוי, וועה די קינדער וועלען באַלד קומען, לאָמיך נאָר אריינגעהן, כ'האָב נאָך גאָרנישט צוגעשטעלט. אב.

חנה'לע לעגט אוועק דאָס ביכעל, גיסט אָן צוויי גלעזער טיי, דערלאַנגט מאַטקען פון די רויטע, דאַן זעצט זי זיך ווידער לעזען. מאַטקע קוקט אויף איהר.

רויסע.

אוי, ווי שעהן עס קליידט דיר דאָס שטייפע העמד מיט די רויטע פראַנצען. דו זעהסט דאָך אויס ווי אַ רייכער מאַן, ווי אַ גראַף. אַ גאַנצען טאָג האָב איך געפרעסט דאָס העמד אַז ס'זאָל אַזוי שטייף זיין ווי אַ ברעט, זעהסט, וואָס פאַר אַ העגד איך האָב געקריגען פון פרעסען.

זשאָכלין.

פון דער הייסענס צו באשע'ן.

גיט נאָר אַ קוק, ווי זי פוצט זיך צו צו איהם. גיב נאָר אַ קוק... אַ שאָד, וואָס ס'איז נישטאָ מערי, זיין כלה, זי וואָלט איהר באַלד די אויגען אויסגעדראַפעט.

באשע.

ביזט זי מקנה, וואָס קאַנאַריק האָט זי ליעב?

זשאָכלין.

איך זי מקנא? וואָס פעלט מיר חתנים? אַז איך וואָלט נאָר געוואָלט זיך צופוטצען צו איהם, וואָלסטו שוין געזעהן, וואָס פאַר אַ הוט ער וואָלט מיר געקויפט.

באשע.

און פאַר וואָס פוצט, דו זיך נישט צו צו איהם?

ז ש אַ כ ל י ן.

ווייל איך וויל נישט. זעה נאָר, זעה נאָר, ווי זי פוצט זיך... די שטילע וואַסערלעך גראָבען טיף. גערט צו צום טישעל, זאָגט צו מאָטקע'ן מיט אַ חנדל. אוי, מאַמעלע קרוין, ווי עס קליידט איהם דער נייער אַנצוג מיט דעם גאָלדענעם זייגער. ער זעהט דאָך אויס אין איהם ווי אַ מאַגנאַט: אַ פער־געניגען צו קוקען אויף איהם.

מ אָ ט ק ע.

קוקט די גאַנצע צייט אויף חנה'לען, רופט.

נאָך אַ גלאָז טעע מיט קיכלעך. צו זשאַכלין. זעצט זיך!

ר ו י ט ע.

דאָס האָב איך איהם דעם אַנצוג געמאַכט פינף און צוואַנציג רובל האָב איך באַצאָלט פאַר איהם דעם שניידער.

ז ש אָ כ ל י ן.

אַלעס האָט זי געמאַכט, דעם אַנצוג, דאָס העמד. אפשר האָט זי דיך געבוירען אויך קאַנאַריק?

ר ו י ט ע.

יאָ, אַלעס איך. דעם קראַוואַט אויפגענעהט מיט מיינע אייגענע הענד. איך האָב איהם די קאַמאַשען אויסגעפוצט אַז ער זאָל שעהן אויסקוקען. נישט אמת קאַנאַריק.

מ אָ ט ק ע.

אמת אמת קוקט אויף חנה'לען.

ז ש אָ כ ל י ן.

גיב נאָר אַ קוק, גיב נאָר אַ קוק. אוי וועט איהר מערי די אויגען אויסדראַפּען.

ר ו י ט ע

מיר וועלען היינט שפּאַצירען אַרומגעהן, ער וועט מיך אין טעאַטער פיהרען.

ז ש אָ כ ל י ן.

נאָר דיר אַליין? קאַנאַריק וועט אונז אַלעמען מיטנעהמען נישט, קאַנאַריק?

מ אָ ט ק ע.

קוקט די גאַנצע צייט אויף חנה'לען. יאָ, אַלע, אַלע!

זשאָכלין.

טריומפירענד.

זעהסט? זעהסט שוין, ביזט נישט מעהר מורנו ווי מיר אלע וואָס ביזטו, זיין כלה, וואָס? ביזט דאָך אַ פּראָסטע בייגעל־בעקערין ווי מיר אַלע... שלמה, שלאָסענהעקער קומט אריין, דערזע־הענדיג איהם. אוי, מאַמעלע קרוין, שלמהלע איז דאָ.

די מעדלעך ווילען זיך אויפהויבען.

מאָטקע

מיט אַ בעפעלענדען טאָן.

זיצען בלייבען!

די מעדלעך וויסען נישט וואָס צו טהון.

שלמה.

וואו זענען די מוידען? ס'איז שוין שפּעט אין אָוועגד, און זיי זענען נאָך נישט אויף דער גאַס? קומט צו צו מאָטקעס טישעל. נאַ, זעה ווי ער זיצט זיך מיט די כלות דער חתן בחור. אין דרויסען רייסט מען די פּרנסה פון די הענד און ער האַלט זיך דאָ די כלות? וואָס האַלסטו זיי דאָ? צו די מעדלעך. אַרויס אויף דער גאַס!

מאָטקע

בייז.

זיצען בלייבען. טרינקען טהע און עסען קיכלעך!

שלמה.

וואָס טהוט זיך דאָ פאַר אַ שווארץ יאָהר. דו נעמסט נישט פון מיר קיין וואָכען־געלד פאַר די כלות? וואָס האַלטסטו זיי דאָ? אַרויס אויף דער גאַס!

מאָטקע.

זיצען בלייבען!

שלמה.

וואָס איז דאָס? צו די מעדלעך. אַרויס אויף דער גאַס!

מעדלעך

אין שרעק.

קאַנאַריק, לאָז אונז אַרויס.

מאָטקע.

די קעפ וועל איך שפּאַלטען, ווער עס וועט פון דאַנען אוועקגעהן. דאָ זאָלט איהר זיצען מיט מיר ביים טיש, טהע, קיכלעך, און ווען עס געפעלט נישט זאָל צופּלאַצט ווערען!

שלמה

גיט אַ קלאַפּ אין טיש.

מיין פּרנסה, מיין ברויט פאַר מיין ווייב און קינד, ווילסטו מיר צושטערען, גענמכט נישט קיין געלד פון מיר?

מאָטקע

הויבט זיך אויף.

טראָג זיך ארויס פון דאַנען די מינוט!

שלמה

קלאַפּט זיך אין הארץ.

מיין ברויט, מיין פליישׁ, מיין בלוט. קוקען זיך ביידע אָן, גרייט אַנצופאַלען איינער אויף דעם צווייטען.

באָשע

שרייט.

אוי, מאַמעלע קרוין, וואָס וועט דאָ ווערען? וואָס וועט דאָ ווערען, חנה׳לע, אוי ווען!

חנה׳לע.

גערט צו צו קאַנאַריק׳ן.

קאַנאַריק, איך בעט איהן, טהוען זי מיר צוליב, דער סטראַזש-ניק דרעהט זיך פאַר די טהיר, מאַכען זי נישט קיין סקאַנ-דאַל, לאָזען זי די מעדלעך ארויסגעהן.

מאָטקע

קוקט אויף חנה׳לען, ווערט ווייכער.

פאַר איהר וועל איך אַלעס טהון, אז נישט וואָלט עד אָן אַ קאָפּ אוועקגעגאַנגען, זאָל איך אזוי לעבען, אָן אַ קאָפּ... נו שלומה׳לע בענקאַרט, נעם דיר די מעדלעך. צו די מעדלעך. נו, ארויס אויף דער גאַס.

שלמה.

אזוי ממזר, די פּרנסה געהט ער מיר אוועקנעהמען. ציהט

פון מיר יעדען גראָשען אַרויס, און חת נות מאַכט ער זיך
מיט די כּלות. אַב מיט די מעדלעך אין גאַס.

חנה׳לע.

איך דאַנק איהן קאַנאַריק זעהר, וואָס זי האָבען מיר גע־
פאָלגט.

מאָטקע.

איך האָב עס נאָר פאַר איהן געטהון, זאָל איך אַזוי לעבען,
נאָר פאַר איהן...

חנה׳לע לאַכט פערשעמט, געהט אונטער׳ן בופעט, נעמט דאָס ביכעל. מאָטקע
קלערט אַ ווײלע, דאַן געהט צו צו איהר מיט לײכטע טריט.

מאָטקע.

חנה׳לע... חנה׳לע, וואָס לעזען זי?

חנה׳לע.

אַ מעשה...

מאָטקע.

אַ שעהנע מעשה?

חנה׳לע.

יאָ, יאָסעלע רופט מען עס... עס איז אַ מעשה מיט אַ יתום
וואָס האָט קײן פאָטער נישט געהאַט און נישט קײן מאַמע
געהאַט און מענשען זענען זעהר שלעכט געװען צו איהם...
זי ווילען עס? גיט איהם דאָס בוך.

מאָטקע

פערשעמט.

כ׳קען נישט לעזען, מיך נישט געלערנט. האָט מען איהם
געשלאָגען? מיר האָט מען אויך געשלאָגען, ווען איך בין
אַ קלײנער ייִנג געווען... די קאָפּ וואָלט איך זיי יעצט
געשפּאָלטען.

חנה׳לע.

וואָס? זי האָבען אויך קײן מאַמען נישט געהאַט?

מאָטקע.

איך האָב יאָ אַ מאַמען געהאַט, האָט זי מיך נישט געלאָזט
שלאָגען, האָב איך זי דערפאַר ליעב, זעהר ליעב, און איהן
האָב איך אויך ליעב.

חנה׳לע

דערשראָקען און פערשעמט.

מיך?

מאָטקע

שלאָגט זיך איבערין מויל.

ניין... איך מיין, מיין מאַמע האָב איך ליעב און איהן אויך— ווי מיין מאַמע...

חנה׳לע

לאַכט דערשראָקען.

איך ווייס נישט, וואָס זי מיינען? לעזט ווייטער.

מאָטקע

שטעהט אויף און קוקט זי אָן.

חנה׳לע, איך וויל עפּיס מיט איהן רעדען...

חנה׳לע

לעגט אוועק אין אנגסט דאָס ביכעל און קוקט איהם אָן מיט שרעק.

וואָס ווילען זי מיט מיר רעדען?

מאָטקע.

חנה׳לע, זי ווילען? איך מיין... איך וויל... חנה׳לע, האָרכען זי מיך אויס, איך האָב איהן ליעב, זעהער ליעב, ווי מיין מאַמע!

חנה׳לע

נאָך מעהר דערשראָקען, מיט א געמאכטען געלעכטער

געהען זי שוין, וואָס האָבען זי מיך וואָס ליעב צו האָבען. עס פעלט איהן דען וועם ליעב צו האָבען?

מאָטקע

חנה׳לע, איך וויל מיט איהן א חתן ווערען, אויף א ערנסט, זאָל איך אַזוי לעבען, זאָל מיין מאַמע אַזוי לעבען...

חנה׳לע

ערשראָקען.

עס פעלט איהן דען כּלות? זי האָבען דאָך שוין אַזוי אויך געגוג כּלות, וואָס ווי׳לען זי פון מיר? וויל געהען.

מ אָ ט ק ע

בעמט זי ביי דער האַנד.

געהען זי נישט אַוועק, איך בעט איהן, געהען זי נישט אַוועק, האָרכען זי מיך אויס, איך וועל איהן גאָרנישט קיין שלעכטס טהון, זאָל איך די פּאָפּלעקסיע קריגען דאָ אויפ'ן אָרט, אויב איך איהן עפּיס שלעכטס טהון וויל. איך האָב אַמאָל איהן געוואָלט שלעכטס טהון, נור נישט געקענט...

ח נ ה' ל ע

דערשראָקען.

מיר געוואָלט שלעכטס טהון, פאַרוואָס?

מ אָ ט ק ע.

ווען איך האָב איהן דערזעהן חנה'לע, זענען זי מיר אַזוי געפעלען אַז איך האָב איהן געוואָלט שלעכטס טהון, איך האָב מיך צו איהן אַריינגעגנ'בעט ביינאַכט, ווען זי זענען געשלאָפען אין אַלק ריל...

ח נ ה' ל ע

דערשראָקען.

אוי, מאַמעלע קרוין!...

מ אָ ט ק ע.

נאָר איך האָב איהן דאָס נישט געקענט טהון, געזעהן ווי זי שלאָפען, מיט די אויגען צוגעמאַכט ווי אַ היהנדעלע וואָס פערמאַכט די אויגען און האָט מורא אַז מען זאָל איהר קיין שלעכטס נישט טהון און בעט זיך פונק דענסטאָל ווי מיין מאַמע ווען איך בין אַ קליין יונגעל געווען און ווען איך האָב איהר צרות אָנגעטהו'ן, געגנבי'עט, און זי האָט מיר די הויזען פערנעהט, האָט זי אויך אַזוי די אויגען פערגלאָצט, ווי אַ היהנדעלע פאַר'ן שעכטען, האָט דאָס מיר געגעבען אַזאַ נעהם ביים האַרצען, אַז איך האָב געוואָלט אַנידער פאַלען פאַר איהן צו דר'ערד... כ'בין גאַנץ שטיל, שטיל אַרויסגעגאַנגען אַז זי זאָלען נישט הערען, נישט געקענט שלעכטס טהון...

ח נ ה' ל ע

אוי, מאַמעלע קרוין, אוי!

מ אָ ט ק ע.

נאָר פון דענסמאָל אָן האָב איך קיין רוה נישט, איך קען שוין נישט דאָס. (ווייזט אויפ'ן קאָפּ.) ס'איז מיר פערמיאוסט... אַז איך גיב זיך אַ דערמאָן ווי זי זענען געשלאָפען מיט די פערמאַכטע אויגען, קען איך שוין נישט קוקען אויף די מעדען... איך בענק נאָך איהן, נישט ווי נאָך די מעדלעך, ניין, ניין, גאָר אַנדערש, איך וויל האָבען אַ ווייב, מיין אייגען ווייב. און מיין מאַמע, זיין מיט איהר אין איין שטוב, מיט ווירטשאַפט נאָך דער חתונה, ווי יעדער מענש, איך זאָל פאָהרען אויף יאָהר-מערק אַרום און האַנדלען, און זי זאָלען זיצען אין דער היים און קאָכען נאַכט-עסען. אַהיימקומען פון מאַרק אין אַ קעלט, אין אַ פראָסט, אַראָפּוואַרפען פון זיך די בורקע, בלייבען מיט מיין ווייב, אין דער שטוב אַזוי וואַרעם, אַזוי גוט, נישט ווי דאָ, נישט מיט די מעדלעך.

ח נ ה' ל ע.

(האָט די גאַנצע צייט איהם מיט שרעק אויסגעהערט, זאָגט מיט האַרץ-קלאַפּען.)

פאַר וואָס האָבען זי מיך דוקא אויסגעקליבען? זי ווייסען גאַנץ גוט, אַז איך בין נישט פאַר איהן, זי ווייסען גאַנץ גוט.

מ אָ ט ק ע.

פאַר וואָס נישט? איך וועל אַוועקוואַרפען דאָס געשעפט, איך האָב שוין געקערט אַוועקוואַרפען דאָס לעבען מיט די מעדלעך, איך וועל ווערען אַ אָרנטליכער מענש ווי אַלע מענשען, איך וועל האַנדלען מיט פערד, אָדער מיט פיש, איך וועל גאָר אַנדערש, גאַנץ אַנדערש ווערען, איך האָב איהן ליעב...

ה י נ ד ע ל.

(איז שוין פון פריהער אריינגעקומען אונבעמערקט און האָט צוגעהערט.)

וועה איז מיר, חנה'לע, געה נור אין שטוב אַריין! האָסט דאָרט עפּיס צו טהון.

(חנה'לע דערזעהט הינדלען, כאַפּט זיך און לויפט אַב.)

מ אָ ט ק ע.

וואָס האָבען זי אַזוי מורא פאַר מיר? איך וועל חנה'לען גאָרנישט טהון.

הינדעל.

מיט א געמאכטען שמייכעל.

ווער זאָגט דען מורא? ווער האָט דען עפּיס מורא פאַר איהן? וואָס זענען זי אַ גזלן? חלילה... נאָר גלאַט אַזוי, חנה'לע, האָט דריגען אין שטוב עפּיס צו טהון.

מאָטקע.

זי האָבען נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר מיר, איך וועל חנה'לען גאָרנישט טהון, איך האָב ח.ה'לען ליעב, זייער ליעב.

הינדעל.

וואָס האָבען זי געזאָגט, וועה צו מיר! מיט כעס. וואָס האָבען זי צו חנה'לען? וואָס קעהרען זי זיך אָן מיט חנה'לען? וואָס פאַר אַ ליעב?

מאָטקע.

הינדעל, איך האָב אַ פּאָר הונדערט רובל, איך וועל אַלעס אוועקוואַרפען, די מעדלעך וועל איך שלמה'ן פערקויפען, כ'וועל אַ פורמאַן ווערען אָדער אַ פישער. און וויל מיט חנה'לע, אַ חתן ווערען.

הינדעל.

אַ בעזער חלום אויף מיינע שונאים'ס קעפּ, מיט וועמען ווילען זי אַ חתן ווערען? מיט מיין חנה'לען? פּפוי זאָל עס ווערען, מיין קינד איז אַ ריין קינד, און זי האָבען זיך נישט וואָס צו פרעגען אויף מיין קינד, מיינען זי נישט, דערפאַר וואָס איך האָב אַזאַ פינסטערע פרנסה, וואָס איך מוז האַלטען אַ קאָווי־אַרניע פאַר אַזעלכע מענשען, ווי זי זענען, מעג שוין יעדער איינער מיט מיין קינד האָבען צו טהון... מיין קינד איז נישט פאַר אַזעלכע לייט ווי זי זענען...

מאָטקע

מיט כעס.

ווער בין איך? אַ ממזר? איך האָב אויך אַ מאַמע. קלאפּט אין טיש.

ה י נ ד ע ל

דערשרעקט זיך.

ווער זאָגט דען עפּיס אויף איהנ׳ס מאַמע חלילה, געוויס האָבען זי אַ מאַמע, וועלכער יוד האָט דאָס נישט קיין מאַמע, זאָל זי לעבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר פיר מיינעטוועגען.

מ אָ ט ק ע.

איך האָב געמיינט... עס וואָלט נישט געווען גוט, ווען זי וואָלטען עפּיס גערעדט אויף מיין מאַמען... עס וואָלט נישט גוט געווע... געהט צו דער טהיר און רופט אין גאַס. היי, מיידלעך! קומט נאָר אַריין די מינוט!

ר ו י ט ע

קומט אריין.

וואָס האָט מיך קאַנאַריק גערופען?

שלמה מיט נאָך אַ פּאָר יונגען קומען אריין צו לויפען.

מ אָ ט ק ע

צו די רויטע.

דו קענסט שרייבען אַ יודיש בריוועל?

ר ו י ט ע.

יאָ, די באָבע האָט מיך געלערנט.

מ אָ ט ק ע.

זעץ דיר אַוועק און שרייב מיר אַ בריוועל, אָט דאָ האָסטו טינט און פּאַפּיר און שרייב מיר. נעמט פון בופעט טינט און פּאַפּיר און דערלאַנגט איהר.

ש ל מ ה.

זעהסט, צו וואָס ער בעדאַרף זי?

ר ו י ט ע.

וואָס זאָל איך שרייבען!

מ אָ ט ק ע.

שרייב מיר אַ טיטול צו אַ מאַמען, אַ גוטע מאַמע, אַ גוטע מאַמע.

זי שרייבט.

מ אָ ט ק ע.

האָסט שוין אָנגעשריבען?

ר ו י ט ע.

יאָ.

מ אָ ט ק ע.

לעז!

ר ו י ט ע

לעזט.

„צו מיין ליבע מאַמע!“

מ אָ ט ק ע.

צו מיין ליעבע, געטרייע, גוטע בעסטע, מאַמע.

ש ל מ ה.

זעהסט, וואָס פאַר אַ טיטול, ווי צו אַ גרעפין, אַ קלייניגקייט. זיין מאַמע. זיי לאַכען.

מ אָ ט ק ע

באַמערקט עס און מאַכט זיך נישט וויסען.

און יעצט שרייב אַזוי; „איך שיק דיר מיין ליעבע מאַמע פינף און צוואַנציג רובל, אָט דאָ האָסטו זיי. לעגט געלט אויפן טיש. און קויף דיר אַ שייטיל, אַ פאָאַר שיך און אַ שבת־טוך, דעם טאַטען זאָלסטו גאָר נישט קויפען, אַלעס איז פאַר דיר, ווייל ער האָט מיך געשלאָגען, ווען איך בין אַ קליי־נער יונג געווען.

ש ל מ ה.

אַ שאָד, וואָס ער האָט איהם נישט בעגראָבען קליינערהייד.

מ אָ ט ק ע

מאַכט זיך נישט הערען.

האָסט שוין אָנגעשריבען?

ר ו י ט ע.

יאָ.

מ אָ ט ק ע.

און יעצט שרייב אַזוי; „איך בין אין וואַרשע, אַ בעל־מלאכה אַ אַרבייטער, בין איך, איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה. קלערט וואָס פאַרע מלאכה?..

ש ל מ ה.

גנבישע כלות צו האָבען און געלד פון קעשענעס צו גנב'ענען.

מ אָ ט ק ע.

מאַכט זיך נישט הערענ;

איך בין אַ פישער. איך האַנדעל מיט פיש.

ש ל מ ה.

כאַפּט אונטער

מיט העכט!

מ אָ ט ק ע.

און שרייב ווייטער אַזוי, קום צו פאָהרען נאָך וואַרשע.

מאַמע, איך געה אַ חתן ווערען!

ש ל מ ה.

וואָס האָט ער געזאָגט? אַ חתן ווערען? מזל טוב אונז.

לאָמיר הערען, ווער עס איז זיין כלה.

ה י נ ד ע ל.

אַינטערן בופעט.

אַ בראָך איז דאָך צו מיר, ווייזט צו שלמה'ן אויף מאָטקען. דער יונג איז דאָך משוגע געוואָרען!

מ אָ ט ק ע.

האָסט שוין אָנגעשריבען?

ר ו י ט ע

מיינט, אז מאָטקע מיינט זי, לעזט מיט פריינד.

יאָ איך געה אַ חתן ווערען..

מ אָ ט ק ע.

„מיט אַ פיין יודיש מעדעל, אַ אָרנטליכע.

רויטע קוקט אַ טרויעריגע אויף איהם מיט שרעק.

שרייב, אַ אָרנטליך יודיש מעדעל.

ר ו י ט ע

זאָגט נאָך טרויעריג.

אַ אָרענטליך יודיש מעדעל.

מ אָ ט ק ע.

כאַפּט דאָס וואָרט און זאָגט נאָך.

יאָ, אַזאַ אָרענטליכע ווי דו ביסט, מאַמע, ווי זלאַטקע.

שלמה.

זלאַטקע איז גוט, אַז זי הייסט נאָר זלאַטקע... יעצט פערשט הסטו שוין, פאַרוואָס זי האָט אַזאַ זוהן, ווי די מאַמע, אַזוי דאָס קינד, דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים.

מאָטקע

כאַפּט אַ שטוהל און האַלט איבער שלמה'ס קאָפּ.

וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס, זאָג איבער נאָך אַמאָל.

שלמה

מיט שרעק.

וואָס האָב איך געזאָגט? דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, „זלאַטקע".

מאָטקע.

מיין מאַמען זידעלסט דו. כאַפּט אָן דעם יונג ביים האַלז און ווייזט מיטן פינגער אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס איז זלאַטקעס שיך, איהרע נעגעל, פּיס, אַראָב אויף דער ערד! אויף די קניע פאַר זלאַטקען! האַלט ב'שטוהל איבער שלמה'ס קאָפּ. שלמה האָט מורא, לאָזט זיך אַראָב אויף דער ערד. קוש זלאַטקעס פּיס, קוש איהרע שיך, אָט אַזוי זאָלסטו קושען, זלאַטקעס שיך. ער האַקט איהם איבערן קאָפּ ביז שלמה בייגט צו דאָס מויל צו דער פּאָדלאָגע. מאָטקע גיט איהם אַ שטויס אַוועק פון זיך. געה, ביזט נישט ווערט צו קושען זלאַטקעס שיך. זעצט זיך צו אַ טישעל, טרויעריג און פערטראַכט.

אַ לאַנגע פּאַוזע.

ר' מלך קומט אריין צו לויפען אָן אָטעם.

ר' מלך.

וואָס איז דאָ געשעהן? אַזעלכע געוואַלדען, געשרייען געהערט, דער פּריסטאַוו וועט דאָך אַריינקומען, מען וועט דאָך מיך אונגליקליך מאַכען.

הינדעל.

ציהט איהם פאַר'ן אַקסעל.

שווייג, שווייג... דער יונג איז משוגע געוואָרען. ווייזט שטיל אויף מאָטקען. שטיל צו מלך'ן. ס'האָט זיך איהם דוקא פערגלוסט מיט חנה'לען אַ חתן צו ווערען, נישט אַנדערש.

מלך.

מיט חנה'לען, ער? שטיל. איך האָב מורא פאַר דעם יונג, הינדעל, איך האָב מורא. פיהר גלייך אַרויס חנה'לע'ן פון דער שטוב, בעהאַלט זי ביים פעטער. ווייזט אויף מאַטקען. איך וועל איהם שוין איינשטילען, געה פיהר אַוועק חנהלען.

הינדעל געהט אַב.

געהט צו צו מאַטקען מיט אַ געמאַכטער פריינדשאַפט.

וואָס זיצט איהר אַזוי פערטראַכט? אַ יונגער מאַן ווי איהר. וואָס? די געשעפטען געהען שלעכט?

מאָטקע

כאַפּט זיך אויף, דערזעהט מלך'ן, פערבייגט די הענד.

ר' מלך, האָרכט מיך אויס. איך וויל מיט אייער טאָכטער אַ חתן ווערען.

ר' מלך

רוהיג.

וואָס עפּעס פונקט מיט מיין טאָכטער, וועניג פּעהלען אייך!

מאָטקע.

איך וויל מעהר נישט זיין מיט זיי. ווייזט אויף די מעדלעך. איך וויל אָנהויבען צו פיהרען אַ ג'אַנדער לעבען, איך וועל מיט חנה'לען אַ חתן ווערען און פיהרען אַ לעבען, ווי יעדער אַנדערער מענש. אַ פישער וועל איך ווערען. ענדערט דעם טאָן און בעט זיך מיט געוויין. פאַרוואָס ווילט איהר נישט, אַז איך זאָל אויך אַמאָל אַ מענש ווערען, איך האָב דאָך אויך אַ מאַמע, אַ עהרליכע, גוטע מאַמע, פאַר וואָס ווילט איהר נישט, פאַר וואָס?

מלך.

וואָס וויל איך נישט? איך ווייס נאָך נישט, וואָס איך וויל נישט.

מאָטקע

קוקט איהם אָן פערוואונדערט.

וואָס זאָגט איהר? ר' יוד, הערט מיך אויס. נעמט איהם אָן ביי'ן לאַץ. איך בין נאָך אַ יונגער יונג, איך קען נאָך גאָר אַנדערש ווערען.

מלך.

געוויס, אַז מען וויל, פאַרוואָס נישט.

מאָטקע.

מיט מעהר לוסט.

איך האָב אַ פּאָר הונדערט רובל אייגען געלד, איך וועל זיך נעמען צום האַנדלען, איך וועל מיר קויפען אַ פּאָר פערד און וועל פיהרען פיש פון דער באַהן. איהר וועט זעהן, איך וועל ווערן אַ גאַנץ אַנדערער מענש, אַ גאַנץ אַנדערער מענש. מיין מאַמע זאָל אַזוי לעבען.

מלך.

מיט פריינדשאַפט

פאַר וואָס נישט? אַ יונגער מאַן מיט אַ פּאָר הונדערט רובל קען אַ סך אויפטהון, אַ סך...

מאָטקע.

און פאַר וואָס ווילט איהר נישט, פאַרוואָס?

מלך.

וואָס וויל איך נישט? איך ווייס באָך נישט, וואָס איך וויל נישט.

מאָטקע.

פאַרוואָס ווילט איהר נישט, אַז איך זאָל מיט חנהלען אַ חתן ווערען, אַ שידוך טהון.

מלך.

ווער זאָגט דאָס, אַז איך וויל נישט? פון וואַנען ווייסט איהר, אַז איך וויל נישט.

מאָטקע

ערשטוינט.

וואָס זאָגט איהר וואָס? איהר ווילט? יאָ, איהר ווילט? איך מיט חנה'לע'ן אַ חתן ווערען... הערט מיך אויס ר' יוד, ר' מלך הערט אויס; איך האָב אַ גוטע מאַמע, אַ געטרייע מאַמע, איך האָב איהר שטענדיג צרות אָנגעטהון, נאָך פון קליינערהייד אָן האָב איך איהר שלעכטס געטהון, און זי מיר גוטס.

מלך.

עס איז זעהר שעהן, זעהר גוט אזא מאמען צו האבען, א כבוד אזא מאמען צו האבען, א, וואו!

מאטקע.

איך האב חנה'לע'ן אזוי ליעב ווי מיין מאמע, הערט מיך אויס יוד, איך וועל זי האלטען אזוי געטריי, אזוי ריין. איך וועל מיין מאמען גוטס טהון פאר אלע צרות וואס איך האב איהר אנגעטהון, א חתן ווערען מיט א ארענטליך יודיש מע־דעל, מיט א ריינע... איך וועל זי דא נישט האלטען, אהיים פיהרען זי צו מיין מאמע, אז אלע זאלען זעהן, אלע זאלען זעהן.

די מעדלעך שטעהען ארום און וויינען.

מלך.

פאר וואס נישט, פאר וואס נישט. זאל ער נאר ווערען פריהער א אנשטענדיגער מענש א ארענטליכער מענש, וועט מען דענסמאל זעהן, וועט מען דענסמאל רעדען.

מאטקע

מיט פרייד.

וואס האט איהר געזאגט, וואס? חנה'לע, חנה'לע! וויל ארייב־לויפען אין צווייטען צימער.

מלך.

האלט איהם צוריק.

אה, דאס נישט, חנהלע'ן דארפט איהר נישט זעהן, דער־נאך, דערנאך, אז איהר וועט ווערען א אנשטענדיגער מענש, אוועקלעגען די פרנסה, ווערען א פיש־הענדלער, האבען א פאר הונדערט רובל אייגענס, קומען מיט א שדכן, ווי יעדער יוד, דעמאלט איז עפיס אנדערש, איהר וועט די מוטער ברענגען, זעהן מיט וועמען איך האב צו טהון... אבער יעצט נישט...

מאטקע

יא, יא, איהר האט רעכט, יא, יא. שלאגט זיך איבער'ן מויל. דערנאך, דערנאך, יא, יא, נו שלמה'לע, האסט געהערט?

קויפסט אָב די מיידען? קויף זיי אָב, נעם זיי דיר אלע צו. וויפיל גיסטו? איך בעדאַרף זיי שוין נישט מעהר.

פ ל ך.

לאָז מיר נאָר נישט זיין דערביי, איך ווייס גאָרנישט דער־פון אָב.

די מעדלעך וויינען.

ז ש אָ כ ל י ן.

אַ בראָך איז דאָך נאָך מיר. וואָס געהט ער טהון. לאָז מיר נאָר לייפען נאָך די דראָטען געהערין. לויפט ארויס.

ב אָ ש ע.

מיר איז אַלץ איינס; דער הונד אָדער אַ אַנדערער, איין טייוועל.

ר ו י ט ע.

איך האָב באַלד געוואוסט, אַז עס וועט הייגט נישט גוט זיין. דער טויז פיק איז מיר נאָכגעלאָפען ווי אַ שוואַרצער שאָטען, קאַנאַריק געטרייער, קאַנאַריק גוטער, וואָס געהסטו טהון?

ש ל מ ה.

מיינסט טאַקע ערנסט? ווילסט אַוועק פון דער שטאָדט?

מ אָ ט ק ע.

מיין געביין וועט זיך דאָ מעהר נישט געפינען. איך וועל דיר דיין פרנסה מעהר נישט שטערען.

ש ל מ ה.

און מעהר קיין פרעטענסיעס נישט האָבען, גאָר נישט?

מ אָ ט ק ע.

איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך פערקויף דיר ביז איינע.

ש ל מ ה.

און מערי די דראָטען — געהערין אויך?

מ אָ ט ק ע

כאַפּט זיך אויף.

מערי, די דראָטען־געהערין, ניין, די נישט...

מערי קומט אריין אין שוואַרצען בעקליידעט, נאָך איהר זשאָכלין.

מאָטקע
איבער איהר זאָלסטו קיין רעכט נישט האָבען.

מערי.
צו מאָטקע'ן
וואָס געהסטו טהון?

מאָטקע.
נעמט זי אין אווינקעל.
מערי, מיר מוזען זיך שיידען, איך געה אוועק פון דאַנען.

מערי.
וואוהין?

מאָטקע.
איך געה חתונה האָבען.

מערי.
פאַרוואָס?

מאָטקע.
איך ווייס נישט פאַר וואָס. איך מוז, איך וויל, איך קען נישט אַנדערש.

מערי.
און וואָס ווילסטו מיט מיר טהון?

מאָטקע.
מיט דיר? געה אַוועק פון דאַנען, איך וועל דיך פיהרען אין אַ צירק אַריין. אין אַ וואָדעלוויל, דו וועסט געהן אויף דער דראָט, וועסט ארבייטען און פערדינען געלד פאַר דיר, פאַר דיר אַליין.

מערי.
איך וויל נישט געהן, איך וויל זיין וואו דו ביזט, מיט דיר.

מאָטקע.
דו קענסט נישט זיין מיט מיר, איך געה חתונה האָבען מיט אַ אָנשטענדיג מיידעל... מיר מוזען זיך צושיידען. ס'איז שוין אונזער מזל אַזוי.

מערי
וויינט.
פאַר וואָס? איך האָב דאָך דיך אַזוי ליעב.

מאָטקע.

איך ווייס אַז איך בין ביי דיר אין דער האַנד, אַז דו ווילסט קענסטו מיך איבערגעבען צו דער פּאָליציי אין די הענד, אַז איך האָב אַ מענשען געהרג'עט, אַז איך טראָג אַ פרעמדען נאָמען, גיב מיר אַרויס, אַז דו ווילסט, נאָר דאָס לעבען ווייטער פיהרען קען איך נישט, שיק מיר נאָך סיביר, אויף קאַטאָרגע אַז דו ווילסט, נאָר איך קען מעהר דאָ נישט זיין.

מערי.

וואָס רעדסטו? איך וועל דיר אַרויסגעבען? שלאָג מיר, פערקויף מיר, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט, איך בין דיינע, איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך ליעבער ווי זי קושט איהם די הענד.

מאָטקע

גלעט זי איבער'ן קאָפּ.

שווייג, מערי, שווייג, מיר מוזען זיך צושיידען.

מערי.

פאַר וואָס? פאַרוואָס קענסטו מיר נישט האָבען מיט חנה'לען. גנב'ע זי אַוועק, מיר וועלען זיין איניינעם. מיר וועלען דיר געלד געבען. מיר וועלען דיך ליעב האָבען,ביידע ליעב האָבען.

מאָטקע

שווייג, איך שלאָג דיך! הויבט אויף די האַנד.

מערי?

איך וועל זי אָנרעדען, איך ווייס שוין, ווי מיט איהר צו רעדען, זי וועט בעשטעהן.

מאָטקע.

שווייג, וואָרים איך זאַדושע דיך אויפן אָרט, וואָס מיינסטו? חנה'לע איז ווי דו? די מינוט נעם צונויף דיינע זאַכען און אַרויס פון דאַנען, די מינוט.

מערי

מיט געוויין.

איך וועל טהון אַלעס, וואָס דו הייסט מיך, אַלעס, איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך ליעב. נייגענד אַב.

שלמה

געהט צו צו מאַטקען.

נו, מאַכען מיר דאָס געשעפט? פערקויפסט מיר די כלות דיינע? זאָג וויפיל דו ווילסט. הונדערט רובל, צוויי הונדערט דריי הונדערט. *נעמט ארויס געלד.* נאַ, דאָ האָסטו *גיט איהם געלדי*

מאָטקע

קוקט איהם אָן ווילד.

געלד נעמען? פאַר זיי געלד נעמען? ניין, ניין! נאַ! *וואַרפט איהם דאָס געלד אין פנים.* דו זאָלסט איבער זיי קיין הערשער נישט זיין. היי, מוידען! הינדעל! באַשע!

מעדלעך

געהען צו ציטערנדיג.

וואָס?

מאָטקע.

די מינוט נעמט צונויף די זאַכען און אוועק פון דאַנען.

מעדלעך

דערשראָקען.

וואוהין?

מאָטקע.

אַהיים געהט, צו די מאַמעס, צו די טאַטעס, צו די ברי־דערס, אַרבייטען געהט, דאָ זאָל זיך אייער געביין נישט גע־פינען. ארויס פון דאַנען!

די מעדלעך שטעהען פערוואונדערט, קוקען מיט שרעק און אונצוטריי דאַ אויף מאָטקען, דאַ אויף שלמה'ן.

שלמה.

וואָס טהוסטו? מיין פרנסה, מיין גאַנצע פרנסה, מיין ווייב און קינד!

מאָטקע

צו די מעדלעך.

האָט נישט קיין מורא, איך וויל נאָר זעהן. ווער עס וועט אייך נישט לאָזען, ווער וועט עס וואַגען אייך שטעהן אין וועג. *צו שלמה'ן.* דעם קאָפּ וועל איך שפּאַלטען, פערשטאַנען?

צו די מעדלעך. די מינוט אַהיים, צו די טאַטעס, צו די מאַמעס, אַ היים!

באַשע.

גאָט גערעכטער, גאָט געטרייער, דו קענסט דאָך אַלעס

שלעפּט איהר שוועסטער. טהו אַנס, דעם אויסשטייער האָב איך שוין אָנגעגרייט. אָב.

רויטע

אבגעהענד וויינט, קוקט מיט בענקשאַפט אויף מאָטקע'ן.

דו שעהנער פאַרשוין מיינער, פאַר וועמען וועל איך יעצט העמדער וואַשען? וועמען די שיך פּוצען. אָב.

מאָטקע

צו זשאָכלין.

וואָס שטעהסטו? וואָס געהסטו נישט אַהיים?

זשאָכלין

מיט ביטערקייט.

איך האָב נישט קיין טאַטען. איך האָב נישט קיין מאַמען, איך ווייס נישט צו וועמען צו געהן. די גאַס איז מיין היים, געה איך אין גאַס אַריין. לאַנגזאַם אָב.

מערי

קומט אריין, אנגעטהון, מיט איהרע זאכען. קוקט זיך ארום.

קיינער איז נישטאָ? פאַלט אויף די קניה פאַר מאָטקען. מאָטקע.

מאָטקע.

שש... רוף מיר נישט מאָטקע, מ'וועט נאָך דערהערען!

מערי.

איך האָב אַזוי ליעב דיך צו רופען מיט'ן אַלטען נאָמען. לאָז מיך!

מאָטקע.

ווילסט מיך אַרויסגעבען?

מערי.

איך בין שטענדיג דיינע, וואו איך זאָל נישט זיין. איך וועל שטעהן או-טער דיין פענסטער און זעהן ווי דו וואָהנסט ווי דו לעבסט... זיי גליקליך מאָ-קע מיינער... פאַרוואָס?

אוי מאַטקע, ס'איז מיר אַזוי איינזאַם אָהן דיר, אַזוי טרויע-
ריג... פאַרוואָס ?

מ אָ ט ק ע

בערוהיגט זי.

שווייג, שווייג, ס'איז שוין אודאי אונזער מזל אַזוי; מיר
מוזען זיך צושיידען, אונזערע וועגען צוגעהען זיך. בלייב
געזונד.

מ ע ר י.

בלייב געזונט מאַטקע מיינער געטרייער, מאַטקע איינציגער.

זינגט אָבגעהענד.

טויזענד האָב איך געליעבט
טויזענד האָב איך פאַרלאָזט
נאָר אָן איין איינציגען
פערגעסען קען איך נישט.

מאַטקע קוקט איהר נאָך.

פאָרהאַנג.

דריטער אַקט.

אַ בעל־הבית׳שע שטוב. מען גרייט זיך צו תנאים. מלך פֿון אַ רעק העלפֿט די טעלער אויפֿשטעלן.

הינדעל

גרייטנדיג צום טיש.

אַזאַ יונג איז דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, דאָס האָט ער אויסגעפיהרט. אַנדערש נישט נאָר מיין חנה׳לען האָט זיך איהם פערגלוסט, און ער קריגט זי.

מלך.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל איהם אָבנאַרען, צום סוף האָט ער מיך אָבגענאַרט, ער איז טאַקע בעסער געוואָרען דער יונג, קענסט דיר עפּיס העלפען! מיט גלויבען. און איך זאָג דיר, מיין ווייב, אַז אַזאַ יונג ווערט אַ לייט, איז ער מעהר לייטישער ווי אַלע יונגע לייט. ס׳איז דאָך איהם נישט צו דערקענען, ער געהט דאָך מיט מיר דאַווענען יעדער שבת אין שוהל אַריין, צוערשט האָב איך געמיינט, אַז איך וועל זיך פון איהם אָבטשעפּען. ערשט דער יונג טהוט טאַקע, וואָס איך הייס איהם, ער מיינט עס אויף אַ אמת.

הינדעל.

און וואָס איז דאָ געשעהן? אַ קינד אין דער שערץ וועט ער דיר נישט אַהיימברענגען... און אַז אַזאַ איינער, אַז ער ווערט אַ מענש—איז ער אַ לייט, און חנה׳לע האָט ער ליעב ווי דאָס לעבען, די אויגען וואָלט ער זיך געלאָזט פאַר איהר אַרויסנעהמען.

מלך.

און דער עיקר פערגעס נישט, אַ פּאָר הונדערט רובל, און חנה׳לען נעהמט ער ווי זי שטעהט און געהט, ער וויל דאָך קיין גראָשען נישט פון איהר, און ווער דאַרף דען וויסען פון וואַנען ער האָט געלד, אין פּאַס שטעהט עס נישט פערשריבען.

הינדעל.

איך האָב נאָר מורא איין זאַך געהט צו צו איהם און רעדט שטיל.

פון וואַגנען ווײסטו אַז דער יונג וועט נישט צוריק געהן אויף זײן פריהערדיגען וועג? אַזעלכע ציהט עס...

מלך.

נאַרישקײטען... וואָס מײנסטו אָן איהר וואָלט ער געוואָרען דאָס וואָס ער איז. נישקשה, זי וועט שוין מאַכען פון איהם אַ לײט, אויף איהר קענסטו זיך פערלאָזען.

מאַטקע לויפט ארײַן מיט אַ בריף אין האַנד. אַנגעטהון ווי אַ חתן.

מאַטקע.

מחותן ר׳ מלך, די מאַמע מײנע קומט דאָך צופאָהרען צו די תנאים, אָט שרײבט זי מיר... וואו איז חנה׳לע? לויפט אַב אין צווײטען צימער.

מלך.

עס געפעלט מיר אין דעם יונג וואָס ער האָט אַזוי ליעב די מאַמע זײנע, „כבוד אם“ איז אַ גרויסע זאַך.

הינדעל.

און וועד ווײס אויב דאָס איז נישט זײן זכוס. אַ יונג איז געלעגען אַזוי טיף אין דער בלאָטע און הויבט זיך אויף, ער מוז האָבען אַ גוטען מלך אין הימעל.

מלך.

זעהסט מײן װײב... שש...

מאַטקע און חנה קומען רעדענדיג צווישען זיך.

מלך.

איז די מחותנת׳טע הײסט עס דאָ, איז זי געקומען צו די תנאים.

מאַטקע.

יאָ מחותן, יאָ, יאָ, אַז איך וואָלט געוועזען געוואוסט וואו די איז יעצט וואָלט איך איהר אַקעגען געלאָפען, וואָלט איך איהר... שרײבט זי נישט ווי אַזוי זי וועט קומען, צו מיט דער באַהן, צו מיט אַ פוהר, וואָלט איך געוואוסט מיט וועלכען וועג, וואָלט איך אַ שטיק פאָראויס געלאָפען, אַקעגען געפאָהרען מיט מײנע פערד, ווײס איך נישט, מוז איך דאָ זיצען און וואַרטען אויף איהר.

מלך.

וועסט דאָ וואַרטען אויף איהר, זי קומט דאָך גישט צו קיין פּרעמדע. ווינקט צו הינדעל. מיין ווייב, קום אַרויס, יונגע מענשען, אפשר ווילען זיי זיך עפּיס זאָגען פאַר די תּנאים, וואָס מיר טאָרען נישט הערען. שטיל צו איהר. קום מיין ווייב, מיר וועלען זיך שטעלען אונטער די טהיר און מיר וועלען הערען, וואָס חתן-כלה האָבען זיך צו זאָגען. מיר מעגען אויך וויסען.

הינדעל.

האָסט רעכט מיין מאַן. גיט מיט מלך, שטעלען זיך אונטער דער טהיר.

מאָטקע.

קוקט אויף חנה'לע'ן מיט ליעבע, פלוצלונג.

חנה'לע, חנה'לע, יעצט זאָג מיר, ווילסט דו ווערען פאַר מיר אַ כלה?

חנה'לע

מנסתּמא איז דאָך מיר בעשערט אַזוי, אַז איך זאָל פאַר איהם אַ כלה ווערען, מען זעהט דאָך אַז ס'איז אַ גאָטעס זאַך!

מאָטקע.

חנה'לע!

חנה'לע.

איך וועל אַלעס טהון, וואָס טאַטעשי און מאַמעשי וועלען מיך הייסען, זיי וויסען, בעסער פאַר מיר, וואָס איז גוט פאַר מיר.

מאָטקע.

חנה'לע!

חנה'לע.

איך וועל איהם זאָגען דעם ריינעם אמת, איך האָב עפּיס זעהער מורא, מיין הארץ שרעקט זיך זעהר.

מאָטקע.

פאַר וואָס האָבען זי מורא?

חנה'לע.

זי ווייסען שוין פאַר וואָס איך האָב מורא... איך האָב מורא,

אַז זי זאָלען נישט געהען אויף דעם זעלבען וועג, וואָס זי זענען געגאַנגען. וואָס טויג מיר שוין אַזאַ לעבען?... איז דאָך גלייכער, אַז פון אונזער שידוך ווערט גאָרנישט, איידער מיר געהען זיך פערבינדען פאַר גאָט און פאַר לייט.

מלך

אונטער דער טהיר.

אַ געזונד אויף איהר קאָפּ, דו הערסט, ווי זי רעדט מיט איהם?

היגדעל.

נאַר איינער, פערלאָז זיך נאָר אויף איהר איך האָב דאָך דיר געזאָגט אַז אויף אונזער חנה'לע'ן קען מען זיך פערלאָזען.

מאָטקע

וואַרפט זיך אויף די קניה.

חנהלע, איך וועל שטאַרבען פריהער, אַ טויט זיך געמען, אין וואַסער זיך וואַרפען, איידער דיר שלעכטס טהון אויף אַזוי פיל. ווייזט אויפ'ן שפּיץ פינגער. איך וועל דיר זיין אַ געטרייער, מיין חנה'לע, וועסט זעהן. וויינט.

חנה'לע.

וויינען זי נישט, איך גלייב איהן, ווען איך וואָלט איהן נישט געגלויבט, וואָלט איך דאָך פאַר איהן קיין כלה געוואָרען.

מאָטקע.

און פאַרוואָס זאָגסטו מיר נאָך „זי?"

חנה'לע.

נו, זאָל שוין זיין „דו"

מאָטקע.

איך האָב דיך ליעב, ווי מיין מאַמע, זאָג מיר, האָסט ליעב מ ן מאַמע?

חנה'לע.

יאָ, איך האָב פאַר דיין מאַמען אָנגעגרייט... אָט וואָס איך האָב אָנגעגרייט. נעמט ארויס פון קאַמאָד אַ שייטיל מיט אַ טוך.

אָט די מתּנה האָב איך אָנגעגרייט. פאַר די מחותנת'טע אַ שעהנע מתּנה?

מאָטקע

שרייט אויס.

חנה'לע?

חנה'לע.

און איך וויל דורכאויס אַז די מחותנת'טע מיט מיין מאַמען זאָלען מיך אונטער די חופּה פיהרען, אַז נישט וועל איך האָבען אַ צושטערטע חתונה.

מאָטקע

ווערט ערנסט, טראַכט אַ ווײַלע, קוקט זיך אַרום.

איך הייס נישט קאַנאַריק, איך הייס מאָטקע, רוף מיך מאָטקע, איך בעט דיך.

חנה'לע.

מאָטקע? געה שוין געה, דו לאַכסט פון מיר, וואָס פאַר אַ נאָמען איז מאָטקע, מאָטקע פּאַסט זיך פאַר אַ גנב.

מאָטקע.

איך לאַך נישט, חנה'לע. איך טראָג אַ פרעמדען נאָמען.

מלך

אונטער'ן טהיר.

וואָס האָט ער געזאָגט? לאָמיך נאָר הערען, הערט זיך איין.

חנה'לע.

ווי הייסט דו טראָגסט אַ פרעמדען נאָמען? וועלכער מענש טראָגט דאָס אַ פרעמדען נאָמען? דו מאַכסט חוזק.

מאָטקע.

איך מאַך נישט קיין חוזק. הער אויס חנה'לע, איך האָב דיר שוין פריהער געוואָלט דערצעהלען, דיר חנה'לע דאַרף איך אַלץ זאָגן, איידער איך געה מיט דיר אַ חתן ווערען, וויל איך, אַז דו זאָלסט אַלעס וויסן און דו מוזט אַלעס וויסען, וועסטו דערנאָך נאָך וועלען מיט מיר אַ כלה ווערען איז גוט, אַז נישט, זאָג מיר, וועל איך זיך אויפ-הויבען און אַוועקגעהן און וועסט מיין געביין נישט מעהר זעהן.

מ ל ך.

וואָס זאָגט ער?

ה י נ ד ע ל.

מיין האַרץ זאָגט מיר נישט קיין גוטעס אָן, מלך.

מ ל ך.

שווייג, לאָז הערען, וואָס ער וועט זאָגען.

מ אָ ט ק ע.

חנה'לע, הער מיך אויס. זעהסט, אַז דו האָסט פריהער גע־רעדט וועגען מיין מאַמען, האָב איך געזעהן, אַז דו און איך זענען מיר משפחה און מ'קען דיר אַלעס דערצעהלען, אַלעס פערטרויען, הער אויס חנה'לע; איך טראָג אַ פרעמ־דען נאָמען פון אַ מענשען, וואָס איז שוין נישטאָ, וואָס לעבט שוין נישט, און אַז דו רופסט מיר מיט אַ פרעמדען נאָמען, דאַכט זיך מיר, אַז דו ביזט זיין כלה, נישט מיינע... אַז דו רופסט מיך קאַנאַריק, שטעכט דאָס מיך... פון קבר רופסטו איהם, און איך וויל אַז דו זאָלסט מיין כלה זיין מיינע, מיינע, מאָטקעס, נישט קאַנאַריקס.

ח נ ה' ל ע.

און פאַרוואָס רופסטו זיך מיט אַ פרעמדען נאָמען? פאַרוואָס טראָגסטו נישט דיין אייגענעם נאָמען?

מ אָ ט ק ע.

איך האָב קיין נאָמען נישט געהאַט... ווען איך בין געווען אַ קליין יונגעל, האָבען זיי מיך אַלע געשלאָגען, איך האָב נישט געהאַט וואָס צו עסען, האָב איך געגנ'בעט, האָבען זיי מיך געשלאָגען, בין איך אַנטלאָפען פון דער היים אָהן אַ פּאַס און אָהן אַ נאָמען, און אַז איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך געזעהן, אַז אַ מענש מוז אַ פּאַס האָבען, אַז נישט איז ער קיין מענש נישט, איז ער ווי אַ בראָדיאַגע. אַלע קענען איהם שלעכטס טהון און, ער קען קיינעם גאָר נישט טהון, פאַר אַלע מוז ער מורא האָבען, איך האָב אויך גע־וואָלט זיין ווי זיי מיט אַ פּאַס...

ח נ ה' ל ע.

און פאַרוואָס ביזטו נישט אַהיימגעגאַנגען צו דיין מאַמען?

מ אָ ט ק ע.

איך האָב נישט געהאַט קיין היים, איך האָב קיינעם נישט געהאַט. איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, ביז איך האָב אָנגעטראָפן אויף דעם מענטשן, וועמענ׳ס נאָמען איך טראָג. ער האָט מיר שלעכטס געטהון, פיל שלעכטס געטהון, און איך האָב איהם גאָרנישט געקענט טהון, ווייל ער האָט געהאַט אַ פּאַס און אַ נאָמען און איך נישט. האָב איך געמאַכט אַזוי, אַז איך זאָל האָבען זיין נאָמען און זיין פּאַס. אַזוי האָב איך געמאַכט...

חנה׳לע

דערשראָקען.

וואָס האָסטו געטהון?

מ אָ ט ק ע.

חנה׳לע, איך האָב געמאַכט, אַז ער זאָל פערשווינדען פון דער וועלט, אַלאַל אַז ער האָט געוואָלט אַוועקנעהמען אַ מענטשען, וואָס האָט געהערט צו מיר, האָב איך איהם געפּאַקט... האָב איך געמאַכט, אַז ער זאָל שוין נישט קענען אַנטלויפען... האָב נישט קיין מורא, ער וועט שוין נישט צוריק קומען, ער איז שוין גוט בעהאַלטען אין אַ טייך, מיט אַ שטיין אויפ׳ן האַלז אָנגעבונדען... קיינער ווייס נישט דערפון, נאָר זיין נאָמען וויל איך מעהר נישט טראָגען, ביז יעצט האָט מיר נישט געאַרט, האָב איך עס נישט בעטראַכט, נאָר זינד איך בין מיט דיר אַ חתן געוואָרען און דו רופסט מיר מיט זיין נאָמען, שטעכט עס מיר, ווייזט זיך מיר אויס, אַז נישט מיר רופסטו, איהם פון טייך רופסטו אַרויס. ער איז מיט דיר אַ חתן געוואָרען, נישט איך, און איך וויל זיין דיין חתן, איך, מאָטקע, איך וועל פאָהרען אין מיין שטעדטיל אַריין, וואו איך בין געבוירען געוואָרען, איך וועל געבען די סטראַזשניקעס אַ סך געלד, אַ סך געלד די פּאָל צייט, און איך וועל אַרויסנעהמען אַ פּאַס אויף מיין אייגענעם נאָמען, איך וועל מיך רופען, ווי מיין מאַמע האָט מיך גערופען, מאָטקע האָט מיר מיין מאַמע גערופען.

חנה׳לע ויצט דערשראָקען, קען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדען.

הינדעל

פארמעלט אונטער׳ן טהיר.

וועה איז מיר, וועה איז מיר.

מלך.

שש... שווייג, שווייג...

מאָטקע

נאָך א לאנגע פויזע.

שוין, יעצט ווייסטו אַלעס, אַלעס, זאָג, ווילסטו נאָך זיין מיין כלה? זיין אַ כלה מיט מאָטקען, נישט מיט קאַנאַריק׳ן? קאַנאַריק איז געשטאָרבען, טויט. בעגראָבען, איך בין מאָטקע, איך בין מאָטקע! זאָג, ווילסט מיט מאָטקע׳ן אַ כלה זיין? האָב נישט קיין מורא, אַז נישט, בין איך נישטאָ, געה איך אַוועק, זעהסטו מיר נישט מעהר. וויל צוגעהן צו חנה׳לען. חנה׳לע דערשרעקט זיך. וואָס שרעקסטו זיך?

חנה׳לע

דערשראָקען.

פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבען? דו ביזט דען נישט מיין חתן? און פאַר אַ חתן זאָל מען מורא האָבען!.. איך האָב זיך נאָר דערשראָקען...

מאָטקע

שרייט אויס.

חנה׳לע! חנה׳לע! פאלט אויף דר׳ערד, גראָבט איין זיין פנים אין איהר שויס, וויינט.

מלך מיט הינדלע׳ן קוקען ארויס פון דער פאָרהאנג און ווינקען צו חנה׳לען און שאָקלען מיט די קעפּ. מלך ווייזט מיט דער האנד אויף זיך, אז ער ווייסט וואָס ער האָט צו טהון. הינדעל קנייפּט זיך אין די באַקען און ווינקט צו חנה׳לען, אז זי זאָל מאָטקע׳ן ארויסשיקען.

חנה׳לע

זוכט אין די געדאנקען עפּעס.

וואָס ווייגסטו, מאָטקע, וויין נישט, מן־הסתם איז דאָך שוין דיין מזל אַזעלכער, און דיין מזל איז דאָך מיין מזל... געה אַרויס אין דרויסען, זעה, אפשר קומט די מחותנתטע און זי וועט דאָך נישט וויסען דעם וועג, געה איהר אַנקעגען

מאַטקע.

שוין, חנה'לע, האָסט רעכט, אָט געה איך שוין, אָבער זאָג מיר נאָר איין וואָרט, וועל איך וויסען, אז אַלעס איז גוט.

חנה'לע

וואָס זאָל איך זאָגען?

מאַטקע

מיט בענקשאַפט.

זאָג מיר „מאַטקע"!

חנה'לע

טראַכט א אויגענבליק אין צווייפעל, אין טרעהרען.

מאַטקע! מאַטקע!

מאַטקע.

איך וועל שטאַרבען, וועל איך... איך וועל שטאַרבען... ס'איז אזוי גוט. אב.

הינדעל

קומט אריין מיט מלך'ן.

מיין אָרעם קינד. חנה'לע פאלט אויף איהר האלז און וויינט. וואָס האָסטו צו וויינען? ווי, נישט מיין קינד, גאָט זיי דאנק, וואָס ער האָט זיך דיר פערטרויט, דו ביזט נישט זיינע און ער איז נאָך נישט דיינער, א פרעמדער מענש, מיר מוזען פון זיך דאָס פעקיל אראָבוואַרפען, מיר האָבען דערמיט גאָרנישט צו טהון.

מלך

שטיל צו הינדעל.

הינדעל, איך האָב מורא, אז מיר זיינען דרינען... האָט די דער יונג קיין שלעכטס געטהון?

הינדעל.

וואָס פאלט דיר איין? אויף מיינע שונאים'ס קעפּ, דער יונג איז צו איהר געוועזן ווי א לערן-בחור, ווי א רבי'ס א קינד איז ער זיך מיט איהר בעגאַנגען.

מלך.

וואָס וויינט די מויד? הינדעל, עס געפעלט מיר נישט וואָס די מויד וויינט.

ה י נ ד ע ל:
מלך, געה אוועק פון מיר. לאָז מיר מיט'ן קינד אַליין.

מ ל ך.
ווער געוואָהר, הינדעל, ווער געוואָהר וואו מיר האַלטען?
איז שוין נאָך אַלעמען, מוזען שווייגען? ווער געוואָהר.

ה י נ ד ע ל.
טאָכטער לעבען, זאָג מיר, שעהם זיך נישט, איך בין אַ מאַמע
זאָג מיר:

ח נ ה' ל ע.
וואָס זאָל איך דיר זאָגען, מאַמע לעבען?

ה י נ ד ע ל.
האָט ער דיר קיין שלעכטס געטהון?

ח נ ה' ל ע.
ווער, מאַמע?

ה י נ ד ע ל.
דער יונג.

ח נ ה' ל ע.
ניין, מאַמע, ער איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען ווי אַ חתן, אַ פיין לערן-קינד, אַלעס, וואָס איך האָב געוואָלט האָט ער געטהון, ווייל ער האָט געוואָלט ווערען אַ אָנשטענדיגער מענש, איז געגאַנגען מיט'ן טאַטען דאַווענען יעדער שבת אין חברה אריין.

ה י נ ד ע ל.
זעהסטו, וואָס האָסטו געפּלאַפּעלט? דער יונג איז זיך בעגאַנגען מיט איהר עדעל ווי אַ לערן-קינד.

מ ל ך.
אויב אַזוי, צו דער פּאָליציי, די מיגוס צו דער פּאָליציי!
אויף דיין קאָפּ אויף זיינע הענד און פיס.

ח נ ה' ל ע.
מאַמע!

ה י נ ד ע ל.
מלך!

מלך.

מיר מוזען פון זיך דאָס פעקיל אַראָבוואַרפען, אַראָבוואַרפען פון זיך.

חנה׳לע.

מאַמעלע קרוין, וואָס געהסט איהר טהון?

היגדעל.

מלך!

מלך.

חנה׳לע וואָס ווילסטו אונז אונגליקליך מאַכען, ער וועט דאָך אונז מיטשלעפען, מיר מוזען פון זיך דאָס פעקיל אַראָבוואַרפען, ווייזען נאַטשאַלסטוואָ אַז מיר האָבען נישט געוואוסט. מלך אָב.

חנה׳לע

זויינט.

טאַטע, וואָס געהסטו טהון?

היגדעל.

שווייג, מיין טאַכטער, שווייג, דער טאַטע ווייס בעסער וואָס ער האָט צו טהון.

פון די טרעפ הערט זיך מאַטקע׳ס פרעהליכע שטימע.

מאַטקע

אין דרויסען

מאַמע, מאַמע געטרייע!

היגדעל.

שווייג, ער קומט, וויש דיר אויס די אויגן, ער זאָל גאָר נישט אָנזעהן, יעצט נאָך די מחותנת׳טע געבראַכט, אין א גוטע שעה האָט ער זי געבראַכט.

חנה׳לע.

מאַמע... איך קען איהר אין די אויגען נישט קוקען. לויפט אָב, היגדעל נאָך איהר.

מאַטקע קומט.

מאַטקע.

חנה׳לע, זעה, זעה נאָר, ווער עס אַז דאָ, די מאַמע, די מאַמע!

מאָטקע

פיהרט צ־יין זלאטקע'ן, אין א טערקישען שאל, אלט, איינגעהייקערט.

וואו זענען זיי? חנה'לע! זע, מיין מאַמע, לייפט צו צו דער טהיר. נישטאָ, זעץ דיך, מאַמע, לאָמיר דיך אָנקוקען, ווי זעהסטו אויס?

זלאַטקע.

זעהט, זעהט גאָט'ס וואונדער, וויינט. ווער האָט דיך ערצויגן, מאָטקע מיינער, איך האָב געמיינט אז דו ביזט שוין געשטאָרבען, און יעצט איז דאָך מיר, ווי איך וואָלט דיך נאָך אַמאָל געבוירען. איך האָב געמיינט, אַז אין אַלע ימים וועסטו זיך טרינקען, און יעצט זעהט גאָט'ס וואונדער. ווער האָט זיך אָנגענומען פאַר דיר? ווער האָט דיך ערהאַלטען מיין קינד? זעהט מיין נחת, זעהט מיין גליק! גאָטס וואונדער! גאָט'ס וואונדער! פאלט אויף זיין קאפ און וויינט.

מאָטקע.

שווייג, מאַמע, שווייג, איך וועל שטאַרבען... וואו איז דער טאַטע? איך וויל, דער טאַטע זאָל קומען, יאָ, ער זאָל אויך קומען!

זלאַטקע.

ער האָט נישט געוואָלט קומען. „אַז ער האָט נאָר געשריבען נאָך דיר, פאָהר צו" — האָט ער געזאָגט, „אַז ער וויל, אַז איך זאָל זיין אויף זיינע תנאים, איז ער נישט קראַנק געוועזען צו קומען נאָך מיר" האָט ער געזאָגט... אוי האָט ער געבען געוואָלט פאָהרען... טרעהרען האָט ער געהאַט אין די אויגן, ווען איך האָב זיך אויף דער פוהר אַרויפגעזעצט, נאָר דו האָסט אים נישט געבעטען, מיין קינד, שלעכט בעהאַנדעלסטו דעם טאַטען.

מאָטקע

דערמאַנט זיך.

ער האָט מיך געשלאָגען. לאכט. וועל איך פאָהרען נאָך איהם. אַז ער וויל אַז איך זאָל קומען, וועל איך קומען נאָך איהם מיט מיין כלה וועל איך קומען איהם בעטען צו די חתונה.

וואָל ער זעהן אַז מאַטקע לעבט נאָך! יאָ, אָבער וואו איז זי? וואו זענען זיי אַלע? רופט. חנה'לע! חנה'לע! מיין מאַמע איז דאָך געקומען צו פאָהרען. לויפט אָב און שלעפט אריין חנה'לען. חנה'לע ווישט זיך שנעל אויס די אויגען. זעהסט, מאַמע, דאָס איז מיין כלה, מיין טייערע איינציגע כלה, און דאָס איז מיין אַלטע מאַמע. נעמט ביידע ארום. מיינע צוויי מאַמעס...

ז ל אַ ט ק ע.

מיין טאָכטער, ווער האָט זיך געקענט ריכטען אַז איך וועל די זכיה האָבען מיין זוהן, און נאָך דערצו, זיין כלה... גאָטעניו, פאַרוואָס קומט דאָס מיר? מיין קינד, דו האָסט אַ גוטען שטערן אין הימעל, גאָט האָט זיך פאַר דיר אָנגענומען. קושט חנה'לען אין קאָפּ.

מ אָ ט ק ע

נעמט ארויס פון קאָמאָד אַ שייטעל מיט אַ טוך.

זעהסט, מאַמע, דאָס האָט דיר מיין כלה אַ מתנה געקויפט.

ז ל אַ ט ק ע.

דיין כלה'ס מתנות?

מ אָ ט ק ע.

דו האָסט עס פאַר מיין מאַמע געקויפט, נישט וואהר? חנה'לע?

ח נ ה' ל ע.

יאָ, פאַר די מחותנת'טע.

מ אָ ט ק ע.

טהו עס אָן מאַמע.

ז ל אַ ט ק ע.

ניין, מיין זוהן, נישט יעצט, אין אָווענד צו די תנאים,

מ אָ ט ק ע.

איך וויל שוין, די מאַמע זאָל שוין אָנטהון דאָס נייע טוך, וואָס מיין כלה האָט פאַר דיר געקויפט. טהוט איהר אָן דאָס טיכעל. און נאַ, דאָס האָב איך פאַר דיר געקויפט. נעמט ארויס אַ פּאָר גאָלדענע אוירינגלעך מיט אַ קייט און טהוט עס אָן זלאטקען.
איך וויל, אַז דו זאָלסט אויסקוקען שעהן, רייך, אַרייכע

מחותנת׳טע זאָלסטו זיין. דו ביזט מאָטקע׳ס מאַמע, איך וויל אַז דו זאָלסט אויסזעהן ווי אַ פּריצטע!

זלאַטקע.

זעהט, דעם נחת, מענשען, וואָס איך האָב דערלעבט. צו חנה׳לען. איך האָב דאָך געמיינט, אַז ער וועט אונטערגעהן, ער איז דאָך אַ גנב געוועזן קליינערהייד, חרפות און בושות האָב איך דאָך געהאַט פון איהם, זעהט וואָס איז געוואָרען פון איהם, זעהט...

מאָטקע.

און איך האָב דיר באַלד געזאָגט, מאַמע, ווייַן נישט אַז איך וועל נאָך קומען נאָך דיר מיט אַ קאָטש צו פאָהרען, מיט צוויי פּאָר פערד... היינט בין איך געקומען נאָך דיר מיט אַ קאָטש צו פאָהרען. יענער מאָטקע איז געשטאָרבען, בע־גראָבען, און אַ אַנדער מאָטקע איז געבוירען געוואָרען. נישט וואהר, חנה׳לע? פרעג איהר, מאַמע, אלעס האָט זי געמאַכט, אלעס זי... ווייזט אויף חנה׳לע׳ן.

זלאַטקע.

דאָס ביזטו מיין קינד, זיין מלאך געוועזן... די הענטלעך וועל איך דיר דערפאַר קושען וויל קושען חנה׳לע׳ן די הענד, זי לאָזט נישט. דערפאַר וואָס דו האָסט אַ אָרעמאַן דאָס הארץ דער־פרעהט... פאַרוואָס, רעדסטו נישט צו מיר, מיין קינד? פאַרוואָס שווייגסטו?

מאָטקע

דו שעמסט זיך מיט מיין מאַמע?

חנה׳לע

אין פערצווייפלונג.

וואָס פאַלט דיר איין?

מאָטקע.

וואָס ציטערסטו?

חנה׳לע.

איך בין אַזוי דערשראָקען, וואָס איך זעה דיין מאַמע אַזוי פערצווייפלונג די מחותנת׳טע ער האָט דאָך אַזוי פיל גערעדט

וועגען די מחותנת'טע, ער האָט דאָך אַזוי געוואָלט זעהן די מאַמע...

מ אָ ט ק ע.

יעצט וועלען מיר זיי האָבען, ביידע וועלען מיר זיי האָבען מיט אונז וועט זי וואוינען, דאָס בעסטע, וואָס מיר וועלען עסען וועט זי עסען, אָבהיטען זאָלסטו זי מיר, דו וועסט מיר רופען ווי אין דער היים, מאָטקע, גנב צו חנה'לען. מאָטקע גנב האָט זי דאָך מיך גערופען, אַז איך וועל פוילען אין די תפסות, אויף דער תליה הענגען, האָבען זיי געזאָגט... זעהסט וואָס פאַר אַ כלה מאָטקע האָט? מאָטקע וועט אַ היים פאָהרען אין שטעדטיל אַריין מיט זיין כלה און אַרויסגעהען שפּאַצירען אין די גאַסען אַרויס, אַזוי געאַרעמט, אין איין האַנד די מאַמע, אין די צווייטע האַנד די כלה. נעמט זי און געהט מיט זיי שפּאַצירען. וועט ווערען אַ געקוק... וועלען זיי פרעגען; ווער געהט עס דאָ? וועלען זיי זאָגען: „דאָ געהט מאָטקע מיט די מאַמע און מיט די כלה זיינע„ וועלכער מאָטקע? מאָטקע גנב? יאָ, יאָ, און ווערט צוזעצט, אַז ס'געפעלט אייך נישט. כאַ-כאַ-כאַ!

מען הערט אַ פייפען דורך'ן פענסטער, מאָטקע לויפט צו צום פענסטער, פראַלט עס אויף.

מ ע ר י

שטעקט אריין דעם קאָפּ.

גערדענק אין גאָט אַנטלויף מאָטקע. מען געהט.

מ אָ ט ק ע.

האָסט מיך אַרויסגעגעבען?

מ ע ר י

דורכ'ן פענסטע'ר.

איך נישט. זיי, דיין כלה.

מ אָ ט ק ע.

ליגענד! לויפט צו, חאַפּט חנה'לען ביי דער האַנד און קוקט איהר אין די אויגען אריין. זאָג ס'איז ליגענד. קוק מיר אין די אויגען אַריין.

חנה׳לע

מיט געוויין.

איך בין נישט שולדיג, דער טאַטע.

מאַטקע.

דער טאַטע, דער טאַטע.

זלאַטקע.

וואָס איז דאָס מיין קינד? וואָס ביסט דו אַזוי ערשראָקען?
וואָס איז געשעהן.

מאַטקע

דערמאָנט זיך, כאַפּט זיך צוריק.

גאָר נישט מאַמע, גאָר נישט. סוחרים קומען צו מיר, איך מוז אויפ׳ן מאַרק געהן. עפּענט אויף די טהיר און רופט. מחותנת׳טע, מחותנת׳טע. געמט צו מיין מוטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מחותנת׳טע. איהר הערט? הינדעל בעווייזט זיך אין טהיר ערשראָקען. צו די מוטער. געה אַריין מאַמע, די מחותנת׳טע וואַרט אויף דיר. איך בעדאַרף עפּעס איבערעדען מיט מיין כלה.

הינדעל

צו זלאטקען.

קומט אַריין מחותנת׳טע.

מאַטקע

אקצענטירענדיג.

און בכבוד האַלט זי ווי עס פּאַסט פאַר אַ מחותנת׳טע, געהערט

הינדעל

אין שרעק.

געהערט. געהט אָב מיט שרעק, מיט זלאטקען.

מאַטקע

צו חנה׳לען.

פאַר וואָס? פאַר וואָס?

חנה׳לע ציטערט.

מאַטקע

האָב נישט קיין מורא, אַז איך וואָלט געוואָלט וואָלט איך דיר אַזוי דעם קאָפּ אַראָבגעדרעהט. נור איך וועל דיר גאָר

נישט טהון. נור איין זאַך וויל איך דיך פרעגען. האלט ש
פיים האנד. פאַר וואָס? פאַר וואָס?

מ ע ר י ׳ ס ק אָ פ

פון פענסטער.

מאָטקע מען געהט.

מ אָ ט ק ע

ווארפט אוועק תנה׳לען.

געה, רופט צו די מוטער אין צווייטען צימער. בלייב געזונד
מאַמע.

ז ל אַ ט ק ע.

וואו געהסטו מיין קינד? איצט? אין אַזאַ צייט.

מ אָ ט ק ע.

איך מוז אין דער וועלט אַריין.

ז ל אַ ט ק ע.

און וואו לאָזט דו מיך דאָ אַליין.

מ אָ ט ק ע.

איך וועל קומען נאָך דיר צוגעהן. קושט די מוטער און שפרינגט
ארויס דורכ׳ן פענסטער.

בעוועגונג פון סטראזשניקעס הינטער דער טהיר.

פ אַ ר ה אַ נ ג.

שלום אש

יחוס

א קאָמעדיע אין דריי אקטען.

פּערזאָנען.

ה' גרויסגליק, טאַטע.

לעאָן
וואַנדע
מיטע
זאָשע
} זיינע קינדער.

די טאַנטע, פון דער פאַמיליע גרויסגליק.

ראָזע באָרענשטיין, ווירטשאַפטערין.

איהר פאָטער, דוד גאַרקיכער.

איהר מוטער.

לייב
בער
} צוויי קוזינען אין דער ווירטשאַפט באָרענשטיין.

איינער פון די „געסט“.

אַ „מענש“.

אַ דינסט.

צוויי קינדער.

האַנדלונג — אין אַ גרעסערע פּראָווינץ־שטאָדט.

ערשטער אַקט.

אַ ברייט גרויס מעהעל־צימער פון אַ רייך אריסטאָקראַטיש אָבגעקומען הויז, די ווענד בעשטעלט מיט אלטע שויבען־שענקעלעך, פון וועלכע עס קוקען אַרויס טייערע זילבערנע כּלים, טייערע פּאָרצעלײַ. אין אַ ווינקעל שטוב אַ אלטער אָרון בעהאַנגען מיט אַ טייערען פּרוכת, אַרום דעם אָרון צוויי גרויסע ספרים־שענק, אַמפּיר, בעהאַנגען מיט פאָרהאַנגען, נור דאָס ווינקעל איז פאַרשטעלט מיט דעם פּאָרטעפּיאַן, וואָס מען דערקענט דערפון, אז דאָס ווינקעל איז שוין לאַנג אַרויס פון געברויך. די ווענד בעהאַנגען מיט אלטע פאַמיליען־פאָרטרעטען, טהייל רבנים מיט לאַנגע בערד און פּיאות, טהייל סוחרים מיט גאָלדענע ברילען און גאָלדענע רינגען. רעכטס דריי טהירען, די מיטעלסטע אין קאָרידאָר, איינע אין פּאַפּאַ׳ס צימער, די צווייטע אין מאַמאַ׳ס צימער, די לעצטע איז בעהאַנגען מיט שוואַרצע קרעפּע. אין הינטערגרונד אַ אָפענע אַרקאַדע אויף זיילען בעלענט מיט אוועקגערוקטע פאָרהאַנגען, וועלכע פיהרט אין די קינדער׳ס צימערן. לינקס דריי גרויסע פענסטער אין גאַס אַרויס. עלעקטרישע לאָמפּען, די ברענען זיך נישט; פיעל פון זיי פעהלען גלעזליך, באַניעס, און עס שטאַרען אַרויס האַלבע אָבגעבּרענטע ליכט. אלעס אין שטוב איז אָבגעלאָזט, פערנאַכלעסיגט. מען זעהט, אַז עס פעהלט אַ בעל־הבית׳טע אין הויז... עס טונקעלט.

פון אַ צווייטען צימער הערט זיך

ה׳ גרויסגליק׳ס קול.

דן... **לאה...** עס רופט זיך קיינער נישט אָן... נאָך אַ קליינער פויזע קומט ארויס אַ הויכע געשטאַלטע פערזאָן. כאַראַקטעריסטישע, אַריסטאָ-קראַטישע ציגע, אַ ראַסאַווע גראָבע נאָז, גראָבע ליפען, רעדט לאַנג-ווייליג, בעקלאָגענדיג זיך. ער איז האַלב אין נעגליזש. **לאה... דן... וואָס, קיינער נישט דאָ?** קלינגט אָן אין אַ וואַנד-גלאָק, עס קלימ-פערט נישט... ער גיהט צו קלינגען ביי דעם לאָמפּ. קלינגט—עס ענטפערט נישט אָב. **אָך, די קלינגער קלינגען נישט...** ער דרעהט דעם עלעקטרישען קנאָפּ—עס לייכט זיך נישט. **דער עלעקטריק לייכט זיך נישט... אַלעס שטעהט אין דעם הויז... גאָט, גאָט... אַ ווירטשאַפט... לאה...** געהט אַליין צו צו דער טהיר פון קיך, עפענט זי פאָרזיכטיג אויף, קוקט אריין. **קיינער נישט דאָ... אַלע איבערגעלאָזט דאָס הויז... וואָס איז דען דאָס אייגענ-טליך?** דרעהט זיך איבער דער שטוב ארויף און אראָב. **און... ביין, דאָס איז דאָך נישט געהערט געוואָרען.** געהט צו אַ טהיר, קלאַפּט אָן. **טאָכטער, מען קען אַריינגעהען?**

זאָשע׳ס קול

פון אינעווייניג.

אָך, פּאַפּאַ, ביין, פּאַפּאַ.

ה׳ גרויסגליק

אין אַ צווייטע טהיר.

מען קען, טאָכטער, אַריינגעהען?

וואַנדע׳ס קול.

שטילער, פּאַפּאַ, מיטע שלאָפט...

דער אַלטער דרעהט זיך אום, קומט צו צו דער טיהר מיט דער שווארצער קרע-פּע... דערשרעקט זיך... דערווייטערט זיך, זעצט זיך דאַן פערצווייפעלט ביי אַ טיש, קלאַפּט מיט די ליפען.

ביין, אַזעלכעס... איז דאָך נישט ערהערט געוואָרען.

עס קומט אריין אומבעמערקט די טאָכטער אין שווארץ געהילט. א שווארצע שטרוי־הוט מיט א שווארץ שלייפעל, אלטע אָבגעטראָגענע קליידער, טראָגט זיך רוהיג.

מען קען, שוואָגער?

ה׳ גרויסגליק.

ווער איז דאָרט?

טאַנטע.

איך, שוואָגער.

ה׳ גרויסגליק

אָבגעשראָקען.

ווער דאָך?

טאַנטע.

דאָס בין איך, דער שוואָגער, האָסט מיך נישט דערקענט?

ה׳ גרויסגליק.

דו ביסט עס. נו קום דאָך נעהנטער. אַ אונערהערטע זאַך. שטעל דיר פאָר, צוויי דריי שטונדען בין איך אַליין אין מיין צימער, קלינג, דאָס קלינגעל קלינגט נישט, דער עלעקטריק לייכט נישט... די גאַנצע דינערשאַפט ווייזט זיך נישט... צוויי דריי שטונדען, דן... לאה... און קיינער בעווייזט זיך נישט... האָבען אַליין מיך איבערגעלאָזט...

טאַנטע.

די דינער זענען דאָך נאָך אייערנעכטען אַוועקגעגאַנגען, דער שוואָגער האָט פערגעסען? און די פאַבריק ארבעט דאָך נישט—פון וואַנען זאָל דען עלעקטריק זיין?

ה׳ גרויסגליק.

אַליין, אָהן קיינעם...

טאַנטע.

שוין העכער פון זעקס מאָנאַטען האָבען זיי דאָך קיין געהאַלט נישט בעקומען, דאָס קאָנטאָר צאָהלט דאָך מעהר נישט אויס.

ה׳ גרויסגליק

דערמאָנט זיך.

אָך, דאָס קאָנטאָר... אָבער וואָס קען איך דערצו טהאָן?..

און יעצט בעטראַכט אַליין מיין לאַגע. צוויי דריי שטונדען איינער אַליין... די טעכטער פערשטעקט יעדע בעזונדער אין איהר צימער... קיינער בעוויזט זיך נישט... נעמט עס דאָן איינעם אַ שרעק אָן, פאַר די פוסטקייט דאָ. און יעצט דאָרט די טהיר...

ט אַ נ ט ע.

עס איז טרויעריג. קרעכצט—האַקט איבער דעם טאָן. נישט געוועןן לעאָן?

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

איך ווייס נישט, איז ער דען נישט אין זיין צימער?.. און אויך ער... אין דער לעצטע צייט.

ט אַ נ ט ע.

עס איז קיין וואונדער נישט. אַ יונגערמאַן געהט איין און אויס... געהט צו צו זיין טהיר, קלאַפּט אָן, עפענט זי דערנאָך אויף, זעה, זיינע קערב זייבען געפּאַקט, רייזט ערגעץ-וואו אָב?

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

איך ווייס נישט... מיר האָט ער גאָרנישט געזאָגט דערפון.

ט אַ נ ט ע.

דער שוואָגער האָט נישט בעמערקט, לעאָן איז זעהר אויפגערעגט אין די לעצטע צייט.

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

איך ווייס עס נישט... יאָ, יאָ, איך גלויב, ער וויל נאָך פּאַריז פאָהרען אויפ׳ן ווינטער. ער האָט איינינגע מאָל גערעדט דעריבער... די שוועסטער׳ן געזאָגט... גענויעס ווייס איך נישט, ווייסט דו עס פיליייכט?

ט אַ נ ט ע.

יאָ, יאָ, עס איז טרויעריג. קרעכצט. דאָס קאַנטאָר צאָהלט קיין געלד נישט, דער יונג איז ערוואַקסען, געוואָהנט צו אַלדעם בעסטען. אין זיינע יאָהרען צו רעכענען זיך מיט׳ן גראָשען, אַפילו נישט אָנשטענדיג צו זיין אָנגעטהאָן אַזוי ווי עס שטעהט איהם אָן לויט די פאַמיליע. אַוודאי איז עס נישט אַנגענעהם, וואָלט ער כאָטש אַזוי נישט ערצויגען געוואָרען... יאָ, יאָ. די זעליגע שוועגערין האָט די קינדער

זעהר געליעבט, פילייכט צופיעל געליעבט... דאָס איז נישט ערצויגען געוואָרען צו ליידען... אויך נישט צו אַרבייטען. יאָ, פאַר גרויסגליקים קינדער פאַסט נישט צו אַרבייטען...

קרעכצט. יאָ, יאָ, זעהר טרויעריג. זעהר.

ה׳ גרויסגליק

מיט געוויסען בייזער.

אָבער דאָס איז דאָך אונערהערט—דאָס קאָנטאָר צאָהלט נישט קיין געלד. וואָס מיינען זיי דען אייגענטליך די הערען?

טאַנטע.

דער שוואָגער איז נאַאיוו ווי אַ קינד, די מאַשינען שטעהען, די פאַבריק אַרבייט נישט, נישט דאָ קיין גראָשען מיט וואָס מאַטעריאַל צו קויפען. חובות מעהר, ווי עס בעטרעפט — יאָ, פון וואַנען זאָלען זיי דען געלד נעהמען?

ה׳ גרויסגליק.

אָבער וואָס קען איך דערצו טהאָן? זיי ווייזען מיר רעכנונגען. וואָס ווייס איך פון רעכנונגען? פון זעליגען פאָטער איבערגענומען די געשעפטען... האָב זיך שטענדיג פערלאָזט אויף די לייט... אַלעס געלאָזט ביי זיי... מיין גאַנץ געלד... האָבען זיי געזאָלט זעהן, אַז די געשעפטען זאָלען גוט געהען... און שטענדיג איז דאָך גוט געוועזן... יאָ, נור צייט מיין פרוי איז געשטאָרבען געהט אַלעס אַרונטער... אַרונטער...

טאַנטע.

יאָ, יאָ, דאָס איז געוועזן דאָס אונגליק... עס איז קיינער נישט פון דער פאַמיליע געבליבען, וועלכער זאָל זיך מעהר אויף געשעפט פערשטעהן... און מיין זעליגער מאַן האָט מיך אויך איבערגעלאָזט אויפ׳ן געשעפט, געמיינט מיך פערזאָרגט... אויך די פאַמיליע מיך איבערגעלאָזט.

ה׳ גרויסגליק.

וואָס בין איך שולדיג? האָב דאָך נאָר גענומען, וואָס מען האָט בעדאַרפט, זעלבסט־פערשטענדליך געמוזט נעהמען. דאָס קאַפּיטאַל האָב איך דאָך ביי זיי געלאָזט... זיי ווייזען מיר רעכנונג, זיי... איך גלויב זיי שוין, אָבער וואָס קען איך

טהאָן?... איבערבלייבען אַזוי קען איך דאָך נישט... אָהן אַ וראָשען געלד, מיט טעכטער. און די טעכטער יענע בעסוונדער. און דו זיצט אַזוי אַליין אין די צימערן. אָך, מאַטילדע, מאַטילדע, וואָלסט דו כאָטש געלעבט. *געהט צו צו די טהיר מיט די קרעפּע בעהאנגען און וויינט.* אַזוי אַליין... אַליין... אָך, מאַטילדע... מאַטילדע...

ט אַ נ ט ע.

נו, נו, לאָז זיך דער שוואָגער בערוהיגען, עס איז דאָך נישט פון היינט אָן. מען דאַרף דעריבער נאָך קלערען... *קוקט זיך אום.* פינכטער אין שטוב. יאָ, צימער זענען דאָ, מאַשינען זענען דאָ, עלעקטרישע לאָמפּען.. אַלעס איז דאָ... נאָר אַ מענש פעהלט... אַ מענש... *געהט אין קיך-צימער, ברענגט אריין אַ ליכט.* אַך, יאָ. איך האָב ווירקליך פערגעסען, איך האָב דעם שוואָגער עטוואָס געברענגט. ער וועט זיך ווירקליך ערפרעהען. אַ ריכטיגען טאָקייער. *זי ווייזט אַ פלאַש וויין.* פון די זיבציגסטער יאָהרען נאָך.

הי ג ר ו י ס ג ל י ק

בעקוקט דעם וויין.

אַ פיינע קאָליער. פון וועמען דען? דער קעלער איז שוין לעער. געוויס דאָך נישט פון געגענאיבער? *ער ווייזט אין די פענסטער.*

ט אַ נ ט ע.

מיט געלעכטער.

אָבער יאָ.

הי ג ר ו י ס ג ל י ק

ווי הייסט, ווידער פון איהר? איך וויל דאָך פון קיין שענקערין קיין מתנות נישט נעמהען. מיט וואָס פאַר'ע רעכט?

ט אַ נ ט ע.

אַך, גאָט. זי איז אַזוי גליקליך, אַז דער שוואָגער נעמהט עפּעס פון איהר צו. זי לייזט דאָך אַזוי פיעל פון דאַנען... נו—ווי שמעקט דעם שוואָגער די מיטיגער פון געגענאיבער? נישט וואָהר, אַ פיינע קיך... נו, איז דער שוואָגער צופריעדען פון די מיטיגער, וואָס זי שיקט אַריבער?

ה' גרויסגליק

שוין גוט... שוין גוט... און לאָז זי אַלעס אויפ'ן רעכנונג שרייבען... און דעם ווייַן אויך... איך וויל קיין געשענק... בעקוקט דעם ווייַן דורך דער פלאַש. אַ פיינע קאָליער. זי מוז אַ אַנשטענדיגע פרוי זיין, אונזערע שכנת'טע שענקערין.

טאַנטע.

פאַר דעם זאָל זיך דער שוואָגער נישט זאָרגען... זי האַלט גוט רעכנונג... זעלבסט-פערשטענדליך, זעהר אַנשטענדיגע לייט... אזוי ווי זי איז נאָר געוואָהר געוואָרען, אַז די קע-כין איז אוועקגעגאַנגען, איז זי אַליין געקומען צו מיר, און דאָס מיך פאַרגעלייגט דאָס הויז מיט מיטיגער צו בעזאָר-גען... נו, נו, זי ווייסט אָבער אויך, אַז דאָס געלד איז קראַנט. זי האָט דעם שוואָגער דעם ווייַן געשיקט צו פרו-בען, אויב ער געפעלט איהם...

ה' גרויסגליק

[illegible]

ס'קען שוין זיין... קען שוין זיין. אויסמיידענד. זי מוז אַ גרויס [illegible] האָבען... מיר הערען דאָ דעם רעש פון געגענאי-בער, דאָס שטערט טהייל מאָל...

טאַנטע.

[illegible] גוטע געשעפטען. אָבער זי איז זייער אַ אַנשטענ-דיגע פרוי...

ה' גרויסגליק

[illegible] איבער.

[illegible] פּאַטער איז דער גאַרקיכער, ווי הייסט ער דאָס... [illegible], וואָס פלעגט ביי אונז... צו די פּייערטאָגען סערווירען, ווי הייסט ער דאָס?

טאַנטע.

דוד גאָרקיכער. אָבער זי אַליין איז אַ זעהר אַנשטענ-דיגע פרוי... זי האָט קיין קינדער נישט און זי האָט אַ פיי-נעס פערמעגען געמאַכט, אייניגע הייזער אין די שטאָדט, מען קען זי אין שטאָדט...

ה׳ גרויסגליק.

אזוי... זעהט נאַר... זעהט נאַר... ער בעהאלט דעם ווייז. זי קען דעם וויין אויף דער רעכנונג צושטעלען... זי מוז אַ גרויסען וויין-קעלער האָבען, די פרוי?

טאַנטע.

יאָ, זעהר אַ גרויסען וויין-האַנדעל, פאַר דער גאַנצער אומגעגענד—און עס פערקעהרען צו איהר פיעל מענשען... די היינטיגע יונגע לייט... לעאָן קומט אויך דאָרט אַהין זעהר אָפט.

ה׳ גרויסגליק.

אזוי, לעאָן... שעלמאַ... וואָלט דאָס אַמאָל אין פאָטער געדענקט, געהייסען אַ קאָרב וויין אַהיים שיקען.

טאַנטע.

ער נעהמט אַליין אויף קרעדיט. דאָס איינציגע הויז, וואו מען גיט איהם אויף קאָנטע.

ה׳ גרויסגליק

אויסמיידענד.

אזוי, אין שכנות מיט אונז. געהט צו צום פענסטער, קוקט ארויס זעה, דאָס געשעפט איז היינט געשלאָסען, וואָס איז דען היינט, נישט יום-טוב?

טאַנטע.

ניין.

ה׳ גרויסגליק.

און פאַרוואָס איז דען דאָס געשעפט געשלאָסען, און די פענסטער אזוי בעלויכטען? די טישען גרייט מען דעריבער. מען מוז זיך צו עפּעס אַ יום-טוב ריכטען, הע?

טאַנטע.

אזוי, איך ווייס עס נישט.

עס קומט אריין לעאָן.

לעאָן

אויפגערעגט, בלייך, דערזעהט דעם פאָטער, וויל צוריק, געהט אָבער דאָך נעהנטער צו.

פאַפּאַ.

ה׳ גרויסגליק.

אָך, לעאָן, דו ביסט עס. אויפגעלעגט. דו, שעלמאַ, ווייסט פון אַנ׳אָרט, וואו מען בעקומט אַזאַ פיינעם ווין און האָסט ביז יעצט דערפון דעם טאַטען נישט צו וויסען געגעבען.

לעאָן.

איך האָב מיט׳ן פאַפאַ עטוואָס זעהר ערנסטעס צו רעדען.

טאַנטע

נעמט זיך אוועקצוגעהען.

איך וויל נישט שטערען, אַדיע. וויל אָב.

לעאָן.

ניין, ניין. די טאַנטע שטערט נישט, פערקעהרט, איך וויל די טאַנטע זאָל זיין דערביי.

טאַנטע.

אַז איך שטער נישט... בלייבט.

לעאָן.

פאַפאַ אַזוי ווייטער קען עס נישט געהען. איך בין אַ יונגער מענש. איך בין צו קיין מלאכה נישט געוואָהנט, איך קען מיך נישט יעצט אוועקשטעלען אין אַ קאַנטאָר אַריין אַלס איבערשרייב־יונגעל. וואָס זאָל איך טהאָן?

ה׳ גרויסגליק.

אָבער לעאָן... זוהן... וואָס איז דען?...

לעאָן.

און דער פאַפאַ זעהט גאָר נישט, אין וואָס פאַר׳ע הולך איך געה... אַ לאַדע פריזיר־יונגעל געהט דאָך אָנשטענדיגער אָנגעטהאָן פאַר מיר. דער שניידער וויל מעהר נישט מאַכען אויף קרעדיט, און אַזוי מוז איך געהען אין לייכטען זומער־ראָק אין מיטען ווינטער... איך קען דאָך אין קיין אַנשטענדיג הויז נישט אַריינקומען... איך קען דאָך מיך אויף קיין אָרט נישט ווייזען. אַ לאַדע שניידער־יונגעל האָט דאָך מעהר טאַשען־געלד פאַר מיר... און וואָס זאָל איך דאָ מאַכען?... אַזוי אַיין־און־אויס דרעהען זיך... קען איך דאָך נישט.

ה׳ גרויסגליק.

אָבער זון... דאָס איז דאָך נישט געהערט געוואָרען... דער שניידער וויל נישט מאַכען אויף קרעדיט... אין ווינטער טראָגען דעם זומער־ראָק... צו טאַנטע. ער האָט דאָך רעכט.

טאַנטע

אוועקקוקענדיג.

זעלבסט־פערשטענדליך, האָט ער רעכט.

לעאָן.

פאַפּאַ, ווייטער אַזוי קען איך נישט. אין די שטאָדט זיך אַזוי אָרים דרעהען. איך קען מיך נישט מיט מיינע קאָלע־גען מעהר צוזאַמען־קומען. פאַפּאַ, אַזוי ווייטער געהען קען עס נישט. איך וויל אַוועקפאָהרען, אין אַ פרעמדע שטאָדט פאָהרען. נאָך פאַריז וויל איך אַוועקפאָהרען. איך מוז אָב־רייזען שוין יעצט. איך קען קיין איין סעקונדע נישט לענ־גער בלייבען. איך מוז.

טאַנטע

פערמישט.

אָב־ייזען יעצט, היינט, לעאָן... אָבער דאַכט זיך, היינט איז דאָך נישט מעגליך. עס איז דאָך שוין צו שפעט...

לעאָן.

איך וואָלט אויף גאָרנישט געקוקט... מיין האַרץ טראָגט עס נישט איבער... עס איז מיר, טאַנטע, שווער, זעהר שווער.

טאַנטע.

אָבער לעאָן... זעה, עס איז דאָך שוין שפעט... אונמעגליך... די שטאָדט דערנאָך וואָס וואָלט געזאָגט...

ה׳ גרויסגליק.

וועגען וואָס רעדט איהר דען דאָס? ווי הייסט אונמעגליך, צו שפעט... וואָס זאָל דען דאָס בעדייטען? הע?

לעאָן

אומישט.

פאַפּאַ, גאָרנישט, איך מוז האָבען טויזענד רובל, יעצט שוין... שוין יעצט, זאָנסט, פאַפּאַ...

ה׳ גרויסגליק.

אָבער וואָס איז דען אַזעלכעס געשעהן? וואָס צו שפעט?

טאַנטע.

נו, זעלבסט-פערשטענדליך, צו שפעט... אַזאַ יונגער מענש, ווי לעאָן איז, אין זייד און גאָלד געוואָרען אויפגעוואַקסען... געוואָהנט צו אַלדאָס גוטס — קען זיך דאָך נישט מיט איינמאָל אין עלענד געפינען... וואָס וועט ער אין פאַריז טהאָן? ווענדט זיך צו לעאָן. אָבער בעדענק דיך, אין פאַריז, אין אַזאַ גרויסער שטאָדט, וואו טויזענדטער מענשען ווערען פערלוירען טעגליך און קיינער ווייסט נישט פון זיי, — וואָס וועסט דו דאָרט טהאָן? ווער וועט זיך אויף דיר אומקוקען? קיין מלאכה נישט געלערנט, צו קיין אַרבייט נישט געוואָנט... די זעליגע מוטער האָט דאָך אייך אין מילך און וויין געבאָדען. און דו, אַזאַ איידעל קינד, מיטאַמאָל אין אַ פרעמדע שטאָדט. צו וועם און ווען וועסט דו דיך ווענדען, קעהרען? בעטראַכט דאָך, לעאָן.

ה׳ גרויסגליק.

זעלבסט-פערשטענדליך, האָט דאָך די טאַנטע רעכט, לעאָן

טאַנטע.

און דאָ ביסט דו דאָך אין דערהיים, מען היט דיך אָב, ווי אַ אויג אין קאָפּ. פון אַלדאָס בעסטען, דו טהוסט נישט די האַנד אין קאַלטען וואַסער, מען ציטערט איבער דיר... מען אַרבייט אויף דיר... מען ווייסט, ווער דו ביסט, וואָס דו ווילסט... ביסט דאָך דאָ אין דערהיים...

ה׳ גרויסגליק.

מיינע אָרימע קינדער.

לעאָן.

איך וואָלט אויף גאָרנישט געקוקט... טאַנטע, איך וויים עס גאַנץ גוט... פּאַפּאַ...

ה׳ גרויסגליק.

אָבער די טאַנטע האָט דאָך זעהר רעכט, צו וואָס אין דער פרעמד? בלייב דאָך ליעבער אין דער היים.

ל ע אָ ן.

פּאַפּאַ... איך מוז דאָס געלד האָבען... איך מוז אָברייזען...

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

אָבער לעאָן... זוהן... די טאַנטע האָט דאָך רעכט... בלייב.

ט אַ נ ט ע

פאַלט איהם אריין אין די רייד.

אָבער פון וואַנען האָט דער פּאַפּאַ יעצט געלד? אין די שטוב איז קיין גראָשען נישט דאָ... זיי לעבען אַלע פון איהר קרעדיט... בעדענק דאָך.

ל ע אָ ן.

אָבער איך פרעג דעם פּאַפּאַ איין זאַך, קען מיר דער פּאַפּאַ דאָס געלד געבען, שוין יעצט... איך מוז עס האָבען... אז נישט-זאָל דער פּאַפּאַ צו מיר דערנאָך קיין פּרעטענזיעס נישט האָבען. קיינע פּרעטענזיעס...

ט אַ נ ט ע.

וועך פּרעטענזיעס? מיר דאַכט זיך, אז דער פּאַפּאַ וועט אויך ביישטעהן דערויף?

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

אָבער וואָס דען אייגענטליך?

ט אַ נ ט ע.

אז לעאָן זאָל זיך אַרויסציהען פון דערהיים און זאָל זיך נעהמען עפּעס אַליין צו טהאָן.

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

איך דענק, אז עס איז אַ גלייכע זאַך, אַ גלייכע זאַך. מיט טרעהרען. פון פּאָטער האָסט דו, מיין קינד, נישט מעהר צו ערוואַרטען.

ט אַ נ ט ע.

זעהסט דו שוין?—צו גרויסגליק. לעאָן מאַכט אַ אייגען געשעפט.

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

געשעפט, אייגענס.

ט אַ נ ט ע.

מיט אַ שותף—פיינע מענשען.

(יתוס 2.)

ה׳ גרויסגליק.

איך ווינש דיר, מיין קינד, גליק.

לעאָן שטעהט גערווירט, קוקט אויף די טאַנטע.

טאַנטע.

ער האָט זיך אויך געדונגען אַ אייגענע וואָהנונג. ווער וואָ-נען בעזונדער. פאַר אַזאַ ערוואַקסענעם יונגען מענש פּאַסט ניט צו וואָהנען אין דערהיים. ער מוז שוין געהן אויף זיין אייגען לעבען. צייט שוין צו זאָרגען פאַר זיך אַליין.

ה׳ גרויסגליק

צו דער טאַנטע.

די מוטער איז נישטאָ, וואָס זאָל זיך קימערן איבער זיי, מוזט דו זאָרגען פאַר זיי, גוטע שוועגעריןְ.

טאַנטע.

לעאָן האָט געקריגען אַ פיינע וואָהנונג.

ה׳ גרויסגליק.

נישט ווייט פון דערהיים?

טאַנטע.

ניין, ניין—גאַנץ אין דער נאָהנט.

ה׳ גרויסגליק.

וועט זי איהם נאָר בעקוועם זיין?

טאַנטע.

איך בין דאָרט אַליין געוועןְ, אַ גאַנץ בעקוועמע וואָה-נונג.

לעאָן.

פּאַפּאַ.

ה׳ גרויסגליק.

ווער וועט איהם דאָרט אָבהיטען? מיינע קינדער זענען געוואָהנט, מען זאָל איבער זיי וואַכען.

טאַנטע.

גוטע מענשען, זיי וועלען איהם האלטען ווי אַ אייגען קינד.

ה׳ גרויסגליק.

איך דאַנק דיר, שוועגעריןְ.

לעאָן.

פאַפאַ...

טאַנטע.

נישטאָ פאַר וואָס, מיין פליכט. ענערגיש צו לעאָנ׳ען. קום, לעאָן, מען וואַרט אויף דיר.

לעאָן

קוקט אָן די טאַנטע.

ה׳ גרויסגליק.

שוין יעצט, גלייך, אין אָבענד.

טאַנטע.

עס איז אַלעס פאַר איהם גרייט. און ער געהט דאָך נישט אוועק אויף לאַנג.

ה׳ גרויסגליק.

אָבער אַזוי פלוצלונג.

טאַנטע.

אומגעדולדיג.

אָ, עס איז זיין אַ לאַנג אָבגעמאַכטע זאַך. צו לעאָן. קום מען וואַרט אויף דיר.

לעאָן

כאַפּט דעם פאַטער׳ס האַנד.

איך בין נישט שולדיג, טאַטע, איך בין נישט שולדיג.

ה׳ גרויסגליק.

וואָס דען? צו טאַנטע. איך פערשטעה נישט? וואָס מיינט ער?

טאַנטע.

גאָרנישט, אַ פערוועהנט קינד. מיט אַ קרעכץ. די זעליגע שוועגערין האָט די קינדער זעהר פערוועהנט.

לעאָן.

בלייב געזונד, פאַפאַ.

ה׳ גרויסגליק.

דו פאָהרסט דאָך נישט אוועק.

לעאָן.

ניין.—אַדיע, פאַפאַ.

ה׳ גרויסגליק.

אַדיע, פערגעס נישט אָן פּאַפּאַ, בעזוך אונז אָפּטער.

לעאָן.

אַז דער פּאַפּאַ זאָל עס נאָר װעלען.

טאַנטע.

ער װעט עס װעלען.

ה׳ גרויסגליק

רופט אין דער טהיר.

מיידען, מיידען, קומט דאָך אַרויס, דער ברודער ציהט זיך איבער.

זאָשע

אין די טהיר.

װאו אהין? װאו אהין?

טאַנטע.

נישט אין דער װייט, נישט אויף לאַנג.

זאָשע

װייזט זיך אין טהיר, אַ יונג אכצען־יעריג מעדעל, קליין געװאַקסען, מיט ריינע ביינערליך, רעדט זעהר לוסטיג, פלינק, מיט אַ ביסעל בעהאַלטענער, שעמעװדיגער פרעכהייט.

לעאָן, ציהסט דיך איבער, אוי, װי איך בין דיך מקנא! נעם מיך מיט, לעאָן.

טאַנטע.

שפּעטער אַ ביסעל. ער װעט זיך שוין האָבען אַ ביסעל איינגעאָרדענט.

זאָשע

רופט אַריין אין װאַנדע׳ס טהיר׳ל.

װאַנדע, װאַנדע, לעאָן ציהט זיך איבער, קום מיט, מיר װעלען זעהען, װי עס זעהט אויס אַ קאַװאַלערסקי װאָהנונג.

טאַנטע.

עס צימט זיך נישט יעצט. עס װעט נאָך צייט האָבען, צייט האָבען.

די טאַנטע געהט אָב מיט לעאָנ׳ען.

ה׳ גרויסגליק

רופט איהם נאָך אין דער טיר.

און מיט די מוטער געזעגענסט דו דיך נישט?

לעאָן געהט צו מיט זעהר איינגעהאלטענע טריט צו דער טיר מיט דער שווער־צער קרעפּע בעשלאָגען—קומט נעהנטער צו—טרעט פּלוצלונג מיט שרעק אָב. אנטלויפט פון שטוב ארויס. אלע קוקען איהם נייגעריג נאָך.

טאַנטע.

ער געהט דאָך נישט פון שטוב אַרויס אויף אייביג. צו גרויסגליק. דער ווייבקאָרב שטעהט אין קיך. אַדיע, אויף ווי־דערזעהען. אָב נאָך לעאָן.

זאָשע.

פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, האָסט געזעהן, ווי ער איז צוריקגעלאָפען פון פאַר די מאַמאַס צימער, פּאַפּאַ.

ה׳ גרויסגליק.

ער האָט זיך געשראָקען. עס איז אויך קיין וואונדער... אין צימער אַריינצוגעהן, אַזוי צווישען נאַכט און טאָג. אין דער שטיל מיט בעהאלטענע שרעק. האָט מען זי היינט ביינאַכט ווי־דער געהערט?...

זאָשע.

איך ווייס נישט, פּאַפּאַ, אויב מיטע האָט מאַמאַ ווידער געהערט. איך האָב אַ גאַנצען טאָג היינט מיטען נישט גע־זעהן. האָסט דו זי פּאַפּאַ געזעהן?

ה׳ גרויסגליק.

זי איז היינט אַ גאַנצען טאָג נישט פון איהר צימער אַרויס־געקומען, מיטע.

זאָשע.

איך וועל אַריינרופען וואַנדען. קלאַפּט אָן אין א טהיר. וואַנדע, וואַנדע.

וואַנדע

ווייזט זיך אין טיר. זי איז א הויכע, די עלטסטע פון שטוב, מיט גאָלד־בלאָנ־דע האָר.

דו האָסט מיך גערופען, זאָשקע? וואָס ווילסט דו?

זאָשע.

לעאָן איז אַוועקגעגאַנגען און איז נישט אין מאַמאַ׳ס צימער אַריינגעגאַנגען. ס׳מאָל מיט מאַמאַ זיך צו זעגענען.

וואַנדע.

אין מאַמאַ׳ס צימער, מאַמאַ׳ס בילד נישט געזעהן, פאַרוואָס?

זאָשע.

פאַפאַ זאָגט, ער האָט מורא געהאַט.

וואַנדע.

דער לעאָן איז שטענדיג אַ נאַר געווען. איך וואָלט נישט מורא געהאַט אַריינצוגעהען אין מאַמאַ׳ס צימער.

זאָשע.

און פאַרוואָס געהסט דו נישט אַריין?

וואַנדע.

איך פאָהר דאָך נישט אַוועק. *פויזע.* און ווידער איז דאָך היינט ביינאַכט מיטע דרינען געווען, און זעהסט, די מאַמאַ האָט איהר גאָרנישט געטהאָן.

זאָשע

מיט נייגעריגקייט.

דרינען געווען, ביי מאַמאַ, זי האָט מאַמאַ געזעהן? *וויל צו לויפען צו וואַנדע׳ס טיר.* מיטע, מיטע!

וואַנדע.

וועק זי נישט... זי איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען. זי שלאָפט יעצט.

ה׳ גרויסגליק.

האָט מען ווידער מאַמאַ געהערט... די נאַכט, טאָכטער?

וואַנדע

שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

יאָ.

פאַפאַ־זאָשע.

געהערט, פערצעהל דאָך, וואַנדע.

וואַנדע.

כ׳ליג ביינאַכט... איך הער דורך די וואַנד אין מאַמאַ׳ס צי־מער טריט. געהען אַהין, געהען צוריק... און אַזוי שוועבענד

און לייכט, ווי מאַמאַ׳ס טריט... און דער לאַנגער זיידענער שלעפּער, ווי פון איהר לאַנגעס קלייד, ציהט זיך מיט... דאָס זייד רוישט איבערין דיוואַן... מיך גרויעלט עס... איך האָב מיך בעהאַלטען הינטער די קאָלדערע, דערנאָך איז אַזאַ שרעק אויף מיר אָנגעפאַלען, איך האָב מיך נישט גע־ קענט איינהאַלטען, איך האָב מיטען אויפגעוועקט...

ה׳ גרויסגליק

מיט שרעק.

טאָכטער, האָסט דו זי אַליין געהערט?.. אַליין געהערט?..

זאָשע.

ערצעהל דאָך ווייטער, וואַנדע.

וואַנדע.

איך האָב מיטען געוויזען.

זאָשע.

האָט מיטע אויך געהערט מאַמאַ׳ס טריט?...

וואַנדע.

זי איז אין מאַמאַ׳ס צימער אריינגעגאַנגען. האָט גאָרנישט מורא געהאַט.

זאָשע.

גאָרנישט?

וואַנדע.

ניין... האָט גענומען די ווילדע אַסטען, וואָס מיר האָבען נעכטען געפונען, ווען מיר זענען אין וואַלד געגאַנגען, און זאָגט איך וועל אַריינגעהן צו מאַמאַ.

זאָשע.

און זי איז אַריינגעגאַנגען?

ה׳ גרויסגליק.

און דו האָסט זי געלאָזט?

וואַנדע.

און איז אַריינגעגאַנגען און איז דרינען געוועזן אַזוי אַ ווייַ־ לע און איז צוריק אַרויסגעקומען אָהן די אַסטען.

זאָשע.

זי האָט געזעהען מאַמאַ?

ה׳ גרויסגליק.

געזעהען — יאָ?

וואנדע.

אך ווייס נישט. זי האָט מיר נישט געוואָלט דערצעהלען. זי איז צו זיך אין צימער געגאַנגען, זיך פערשלאָסען און ביז יעצט האָב איך זי נישט געזעהען.

ה׳ גרויסגליק.

ווארום האָסט דו זי געלאָזט?... ווארום? עס האָט דאָך, בע־היט גאָט, עטוואָס שלעכטעס געקאָנט געשעהען.

זאָשע.

מאַמאַ וועט דאָך איהר קיין שלעכטעס נישט טהאָן.

ה׳ גרויסגליק.

אָבער דאָך... ווי קען מען דאָס... ס׳איז דאָך שרעקליך...

זאָשע.

גד, האָסט דו נאָך מאַמאַ ווידער געהערט?

וואנדע.

איך האָב מיך געשראָקען. איך האָב מיך הינטער די קאָל־דרע בעהאַלטען און בין געלעגען ביז אין דער פריה און האָב שוין גאָרנישט געהערט.

זאָשע.

פארוואָס האָסט דו זיך געשראָקען? עס איז דאָך בלויז מאַמאַ.

ה׳ גרויסגליק.

אָבער אָך, א טויטער מענש... קוקט זיך אום אין דער שטוב.
עס איז אזוי טונקעל אין שטוב, מען וואָלט געדאַרפט נאָך א ליכט אנצינדען. ברענג דאָך, וואַנדע, דאָס ליכט פון דיין צימער. אין שטוב איז טונקעל, די נאַכט איז צוגעפאַלען.

וואנדע.

קום [illegible] זאָשע, איך שרעק מיך יעצט אליין אין מיין [illegible] צוגעהן. קום דאָך מיט, זאָשקע. זאָשע וויל מיט.

ה׳ [illegible]

[illegible]

[illegible] דו דיך דען אין דיין צימער אריינצו־
[illegible] ראר דא ליכט.

וואנדע.

אליין אין צימער... איך וועל אָפּען לאָזען די טהיר. עפענט אויף די טהיר פון איהר צימער, וויל גאנץ לאנגזאם מיט געוויסע שרעק אריינגעהן אין איהר צימער, עס הערט זיך אין די פענסטער פלוצלונג מוזיק שפּיעלען, אידישעס־פרעהליכעס, די פענסטער ווערען בעלויכטען.

ה׳ גרויסגליק

מיט שרעק.

וואָס איז דאָס אייגענטליך פאַר אַ מוזיק אין פענסטער? צו וואנדען. זעה דאָך, טאָכטער, וואָס פאַרע מוזיק פלוצלונג?

וואנדע.

איך האָב מורא אין פענסטער צו קוקען, פּאפּאַ.

ה׳ גרויסגליק

אויפגערעגט.

דו האָסט מורא, פאַרוואָס האָסט דו דען מורא? מיר זענען דאָך אין צימער.

וואנדע

אָבער אין פענסטער צו קוקען.

זאָשע.

איך האָב נישט קיין מורא. איך וועל אין פענסטער אַרויס־קוקען. וויל אהין לויפען.

ה׳ גרויסגליק.

אָבער קינד. וויל זי איינהאַלטען.

זאָשע

לויפט צום פענסטער, קוקט ארויס. מיט פרייד.

אָבער זעהט... אָבער זעהט... פּאַטשט זיך אין די הענד. אַ יום־טוב געגענאיבער, אין רעסטאָראַן, אַזוי פיעל געסט, פּאָר־ליך טאַנצען. מען דערקענט עס דורך די גאַרדינען. קומט דאָך אַהער, אַ יום־טוב, האָכצייט וואַהרשיינליך, אַזוי פיעל מענשען שטעהען, זעהט דאָך דעם טאַנץ.

ה׳ גרויסגליק מיט וואנדען געהען אהין צום פענסטער, קוקען ארויס.

ה׳ גרויסגליק

אויפגערוימט.

אָבער זעהט דאָך, דאָס איז דאָך רעכט אַמיזאַנט.

װאַנדע.

זעהט דאָך, זעהט דאָך, די פּאָרליך, װאָס טאַנצען פאַר די גאָרדינען פּערביי, די שאָטען-סילוועטקעס, װי נאַריש דאָס זעהט דאָך אויס! און כלי-זמרים זעהט, דער קורצער מיט די גרויסע פּויק, און דער הויכער-לאַנגער מיט דעם טראָמפּייטער! שווייגט, יעצט וועט עס זיין אינטערעסאַנט.

זאָשע.

די מאַדאַם טראָגט די געסט כבוד אויף. דאָס דאַנקען זעהט דאָס פריילין פערנייגט זיך. שווייגט, מיר איז דאָך בעקאַנט דאָס פריילין, די כלה וואָלט איך געוואָלט זעהען.

װאַנדע.

און איך וואָלט געוואָלט דעם חתן זעהען. זיי מוזען ערגעץ וואו זיצען צווישען די ווינקלען. די מוזיק הויבט אָן צו שפּילען. נו, יעצט בעגינט עס ווידער, דאָס טאַנצען פּאָר. זעהט דאָך דעם הויכען מיט די קורצע דיקע דאַמע.

מיטע.

קומט אַריין פון איהר צימער, זי לאַכט זעהר אין דער שטיל, מיט אַ פרעהליך בענקענדעס געזיכט. זי איז אַנידריגע מיט איידעלע גע׳יחוס׳טע גליעדער. טראָגט אַ שווארץ-זיידענעם קלייד.

אַך, ווי פרעהליך דאָ איז, מוזיק שפּיעלט.

אַלע.

נַך, מיטע, קום דאָך אהער, זעה דאָך דאָס טאַנצען. מיטע שווייגט. יעצט בעגינט די מוזיק אַזאַ טרויעריגעס. די מוזיק שפּיעלט צום בעדעקענס.

זאָשע.

וואָס איז דען דאָס אייגענטליך, פּאַפּאַ?

ה׳ גרויסגליק.

דאָס איז דער זעגען פּאַר די זוּכּה.

מיטע.

אַך. רעדט מיט׳ן טאַקט פון די מוזיק דעם ניגון צו בעדעקענס. איך האָב אַ וואונדערבאַרען טרוים געהאַט. אַ וואונדערבאַרען... מאַמאַ איז צו אונז אין גאַסט געקומען און מאַכט גאַרנישט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט געווען געשטאָרבען.

זי איז אַזוי שען און אַזוי יונג, ווי זי איז אויף די אָסטענדער פאָטאָגראַפיע... און טראָגט אַ זעהר לאַנגעס זיידענעס העלעס קלייד, מיט אַ לאַנגען שלעפער, אין די פערלען אָנגעטהאָן. אין די האָר ווייסע, ווייסע כריזאַנטעמען... אָבער אַזעלכע גרויסע, פון די וואָס זי ליעבט אַזוי זעהר, און זי איז אַזוי פרעהליך, און ביי אונז איז עס אַזוי ליכטיג, אַלע עלעקטרישע לאָמפען ברענען זיך, און אַזויפיעל יונגע מענשען זענען דאָ, און מיר אַלע זענען אין ווייסען אַטלאַס אָנגעטהאָן. ביי אונז איז אַ גרויסער, גרויסער יום-טוב... אַלע צימערן זענען בעלויכטען... מאַמאַ זיצט ביים פּיאַנע און שפּיעלט אַ וואַלצער, און אַזוי פיעל פּאָרליך טאַנצען אין זאַל. זי זעצט זיך נעבען פּיאַנע און הויבט אָן צו שפּיעלען. אָט דעם וואַלצער שפּיעלט די מאַמאַ. זי שפּיעלט אָן אַלטען וואַלצער.

זאָשע

כאפּט וואנדען.

שפּיעל דאָך מיטע, מיר טאַנצען.

טאַנצען וואַלצער.

ה' גרויסגליק

קוקט זיך צו.

אַזוי. זייט דאָך פרעהליך אַמאָל, טעכטער. שוין לאַנג, אַז ביי אונז איז נישט געשפּיעלט געוואָרען.

זאָשע.

ווייסט איהר וואָס, לאָזען מיר זיך שפּיעלען היינט, אַ באַל מאכען. מיר אַליין וועלען זיין די געסט—אַז עס קומט קיינער נישט צו אונז.

וואַנדע.

ניין, ניין. מיר וועלען מיטשפּיעלען די חתונה, וואָס איז דערזיבען. וואָס זיי וועלען שפּיעלען, וועלען מיר טאַנצען.

ה' גרויסגליק.

דאָס איז אַ גלענצענדע אידעע. ווין האָבען מיר.

וואַנדע.

און דעם אַלטען ענגלישען סערוויז.

זאָשע

נעהמט ארויס דעם סערוויז פון קרעדענס, גרויסגליק ברענגט דעם וויין.

זעהט דאָך, ווי פערשטויבט ער איז... ווי לאַנג איז ער שוין נישט געברויכט געוואָרען?

ה׳ גרויסגליק.

צייט מאַמאַ׳ס לעצטער געבורטס-טאָג. גרייטען צום טיש, ווישען די גלעזער, גיסען אָן דעם וויין.

זאָשע

שפּיעלט די ראָלע פון דיווירטהין, טראָגט צו אלע וויין.

ביטע, פריילין... ביטע. אַך, דעם אלטען הערן גרויסגליק וועל איך זעלבסט בעדיענען. דערלאַנגט דעם פאָטער וויין.

די מוזיק הויבט אָן צו שפּיעלען דעם מארש פון חופּה-פיהרען. די פענסטער ווערען זעהר בעלויכטען.

ה׳ גרויסגליק.

יעצט אויפּפּאַסען, אויפּפּאַסען. מען פיהרט חתן-כלה צו דער חופּה.

זאָשע.

מוזען מיר דאָך ליכט אין די הענד נעהמען, עס איז דאָך צו דער חופּה.

נעהמען ליכט אין די הענד, און געהען צו פּאָרליך איבער׳ן צימער, ווי זיי וואָלטען צו דער חופּה געגאַנגען.

אלע.

מיר פיהרען חתן-כלה צו דער חופּה. די מוזיק פערשטווייגט גע-גענאַיבער.

ה׳ גרויסגליק.

אָבשטעלען זיך. יעצט דער וויכטיגסטער מאָמענט, אויפּ-פּאַסען. יעצט איז די טר׳יאונג.

שטעהען אלע אין מיטען שטוב מיט די ליכט אין די הענד אין זעהר אנ׳ערנס-טע מינע, פּאַסען אויף. פּלוצלונג דערהערט מען פון דראיבער די מוזיק שפּיעלט דעם מארש פון נאָך דער חופּה, א גרויס געריוש—מזל-טוב! מזל-טוב!

אלע.

מזל-טוב, מזל-טוב! צעקושען זיך, ווינשען זיך. זאָשע פיהרט די געסט צום טיש.

שׁ ש ע.

ט, ביטע, מײַנע פרײַלינס. ערלויבען זי דאָך צום טיש, צום
טיש... זעצען זיך אלע ארום דעם געדעקטען טיש, נעהמען די גלעזליך,
מינשען זיך, צעקושען זיך.

א ל ע

אום פאטער.

אָבגעשפּיעלט. פאלען אלע ארויס מיט א געלעכטער. **כאָ, כאָ, כאָ...**
די טהיר עפענט זיך פלוצלונג, אין די טהיר ערשײַנט לעאָן אין פראַק און צי-
לינדער-הוט, הינטערען ארים ראזע אין ווײַסען קלײד. די טאנטע פאר זיי,
הינטער זיי געסט.

ט אַ נ ט ע

צו ה׳ גרויסגליק, ווײַזענדיג אויפ׳ן פאר.

מזל-טוב! דײַן זון האָט חתונה-געהאַט און קומט צו דיר
נאָכ׳ן טאָטער׳ס זעגען.

פאָרהאַנג.

צווייטער אַקט.

בײַ בארענשטיין רעסטאראטאר אין פריוואט־וואהנונג, אַ ענג צימעריל, צוויי פענסטער פערהאנגען, אנגעשטעלט פול מיט מעבעל, צוויי בעטען הויך אויפגעבעט מיט בעטגעוואנד, אַ שויבענשענקעל פול מיט זילבער. לינקס אַ טהיר, וואס פיהרט אין די רעסטאראציאָס־שטובען אריין. פון דרינען הערט זיך אַ רעש פון בעל־עגלות און אַ רויך פון פאפיראָסען. פון דיווירטשאפט זעהט מען יעדעס מאָל, ווען מען עפענט די טהיר: טיש, קאנאפע, שטולען ארום. לעאָן זיצט ביים טיש, לאנגווייליגט זיך. עס קומט אריין די מוטער.

מ ו ט ע ר

א ברייטע דיקע פרוי מיט א גוט פנים. מען זעהט א מכניס־אורח׳טע האלט א טע־לעריל מיט געפרעגעלטע לעבערליך אין די האנד, קוקט זיך אום, געהט צו צו לעאנעין צוריקהאלטענדיג זיך.

בעסטער הערר... לעאָן... ליבער לעאָן... אַ פּאָר לעבערליך ערשט יעצט אָבגעפּרעגעלט פון די פרישע גענז, זעה דאָס שמאַלץ טריפט פון ז״, מעדני מלכים. שטעלט עס פאר איהם. עס לעאָן לעבען... עס זאָל דיר זיין צום געזונד.

ל ע אָ ן

אויפגערעגט.

איך דאַנקע... מאַמ...ע, איך דאַנק, איך וויל נישט...

מ ו ט ע ר.

פאַרוואָס, לעאָן לעבען? פאַרשעם דאָך נישט מיינע גענ־זענע לעבערליך, זעהסט דאָך נעבעך אַזוי שלעכט אויס. אַ יונגערמאַן נאָך דער חתונה דאַרפסט דיר דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, פערזון, לעאָן לעבען... דו עסט דאָך גאָרנישט.. נו, לעאָן לעבען, מיין קינד... אונזער. ליעבליך. מען ווערט דיך שוין נישט פון אונז אַוועקנעהמען... פערפאַלען... ביזט שוין אונזער. נאָך חופה וקידושין... וויל זיך דערנעהנטערן צו איהם, לעאָן האלט זי מיט א מאך פון האנד צוריק.

עס קומט אריין דער אלטער בארענשטיין מיט א טעלעריל.

פ אָ ט ע ר.

פערזוך פון די פופעקליך, לעאָן, לעב... אַזעלכע פופעק־ליך נאָך נישט דאָ געוועזן, פון די פרישע גענז... דערזעהט דאָס ווייב. די געסט דרעהען זיך דרינען אַרום, עס האָט זיי קיינער נישט צו בעדיענען און זי איז גאָר דאָ... געה אַריין, די געסט געהען אַוועק... גרייט צום טיש פאר לעאָן קעלנער־מעסיג. שאַדט נישט, לעאָן, ווערסט דיר דאָס האַרץ דערכאַפּען דער־מיט, נו פערזוך.

מוטער.

נאָכגעקראָכען מיר דער אַלטער. אומעטום, וואו איך געה, קריכט ער מיר נאָך. האָב נישט קיין מורא, לעאָן וועט נישט פערהונגערט ווערען אָהן דיר, עס איז דאָ, ווער עס זאָרגט איבער איהם.

פּאָטער.

אָבער געה אַריין... געה אַריין, די געסט געהען דאָך אַוועק... ראָזע וועט דיך באַד זוכען. עס קלאַפּט ווער ביים טהיר, עס ווייזט זיך אין טהיר איינער פון די געסט.

אַגאַסט.

וואו זענען דאָס אַלע? לאָזען די געסט אַליין איבער. פאַר וועמען טראָגען זיי דאָס די פּעטע ביסענס אַריין?

ראָזע

ווייזט זיך באַלד אין טהיר. צום גאַסט.

דאָ איז נישט פאַר קיין געסט... דרינען... פערמאַכט די טהיר נאָך איהם. צו פאָטער און מוטער. וואָס טהוט איהר דאָ? די געסט זענען דאָך אַליין. זי נעהמט די טעלערליך און גיט זיי די עלטערען אָב צוריק. נעמט'ס און געהט'ס. דער אַלטער און די אַלטע אָב מיט די טעלערליך, צו לעאָן. נור, נור, נור נישט אויפגערעגט, עס שאַדט דאָך דיר צום געזונד. נעהנטערט זיך צו איהם. עס איז דאָך פאַר ליעבע... די אַלטע, נו, נו.

לעאָן.

אָבער.

ראָזע.

שאַ, שאַ... פון אַ לאַדע וואָס, עס וועט שוין מעהר נישט. פּאַכעט איהם מיט'ן האַנד פאַר'ן פּנים. אַוועקגעפלויגען.

לעאָן.

אָבער עס איז דאָך נישט צום אויסהאַלטען... איך וויל נישט מעהר אין דאָס גערודער דאָ. ווייזט אין די צימערן אַריין.

ראָזע

נעהמט איהם איין.

קינד מיינס... אָבער צו וואָס רעגסט דו דיך אויף, עס קען דאָך דיר חלילה שאַדען. אין נאָך אַ פּאָר וואָכען... שווייג,

שווייג. יאָ, איך האָב דיר גאָר פערגעסע צו זאָגען, דער שניידער האָט דיר אָבגעבראַכט דעם פעלץ. ביזט געשלאָפען, האָב איך דיך נישט געלאָזט אויפוועקען. וואַרט, וועסט איהם נור אָנמעסטען. זי טהוט איהם אָן דעם פעלץ. אָט אַזוי, געה נור איבער די שטוב, לאָז'ן אַ ביסעל אָפּען, אַז מען זאָל דעם גאָלדענעם זייגער אַרויסזעהען. וואָלסט דיך בעדאַרפט אַ ביסעל אין דער שטאָדט איבערצוגעהן... עס וואָלט דיך בערוהיגט...

ל ע אָ ן.

איך וועל נאָך צייט האָבען.

ר אָ ז ע.

איך ווייס, וואָס דאָס הייסט, אַז דו שעמסט זיך מיט מיר. דאָס וויל איך נישט. שעמען זיך מיט מיר האָסט דו נישט וואָס... איך האָב דיך נישט גענומען ווייל דו ביסט גרויס־גליק'ס זוהן, נור ווייל דו ביסט לעאָן, ווייל איך ליעב דיך... און האָסט דו מיך נישט גענומען ווייל דו ליעבסט מיך? נאָר אַז דו זאָלסט דיך דאַרפען מיט מיר שעמען... וויל איך נישט... קען איך דיך פון געשעפט אַרויסלאָזען... כאָטש ווי אונגליקליך איך זאָל נישט זיין... נור שעמען זיך מיט מיר, וויל איך נישט. זעצט זיך אין אַ ווינקעל, האלט אַ טיכעל צו די אויגען.

ל ע אָ ן

אָבער דאָך... נישט דאָס... איך האָב דאָך נישט דאָס געמיינט... מיר האָבען דאָך געזאָלט באַלד נאָך דער חתונה נאָך פאַריז פאָהרען... איך מיין. געהט צו צו איהר. נו... ווייַן דאָך נישט... עס קען דאָך ווער... ראָזע... גאָט, ווי שלעכט מיר איז...

ר א ז ע.

אַודאַי וועט מען נאָך פאַריז פאָהרען. איך וויל דאָך אויך. מיט אַ שמייכעלע. נו, קינד, מען דאַרף דאָך וואַרטען אַ פּאָר וואָכען, ביז מען וועט די געשעפטען אין אָרדענונג ברענגען.

ל ע אָ ן.

אָבער... שטענדיג, זאָגסט דו מיר פון געשעפטען; וואָס טויגען דיר די געשעפטען... לאָז זיי איבער דיינע עלטערן.

ראָזע

געהט צו צו איהם.

נאַריש קינד. אוי, ביסט דו אַ נאַריש קינד... געשעפּטען קען מען דאָך נישט אויף פרעמדע פערלאָזען, אַפילו אויף עלטערען נישט... און היינט איז דאָך דער בעסטער סעזאָן, פערשטעהסט? היינט איז דאָך יעשען, אַלע אַגענטען פאָהרען יעצט אויף זייערע רייזעס מיט סחורה, נו, וואָס פערשטעהסט דו פון דעם? נאָך אין אַ פּאָר וואָכען וועסט, זעהן, לעאָן לעבען... וואו מיר וועלען פאָהרען? בערלין, פּאַריז... אומעטום, אומעטום וועלען מיר פאָהרען. די טאַנטע איז נאָך נישט צוריק געקומען?

לעאָן.

וואו אַהין האָסט דו זי דען געשיקט? צו פּאַפּאַ? צו וואָס?

ראָזע

צו פּאַפּאַ? ווי פּאַלסט דו אויס? גלאַט אַזוי, איך פרעג, אויב די טאַנטע איז נאָך נישט געוועזען אויף דער נאַכט; זי קומט דאָך שטענדיג אויף דער נאַכט אַריין... אַוודאי וועט מען פאָהרען... ווען? ווען? *קלעהרט.* דעם פונפצעהנטען. די כוחרים פון די וועלדער... און דערנאָך די סוחרים פון די שעפסען... און דערנאָך דער וואָל-מאַרק, יאָ, און דערנאָך, אַזוי גרויס ווי אין פינף זעקס וואָכען אַרום. לאָמיר זעהען, ווען געהט דער צוג אָב? איך וועל אַריינשיקען נאָך דעם באַהן-קאַלענדאַר. *רופט דורך דער טהיר.* טאַטע... טאַטע... ווען געהט דער צוג אָב צו די גרעניץ

פּאָטער.

איבער טהוירען, אָדער איבער קראַקוי?

ראָזע.

איבער טהוירען, קיין בערלין?

פּאַטער

זאָגט פלינק אויפ'ן קאָפּ.

12—15 בייטאָג פּאַסאַזשיר-צוג, 2—6 שנעל-צוג I, II קלאַס,

5—50 פּאַסאַזשיר-צוג I, II, III קלאַס, צוויי שטונדען צו

וואַרטען ביים גרענעץ... 12 — 30 ביינאַכט I, II שלאָף־וואַ־
גאָן, בעסטע פערבינדונג, דירעקט בער—לין.

ראָזע.

גוט, גוט: פאָטער אָב. מיט וועלכען צוג וועלען מיר אַרויס־
פאָהרען?

לעאָן

נעהמט אַרויס אַ פאַפּיער פון קעשענע.

אָט האָב איך מיר שוין די גאַנצע רייזע נאָטירט: צוועלף—
דרייסיג אָב, ביינאַכט, שלאָף־וואַגאָן, טרעפען מיר אָן 11—07
אַנהאַלטער באַהן־הויף. האָטעל, דערנאָך מיט אַ אויטאָ די
שטאָדט אָנזעהען... זעהענסווירדיגקייטען; זיעגעס־אַלעע,
פאַרלאַמענט, קעניג־שלאָס... מיטאָג וועלען מיר עסען ביי
קעמפּינסקי. קאַפע מאָנאָפּאָל, מעטראָפּאָל. 10—9 אָב קעלן,
קעלנער דאָם...

פאָטער.

ראָזע, ראָזע, אַ גאַסט וויל בעצאָהלען דעם רעכנונג.

ראָזע.

איין מינוט נור, מיין לעבען... איך געדענק גאַנץ גוט, מיר
האַלטען ביים קעלנער דאָם. שטרייך־אונטער, אַז דו זאָלסט
נישט פערגעסען. וואַרט, איך קום שוין. אָב. טרעפט זיך אין
טהיר מיט דער טאַנטע, וועלכע דער אַלטער בארענשטיין לאָזט אַריין מיט
גרויס רעספּעקט. אָה, די טאַנטע, ווער ביטען שען. ווינקט מיט
די אויגען. נו, וואָס הערט מען?

טאַנטע

ענטפערט איהר אויך אָב מיט'ן וואונק.

אַל דאָס גוטס... גאַר אויפן בעסטען וועג.

ראָזע.

פּס... פּס... גאָרנישט רעדען. הויך. איך קום שוין אַריין.
לעאָן, לעאָן, די טאַנטע איז דאָך דאָ... איך געדענק, איך
געדענק: ביים „קעלנער דאָם", איך קום שוין אַריין. אָב.

לעאָן

צו טאַנטע.

איז די טאַנטע דריבען געוועזען? ווייזט אויפ'ן פענסטער.

טאַנטע.

איך קום פון דריבען.

לעאָן.

פון דריבען, נו, וואָס זאָגט פּאַפּאַ? גוט בייז אויף מיר?

טאַנטע.

וואָס בייז. פאַרוואָס זאָל ער אַזוי דאָס בייז זיין? וואָס האָסט דו אַזאַ שלעכטעס געטהאָן? ער לאָזט דיך גריסען.

לעאָן

פערוואונדערט.

ער לאָזט מיך גריסען? נו, דאָס איז דאָך נישט מעגליך.

טאַנטע.

ווירקליך, ער לאָזט דיך גריסען.

לעאָן.

און וואַנדע און זאָשע?

טאַנטע.

פרעגען אויס אויף דיר ווי דו זעהסט אויס? וואָס דו מאַכסט? ווי דו פיהלסט דיך?

לעאָן.

וואָס האָט זיי די טאַנטע פערצעהלט, אַז איך זעה גוט אויס? די טאַנטע האָט זיי בעדאַרפט זאָגען, אַז איך זעה זעהר גוט אויס... אַז איך פאָהר באַלד אָב נאָך פּאַריז, פערלאָז די שטאָדט.

טאַנטע.

איך האָב זיי געזאָגט, געזאָגט, זיי ווילען דיך אַזוי זעהען, זיי ווייסען נישט, פאַרוואָס דו קומסט נישט אַרויף.

לעאָן.

איך וויל נישט אַרויפגעהן.

טאַנטע.

זיי זאָגען, זיי ווייסען נישט, פאַרוואָס דו שעמסט דיך.

לעאָן

רויט ווערענדיג.

איך שעם מיך, איך שעם מיך גאַרנישט.

טאנטע.

זיי זאָגען, אַז דו שעמסט דיך, דורך דעם ווילסט דו נישט אַרויפגעהן, וועלען זיי אַהער קומען צו דיר.

לעאָן.

זיי וועלען דאָ אַהער קומען? איך וויל נישט, אַז זיי זאָלען אַהער קומען! הערסט די טאַנטע? איך וויל נישט, אַז זיי זאָלען אַהער קומען...

טאנטע.

אַז זיי ווילען אַהער קומען בעזוכען די שוועגערין, וואָס האָסט דו צו דעם? פאַרוואָס ווילסט דו נישט?

לעאָן.

און ווען וועלען זיי אַהער קומען?

טאנטע.

היינט אויף דער נאַכט, זיי האָבען געוואָלט מיט מיר איצט איינעם קומען, איך האָב נישט געוואָלט, איך האָב געזאָגט, אַז דו וועסט דיך דערשרעקען, אַז איך וועל דיר צוערשט צו וויסען געבען.

לעאָן.

נאָך היינט אויף דער נאַכט. מוז איך דאָך מיך שוין אי בערטאָהן... זאָלען זיי זעהען. הויבט זיך אויף. יאָ, און מיטע?

טאנטע.

אוי, לאָז מיך געהן מיט די משוגע׳נע פריצ׳טע, ווי די מאַמע, עליה־השלום. פון דענסטמאָל אָן האָט זי זיך איינגעשלאָסען אין צימער, וויל קיינעם נישט זעהן, בלויז נור וואָס זי נעהמט דאָס עסען זיך אַריין, און ביינאַכט געהט זי אין מאַמאַ׳ס צימער.

לעאָן.

איז זי גוט בייז אויף מיר?

טאנטע.

איך ווייס נישט, איך האָב זי נישט געזעהען: אַז זי לאָזט נישט קיינעם צו צו זיך. האָסט דו אַ געשעפט, זי וועט זיך שוין איבערבעטען, די פריצטע; אָבער וואַנדע מיט זאָשקען — וואַוילע מיידען, זיי וועלען קומען, אודאי באַלד.

ל ע אָ ן.

דאַרף איך מיך איבערטהאָן; איך וויל נישט, אַז זיי זאָלע מיך זעהען אַזוי. אָבער מיטע איז ביין אויף מיר? גוט ביין? וואָס, ניין? וואָס האָט זי געזאָגט? הע?

ט אַ נ ט ע.

אַז איך האָב נישט גערעדט מיט איהר.

ל ע אָ ן.

האָב איך אַ זאָרג... סיי ווי סיי פאָהר איך נאָך פּאַריז... אָבער וואַנדע און זאָשע. ראָזע! וואו איז, ראָזע, דער נייער אַנצוג?... הויבט זיך אויף, עפענט די טהיר. ראָזע... טרעט אָבער באַלד צוריק.

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ג ע ס ט

ווייזט זיך אין טהיר מיט אַ קופעל ביער אין האנד.

זעהט׳ס, זעהט׳ס, דאָס איז ער, דער בחור. וואָס עסט אויף אַלע פּופּעקליך מיט די לעבערליך פון רעסטאָראַן, דאָס איז ער. געלעכטער פון עולם אין רעסטאָראַן.

לעאָן טרעט צוריק.

ר אָ ז ע

אין טהיר.

ווייטער שוין דאָ... אַוועק פון דאַנען... איך דאַרף שוין נישט קיין געסט היינט. ליב, בער, פערמאַכט דאָס געשעפט. איך דאַרף נישט קיין געסט היינט. שטופּט אַב דעם גאַסט. בער, ליב, אַהער. ס׳ווייזען זיך צוויי הויכע שטאַ־קע יונגען. רייניגט אויס דאָס הויז, קיין פוס זאָל מעהר נישט זיין, און פערמאַכט׳ס דאָס געוועלב.

ל י ב, ב ע ר.

גוט, ראָזע. נו, פּאַשאָל, פּאשאָל וואָן! שטופּען אַב די געסט, פערמאַכען די טהיר, מען הערט פון דרויסען ווי זיי רייניגען אַב דאָס הויז פון מענשען.

ר אָ ז ע.

אַ אומגליק איז דאָס... נו, נו, נישט אויף לאַנג, באַלד פון דעם אַלעס פּטור ווערען. מאַכט זיך גלייך די האָהר. וואָס האָסט דו מיך גערופען, לעאָן?

טאנטע.

געסט קריגסט דו היינט, זיינע שוועסטעריך, מוז ער זיך איבערטהאָן.

ראָזע.

אודאי, אודאי. טאַטע, טאַטע. דער אַלטער באַרענשטיין ווייזט זיך אין טהיר. וועלכער נומער איז לעדיג?

פאָטער.

נומער פינף און נומער אַכט.

ראָזע.

פיהר לעאָנ׳ען אין נומער פינף, ער דאַרף זיך איבערטהאָן... זיי זענען שוין אַוועק?

פאָטער.

שוין אַוועק. דער אַלטער מיט לעאָנ׳ען אב.

ראָזע

צו די טאַנטע.

נו, ווי האַלט עס?

טאַנטע.

גאַנץ גוט, ער איז גרייט דיך צו עמפפאַנגען. איך האָב איהם געגעבען צו פערשטעהן, נור... קיין איינציגער, קיין איינציגער זאָל נישט וויסען דערפון...

מוטער

ווייזט זיך אין טהיר אויף די שפיץ-נעגעל, געקומען אריינגע׳גנב׳עט.

קיין איינציגער נישט... קיינער נישט...

ראָזע.

ווי הייסט... ער שעמט זיך. זאָגט צו די מוטער. מאַמאַ, געה אַריין.

טאַנטע.

אויף דערווייל הייסט עס, נאָר אויף דערווייל, אָבער ער בעשטעהט אויף אַלעם... איך האָב עס איהם צו פערשטעהן געגעבען, ווי די זאַך האַלט. נו, און דו וועסט אלע גע־שעפטען איבערנעהמען, אויסצאָהלען די חובות, דאָס הויז וועט נישט געהן אויף קיין ליציטאַציע, וועסט דיך אין הויז אריינציהען, אריינלעגען דיין געלד אין דער פאַבריק... די

פירמע וועט בלייבען דיזועלבע... דער אייגענער נאָמען...
יאָ, ער בעשטעהט אויף אַלעם...

פ אָ ט ע ר און מ ו ט ע ר

פאַלען ווידער אריין אין טהיר זעהר פאמעליך, אויף די נעגעל.

ער וויליגט איין... ה' גרויסגליק אַליין. פאלען ארויף אויף די טאַכטער. אונזער קינד... אונזער...

ר אָ ז ע

שטרענג.

געהט יעצט אַרויס.

פ אָ ט ע ר

ווינקט צום ווייב.

קום אַרויס, זי דאַרף עפּעס צו רעדען.

מ ו ט ע ר.

אפשר, ראָזע לעבען, דאָס זיידענע קלייד דיר אַרויסנהעמען.

ר אָ ז ע.

איך וועל דיר שוין שפּעטער זאָגען.

פ אָ ט ע ר.

קום, לאָז זי אַליין, זי ווייס שוין וואָס זי האָט צו טהאָן.

ר אָ ז ע.

אַזוי, ער וויליגט שוין איין... ער וועט מיך עמפּפאַנגען...
אַזוי... נאָר קיין איינציגער זאָל נישט ויסען דערפון... קיין איינציגער... געשעפטען איבערנעהמען יאָ און חובות אויס-צאָהלען—יאָ, געלד — יאָ, נאָר קיין איינציגער זאָל נישט וויסען דערפון... קלוגע לייט, קלוגע...

ט אַ נ ט ע.

וואָס?

ר אָ ז ע.

גאָרנישט, איך געה נישט אַריבער... איך נעהם אַזעלכע געשעפטען נישט איבער, עס איז נישט פאַר מיר.

ט אַ נ ט ע.

ווי הייסט... וואָס מיינסט דו?

ראָזע

רוהיג.

גאָרנישט... מיר זענען שוין דריבען געווען, ביים שווער, איך מיט לעאָנען, נאָך דער חופה. ווען זיי זענען זיך צע־לאָפען, און האָבען אונז אַליין געלאָזט... יעצט זאָל דער שווער צו אונז צו גאַסט קומען... מיר געהען נישט אריבער...

טאַנטע.

וואָס האָסט דו געזאָגט?... ה׳ גרויסגליק, דאָ אהער? אין די רעסטאַראַציאָן?... דאָ?...

ראָזע.

יאָ, יאָ, צו זיין מחותן דוד גאָרקעכער צו גאַסט...

טאַנטע.

איך זעה, זי האָבען אַפּנים פערגעסען, ווער ה׳ גרויסגליק איז — ניע. נימאַלס! די פאַמיליע גרויסגליק׳ס.

ראָזע.

איך האָב נישט פערגעסען, ווער די גרויסגליק׳ס זענען, איך ווייס גאַנץ גוט, ווער דער ה׳ גרויסגליק איז. איך בין אַהי־גע. און ווייס אויך גאַנץ גוט, ווער די גאָרקעכער׳ס זענען. און דערפאַר וויל איך טאַקע, אַז דער ה׳ גרויסגליק זאָל קומען צו די גאָרקעכערס צו גאַסט און נישט ווי די טאַנ־טע האָט עס געוואָלט, אַז איך זאָל מיך אריינציהען צו זיי שטילערהייד... אַז קיינער, קיינער זאָל נישט וויסען. מען וועט מיך בעהאַלטען פאַר מענשען. נור איינציגווייז, איינ־ציגווייז וועט מען מיך צום טיש צו לאָזן... פאַר חרפה וועלען זיי זיך פאַר די געסט רייטלען, אין מיין געגענוואַרט, אַזאַ שנור... נור איינציגווייז, איינציגווייז, ביז איך וועל מיך גוטע מאַניערען אויסלערנען. און דערנאָך זאָלען די לייט זאָגען: זעה׳ס, ווי זי האָט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין די משפחה אריין. אָ, ניין, אריינ׳גנב׳ענען וויל איך זיך נישט. שטעה איך זיי נישט אָן פאַר קיין שנור, קען איך זיי פון געשעפט ארויסלאָזען. און די מומע אויך. אַזעלכע געשעפטען נעהם איך נישט איבער. שעמען זיך איז נישט דאַ וואָס...

טאַנטע. אָבער, זי, ה׳ גרויסגליק איז דאָך דער גרויסגליק. כאָטש ער איז געפֿאַלען, כאָטש זיי קענען זיך שוין נישט קיין עצה געבן, ווייל עס איז ביי זיי קיינער נישט דאָ, ווער עס זאָל די געשעפטען פיהרען. אָבער דער נאָמען אין די וועלט, די משפחה. איך זעה, זי האָבען עס פערגעסען...

ראָזע. ניין, גאָרנישט פערגעסען, פאַר דעם לעג איך דאָך אריין מיין גאַנץ פערמעגענס, וואָס אַלעס איך און מיינע עלטערן האָבען געהאָרעוועט צוואַנציג יאָהר. אַ גאַסט געקומען—דעם קישען פון קאָפּ אוועקגעגעבען, דעם ביסען פון מויל, גע־זאַמעלט אַ גראָשען צו אַ גראָשען, און אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט גרויכגליק׳ס זוהן, האָב איך נישט חתונה געהאַט אַז עס זאָל קיינער נישט וויסען, נאָר אַלע, אַלע! די גאַנ־צע וועלט זאָל עס וויסען! פאַר דעם האָב איך חתונה גע־האַט מיט גרויסגליק׳ס זוהן, און נישט מיט יעקעל פורמאַן אָדער מיט לייבעל פישער, וועלכע וואָלטען געאַרבייט אויף מיר און איך וואָלט ווי אַ פּריצ׳טע אין דערהיים געזעסען... לעאָן וועט נישט אַרבייטען אויף מיר, נישט די האַנד אין קאַלטען וואַסער אריינשטעקען. די גרויסגליק׳ס זענען נישט געוואָהנט צו אַרבייטען. דאָס ווייסט די טאַנטע אויך גאַנץ גוט.

טאַנטע. איך ווייס נישט, אייגענטליך, וואָס דו ווילסט? ער איז דאָך דיך ברייט צום עמפּפאַנגען, אין זיין הויז דיך אויפצונעה־מען, פאַר אַ שנור דיך אַנערצוקענען... וואָס ווילסט דו נאָך, אייגענטליך?

ראָזע. נאָר ניעמאַנד זאָל עס וויסען, בעהאַלטענערהייד, ווי זיינע טעכטער עס טהוען: קומען אריין בעהאַלטענערהייד... נאָר קיינער זאָל נישט וויסען, פּאַפּאַ זאָל נישט וויסען, לעאָן זאָל נישט וויסען. ניין, מיך וואַרימט דאָס נישט...

ט אַ נ ט ע.

וואָס האָסט דו געזאָגט, זייגע שוועסטערן קומען אריין דאָ בעהאַלטענערהייד? וועמעס שוועסטערן?

ר אָ ז ע.

לעאָנ׳ס שוועסטערן... וואַנדע און זאָשע, קומען אריין דאָ יעדען אויף דער נאַכט, ווען די יונגען טאַנצען מיט די מיידען, חבר׳ן זיך מיט מיינע קוזינען, מיט ליב׳ן, מיט בער׳ן, און אַז איך וויל זיי אַריינפיהרען צו לעאָנ׳ען, — אָה, ניין, בעהאַלטען זיי זיך — שעמען זיך, לעאָן זאָל נישט וויסען, פּאַפּאַ זאָל נישט וויסען, שעמען זיך, און קומען דאָך אַריין...

ט אַ נ ט ע

פערוואונדערט.

קומען זיי אַריין, דאָ? גרויסגליק׳ס טעכטער?...

ר אָ ז ע.

וואונדערט זיך די טאַנטע... עס שטעהט זיי נישט אָן... איך ווייס נישט, ווער עס האָט אין וועמען אַ שלעכט געשעפט געמאַכט... געגוג געדעדט... איך זאָג די טאַנטע קלאָרע און אָפענע דבורים: וויל די מומע, אַז איך זאָל דאָס געשעפט־איבערנעהמען, אויסצאָהלען יעדען וואָס עס קומט. אקצענטירענדיג. און די מומען אויסצאָהלען איהר טייל אין געשעפט, און פיהרען ווייטער די פאַבריק, מוז דאָס אויפהערען, היני־טען אַרום, קיינער זאָל נישט וויסען. צו שעמען זיך איז גישט דאָ וואָס... אָדער יאָ... אָדער נישט...

ט אַ נ ט ע.

איך וועל נישט דאָ דעם ה׳ גרויסגליק אַריינברענגען.

ר אָ ז ע.

ווי די טאַנטע וויל... איך האָב דאָ אַ גאַנץ גוט געשעפט אויך—די גאָרקיך טראָגט, גאָט צו דאַנקען, גאַנץ שען.

ט אַ נ ט ע.

אָבער בערעכען דאָך... דער ה׳ גרויסגליק... דאָ! וואָס טוט זיך מיט דיר?

ראָזע.

אַלעס שוין איבערגערעכענט... ה׳ גרויסגליק... די פּאַרנעמס־טע פאַמיליע... דער נאָמען אין די וועלט... צו די גאָרקע־כער ס... אַלעס בערעכענט... ווי די מומע פערשטעהט... צו רעדען לאַנג איז נישט דאָ וואָס... לעאָן וועט באַלד אריינ־קומען, ער דאַרף נישט וויסען דערפון.

טאַנטע.

אָבער גאָט, גאָט, וואָס טהו איך? וואָס טהו איך?

ראָזע.

ווי די מומע פערשטעהט... מיר איז עס גאַנץ גלייך... מיר האָבען גאָט צו דאַנקען פון וואָס צו לעבען...

טאַנטע.

גרויסגליק, גרויסגליק׳ס הויז... דער אָבשטאַם פון דעם זעלי־גען גרויסען גאַטאָן. ווי לעג איך איהם גאָר דאָס פאָר?

ראָזע.

דאָס איז שוין די מומע׳ס זאַך... פאַר דעם נעהמט די מומע געלד. ווען מען וויל פערדיענען, מוז מען ארבייטען... געלד איז טייער, זעהר טייער... אַזוי לייכט קומט עס נישט אָן מען מוז עפּעס דערפאַר טהאָן.

טאַנטע.

צו דעם האָבען זיך די גרויסגליק׳ס דערלעבט. צו ראָזען. יאָ, יאָ, איך וועל עס טהאָן. . סיי ווי סיי האָבען מיר זיך, שוין די פּנימער איינגערעכט... אַז שוואַרץ זיין—זאָל דאָס גאַנצע פּנים שוואַרץ זיין.

ראָזע.

אויס, אויס בעהאַלטענערהייד... איך האָב התונה געהאַט מיט לעאָנ׳ען בחופה וקדושין, ווי אַ אידישע טאָכטער. עפענט אויף די טהיר און רופט. טאַטע, מאַמע! צו די טאַנטע, וועלכע קוקט אויף איהר פערוואונדערט. אָפען פאַר די גאַנצע שטאָדט, נישט דאָ זיך וואָס צו בעהאַלטען. צו די עלטערן. וואַשט אייך אָב, טהוט אייך אָן, דער מחותן ר׳ אָשר גרויסגליק קומט הייגט, צו אייך צו גאַסט. בראָט אָב דעם אינדיק, מאַמע, און זאָג די יונגען, אַז זיי זאָלען זיך אָנטהאָן די יום־טוב׳דיגע אַנ־

צוגען, — און דאָ אַריין... אַלע דאָ אַריין... נישט דאָ מיט קיי-
נעם זיך צו בעהאַלטען... עפּעגט אויף די לאַדען. אַלע זאָלען
זעהן, די גאַנצע שטאָדט זאָל זעהן, אַז ר׳ אָשר גרויסגליק
איז היינט ביי זיין מחותן ר׳ דוד גאָרקעכער צו גאַסט. צו
די טאַנטע. און די טאַנטע וועט אַריבערגעהן נאָך איהם.

מוטער.

פּס... פּס... שווייג... זי מאַכט מיט די האַנד. זענען דאָ...

פאָטער.

וואָס הייסט דו זי שווייגען... זי ווייסט בעסער, וואָס זי האָט
צו טהאָן...

מוטער.

פּס... שווייג... זענען דאָ... דרינען...

ראָזע.

ווער איז דאָ? אַלע זאָלען זיין, נישט קיין חילוק...

מוטער.

זיי, זיינע שוועסטערן, די פריילייני׳ס גרויסגליק...

ראָזע.

זאָלען זיי זיין. געהט אַריין צו זיי אין צווייטען צימער. אָך, גוטען
אָבענד... פּראָשע, ביטע שען, ביטע. עס קומען אַריין וואַנדע
און זאָשע, דערזעהען די טאַנטע, מאַכען אַ שריט צוריק.

ראָזע.

ביטע, ערלויבען זי, זעצען זי זיך... לאָז זיך די טאַנטע
זעצען... טאַטע, טאַטע, רוף אַריין לעאָנ׳ען.

טאַנטע.

איך דאַנק, איך אייל מיך, אַ גוטע נאַכט, איך וועל באַלד
קומען...

ראָזע.

לויפט שוין די מומע. האָט אַודאי עפּעס וואָס צו בעזאָרגען.
אַ שאָד, אַזוי פלינק. אפשר דאָך, לאָז זיך די מומע זעצען.

טאַנטע.

אַ ביסעל שפּעטער, איך וועל באַלד קומען, איך דאַרף נאָך
עפּעס וואָס צו בעזאָרגען.

ראָזע.

אַ שאָד, אַזוי. אָבער די מומע וועט שפּעטער קומען. גוט. אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָהר. בענלייט זי ארויס, טאַנטע אָב. איך בעט איבער, איך בין אַזוי אָנגעטהאָן, ביים געשעפט קען מען נישט עטוואָס פיינערס אָנציהען. איך בעט זעהר איבער, איך וועל נאָר אַנ׳אַנדער קלייד אַריבערוואַרפען. רופט אין די טהיר. טאַטע, טאַטע רוף אריין לעאָנ׳ען, איך קום שוין צוריק. דער פאַטער פון די אינוויינינסטע צימערן. שוין, שוין, איך קום שוין צוריק אַריין. געהט אָב.

וואַנדע.

אָבער מען דאַרף דאָך נישט.

זאָשע

לוסטיג.

אָבער זאָל די שוועגערען דאָך בלייבען... מיר געהען דאָך אויך נישט בעסער אָנגעצויגען... ווייזט איהר קלייד.

וואַנדע

שטופּט זי.

זאָשע.

איך שעם מיך נישט. עס איז דאָך אונזער שוועגערין...

ראָזע.

אָבער דאָך... נו, אַזוי גלייך... איך וועל מיר נאָר אַנ׳אַנ- דער קלייד. אָב אין טהיר. לעאָן, זעהסט, דיינע שוועסטערען זענען געקומען צו גאַסט, ווייל אַ רגע דיינע שוועסטערן... איך קום שוין אַריין.

ראָזע

פיהרט אריין לעאָנ׳ען, וועלכער האלט זיך צוריקהאַלטענדיג.

אויף איין מינוט נאָר, איך בין שוין דאָ... אָב, לאָזענדיג זיי אַליין.

זאָשע

מיט פרייד.

לעאָן, אַך לעאָן. לויפט צו צו איהם. וואָס מאַכסט דו? ס׳איז דיר גוט דאָ?

לעאָן

ברוגז'דיג.

איך ווייס נישט... צו וואָס זענט עטץ אַהער געקומען?

וואַנדע.

מיר האָבען דיך געוואָלט בעזוכען. אַזוי נעהמסט דו אונז אויף? שען גאַסט-פריינדליך ביזט דו?

לעאָן.

אָבער צו וואָס זענט עטץ אַהער געקומען?

זאָשע.

צו וואָס? מיר זענען גאָרנישט געקומען צו דיר, מיר זענען געקומען צו אונזער שוועגערין צו גאַסט.

לעאָן

פערוואונדערט.

צו די שוועגערין?

וואַנדע.

קום, זאָשע, זעה ווי ער בעהאַנדעלט אונז.

זאָשע.

מיר זענען נישט צו איהם געקומען... מיר זענען צו די שוועגערין געקומען.

לעאָן

פערוואונדערט.

צו די שוועגערין?

זאָשע.

יאָ, צו די שוועגערין?

לעאָן.

ווי הייסט, צו די שוועגערין?

זאָשע.

און די שוועגערין מיט דיר וועלען זיך צו אונז אריבער-ציהען אין די וואָהנונג, איה וועט ביי אונז וואָהנען... יאָ, די מאַנטע האָט געזאָגט, זי וועט די געשעפטען איבער-געהמען—איך האָב עס אַליין געהערט.

לעאָן.

בײ אונז װאָהנען? איך מיט איהר? געשעפּ־ען פּיהרען? װער האָט עס געזאָגט? נײן, מיר פאָהרען קײן פּאַריז! נאָך בערלין!

זאָשע.

איהר פאָהרט נאָך פּאַריז, װען? נעהמט׳ס מיך מיט.

לעאָן

פערגעסענדיג, איבערענדערט דעם טאָן.

יאָ, מיר פאָהרען נאָך פּאַריז, מיר װעלען דאָ נישט װאָהנען... מיר ציהען זיך אַװעק פון דאַנען.

זאָשע.

אין בערלין װעט עטץ אויך זײן?

לעאָן.

אַבשטײגען. האָט זי געזאָגט, די טאַנטע, אַז מיר װעלען דריבער װאָהנען, בײ אונז. אָ, עס איז נישט װאָהר.

זאָשע.

אַזױ האָט זי געזאָגט? זעהט׳ס נאָר. דו הערסט, װאַנדע, זײ פאָהרען נאָך פּאַריז.

װאַנדע.

לאָז מיך געהן, איך בין ברוגז אויף איהם... ער בעלײדיגט אונז.

זאָשע.

האָסט דו אַ זאָרג. ער איז דאָך אַ משוגע׳נער. צום ברודער.

נו, און װי געהט עס דיר? עס איז דיר גוט דאָ? זײ בעהאַנדלען דיך גוט דאָ? זענען גוטע מענשען, ס׳װאָהר?

װאַנדע

װעלכע בעקוקט די װירטשאַפט.

זעה נאָר, װי דאָ זעהט אויס! די בילדלעך—אַזױ אַלט געל־הבתיש.:. זעה נאָר, דאָס קאַנװע־אויסנײעכט׳ס.

זאָשע.

און אַזעלכע הויכע בעטען מיט אַזױ פיעל בעטגעװאַנד! גיב נאָר אַקוק װי הויך די בעטען זענען געבעט... דאָ מוז זײן װאַרעם צו שלאָפען, ס׳װאָהר, לעאָן? און בײ אונז

איז אזוי קאַלט צו שלאָפען, פון אַלע פענסטער וויהען ווינדען.

וואַנדע.

ווען איך האָב אַזאַ דיקע דעק, וואָלט איך אַ גאַנצען טאָג געלעגען אין בעט הינטער די דעק, און וואָלט זיך געוואַרעמט.

לעאָן.

און מיטע האָט געוויינט, יאָ, וואַנדע?

וואַנדע.

ניין, געוויינט האָט זי נישט... זי האָט זיך נאָר געוואונדערט... זעהר געוואונדערט, אַז דו האָסט שוין חתונה געהאַט... און זי איז אויף די חתונה נישט געווען... און קען די שוועגערין נישט...

לעאָן

אין דער שטיל מיט שרעק.

און די מאַמאַ הערט מען ווידער?

וואַנדע.

איך הער די מאַמאַ יעצט זעהר זעלטען... נאָר טייל מאָל, צייטענווייז, דאַכט זיך, הער איך אירע טריט... נאָר מיטע זאָגט, אַז זי הערט זי יעצט יעדע נאַכט, אַז זי קומט אין איהר צימער יעצט יעדע נאַכט און דרעהט זיך אַרויף און אַראָב. מיטע נעכטיגט יעצט יעדע נאַכט ביי מאַמאַ אין צימער.

לעאָן.

זי זעהט זי?

וואַנדע.

איך ווייס נישט, זי פערצעהלט גאָרנישט, מיטע.

לעאָן.

זי מוז זעהר בייז זיין אויף מיר, מאַמאַ...

וואַנדע.

מיר דאַכט זיך אזוי... וואָרום צייט דו האָסט חתונה געהאַט, האָט זיך מאַמאַ׳ס פנים אויף די פאָטאָגראַפיע געענדערט...

עס איז טרויריגער און שטילער געוואָרען—ס'וואָהר, האָבן מיר עס באַמערקט, זאָשע?

ז אָ ש ע.

יאָ, דאַכט זיך אַזוי, מיטע פערצעהלט עס.

ל ע אָ ן.

מ ר דאַכט זיך אויך, אַז איך קוק אַרויס דורכ'ן פענסטער, אַריבער אין די פענסטער צו אונז. ער עפענט די פאָרהאַנג. זעה'ט'ס, אַזאַ שוואַרצע טונקעלקייט קוקט אַרויס פון די שוואַרצע גרויסע פענסטער! מיר דאַכט זיך אַז אַ געשטאָרבענער דרעהט זיך דאָרט אין די שטובען אַרום... איך קען טייל מאָל אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפען...

ז אָ ש ע.

אָרימער לעאָן. עס קומען אריין ליב און בער, צוויי הויכע שטאַרקע יונגען אָנגעטהאָן אין נייע אָנציגע מיט זייגער'ס איבער די וועסט, הויכע שטיוועל, פערקעמט וואוילעריש מיט אַ לאַק, פיהלען זיך ביידע אונהיימיש, ווייסען נשיט ווי צו בעוועגען מיט די הענד, שטעהען ביידע אין טיר, נישט שמאַילע, „ליב" דער יונגערער זעהר שעמעוודיגדאָס געשפרעך ווערט איבערגעבראָכען, פערווירט, זאָשע מיט וואַנדען קוקען אויף זיי מיט גרויס נייגעריגקייט און לאַכען.

ז אָ ש ע.

גיב נאָר אַ קוק, בער און ליב איז דאָך דאָ! זעה נאָר, זיי וואָס פאַר פיינע וועסטלעך זיי זענען אָנגעטהאָן...

ו ו אַ נ ד ע

האַלט זי איין.

זאָשע...

ז אָ ש ע.

גוט ג'אַבענד, ליב, גוט נ'אַבענד, בער. וואָס מאַכט עטך?

ו ו אַ נ ד ע.

זאָשע!

ל ע אָ ן

אויפגערעגט.

פון וואַנען קענט איהר זיך מיט זיי?

ליב.

ראָזע האָט אונז געהייסען דאָ אַריינגעהן. בער ציהט איהם ביים ארבעל.

לעאָן

כאפט זיך אויף.

געהייסען אייך דאָ אַריינגעהן. עפענט אויף טהיר. הער... ראָזע...

ראָזע

פון די אינוועניגסטע טהירען.

באַלד, לעאָן.

לעאָן.

אָבער ראָזע, וואָס טהוט זיך דאָ? לויפט ארויס אויפגערעגט.

ליב

ווערט צעמישט, וויל ארויסגעהן נאָך לעאָנ'ען.

בער

כאפט איהם ביים ארבעל.

בלייב, ברודער, האָב קיין מורא... מען האָט דיר געהייסען אַריינגעהן, געה.

זאָשע.

פאַרוואָס ווילען זי אַנטלויפען, ליב? עס איז איהם דאָ נישט גוט מיט אונז? שעמען זי זיך נישט. צו וואנדען. זעה נאָר, ווי ער איז רויט געוואָרען, וואַנדע, ווי ער שעמט זיך... וואָס פאַר א רויטע באַקען ער האָט געקריגען. זי געהט צו צו איהם. זי שעמען זיך, ליב, יאָ? און פאַר וואָס שעם איך מיך נישט?

וואַנדע.

זאָשע, געדענק אָן גאָט!

זאָשע

געהמט איהם אָן ביי די האנד.

אָך, וואָס פאַרע הענד! אגו, ווייזען זי נאָר איהנ'ס מוסקו-לען, ווער האָט שטאַרקערע, איך צי זי? טאפט זיך איהרע און זיינע. און זי? צו בער'ן. און זי? טאפט בער'ס מוסקולען. נו, ווער פון אייך ביידע איז שטאַרקער?...

ו ו אַ נ ד ע.

אָבער זאָשע...

ז אָ ש ע.

הער אויף! אַנו, זאָגען זי, ווער איז שטאַרקער, הע, בער?

ב ע ר

דרעהט זיך די וואָנסעס.

איך ווייס נישט.

ז אָ ש ע

צו ליב'ן.

און פאַרוואָס ענטפערען זי נישט, זי שעמען זיך? צו וואנדען.
זעה, ווי ער איז רויט געוואָרען, און וואָס פאַרע גלאַנצענ-
דע אויגען ער האָט.

ו ו אַ נ ד ע.

אָבער זאָשע!

ז אָ ש ע.

האָב איך אַזאָרג. בעקוקט ליב'ן פון קאָפּ ביז פוס. זי האָבען
אַנייעם אַנצוג. נעהמט איהם אָן ביים קייטעל. און אַזילבערען
קייטעל. פון וועמען האָבען זי עס געקריגען? פון אַכלה,
יאָ?

ל י ב

שמייכעלט.

ז אָ ש ע.

זעה, וואַנדע, ווי ער שמעכעלט, טויזענד חן האָט ער. אין
דער שטיל. איך וואָלט איהם זיינע גלאַנצענדע אויגען אַרויס-
געקושט.

ו ו אַ נ ד ע.

אָבער זאָשע, געדענק אָן גאָט!

ז אָ ש ע

צו ליב'ן.

ווי אַלט זענען זי? האַ?

ל י ב

פערשעמט.

זאָשע.

איך אויף שבועות אַכטצעהן יאָהר, כלעבען.— פּויזע. און אַ כלה האָבען זי שוין, יאָ?

ליב

שמייכעלט, ענטפערט נישט.

זאָשע

צו בער'ן, ווייזט אויף ליב'ן.

ער האָט שוין אַ כלה, יאָ?

בער

קלאַפּט זיך מיט'ן האַנד אין כאַלעווע.

נישט איינע. געלעכטער.

זאָשע.

כאַ, כאַ, כאַ! זעה, וואַנדע, ווי ער שעמט זיך, ווי ער בע-האַלט די אויגען צו ד'ערערד, כאַ, כאַ, כאַ! צו ליב'ן. קומט'ס אהער, זעצט אייך דאָ אהער, מיט אונז, ביים טיש.

בער

צו ליב'ן

קום, לאָזען מיר זיך אַנידערזעצען. זעצען זיך נעבען טיש אבי-סעל אָבגערוקט.

זאָשע

רוקט זיך נעהנטער צו ליב'ן.

וואָס פאַר איינע איז איהנ'ס כלה, אַ בראָנעטקע צי אַ שאַטינ-קע? און וואָס גוסטירן זי, אין אַ בראָנעטקע, צי אין אַ שאַ-טינקע? הע? ליב שמייכעלט, ענטפערט נישט. צו בער'ן. הע, און וואָס פאַרע גוסטירט ער, אין אַ בראָנעטקע, צי אין אַ שאַטינקע?

בער.

ער גוסטירט אין אַלע. געלעכטער.

זאָשע

צו ליב'ן.

אַנו, זאָגען זי, איך בין אַ שען מיידעל? ווייזט אויף וואַנדען, ווער פון אונז איז שענער? פאַלט איהן בעסער אויס צו איהנ'ס גוסט? זאָגען זי?

וואנדע

מיט געלעכטער.

הער אויף. ליב שעמט זיך, לאזט אראב דעם קאפ.

זאשע

מיט פרייד.

זעה, ווי ער שעמט זיך... איך האב'ן ליעב... נו זאגט, וועלכע פון אונז ביידע וואלטען זי פאר א כלה געוואלט! זאגט, שעמט אייך נישט... ליב פארשעמט זיך.

בער

שמיאלע.

ער וואלט ביידע געוואלט. געלעכטער.

זאשע.

ער וואלט ביידע געוואלט, ניין... ביידע נישט, נאר איינע... מיך ווילט איהר פאר א כלה, זאגט, יא?

וואנדע.

זאשע, הער אויף.

זאשע.

יא, מיך ווילט איהר פאר א כלה, שעמט אייך נישט. הייבט איהם אויף דעם קאפ און קוקט איהם אין די אויגען. אנו, זאגט, איך געפעל אייך פאר א כלה?

ליב

מיט א פארשעמטען געלעכטער.

פארוואס נישט.

זאשע.

גוט, ווער איך אייער כלה... ווען וועט זיין די תנאים?

וואנדע.

מש געניגע זאשע, הער אויף, ווארום איך געה ארויס.

זאשע.

פארוואס נישט, ער געפעלט מיר. גיב נאר א קוק ווי ער שעמט זיך, ווי ער רויטעלט זיך... ווי ער שמייכעלט... איך וואלט איהם די אויגען אויסגעקושט...

וואנדע.

אבער זאשע!

זאָשע

צו ליב'ן.

נו גוט, זענען מיר שוין חתן כלה. שוין... אָבגעמאַכט...
נו, נעמען זי פון מיר דאָס פינגעריל און גיבען זי מיר
איהנ'ס קייטעל. גיבט איהם איהר פינגעריל.

וואנדע.

זאָשע!

זאָשע.

הער אויף. עס געפעלט דיר נישט, געה אַרויס! וואנדע לאַכט.
אַנו, נעהמען זי דאָס פינגעריל. שטופּט עס איהם אין האנד.

בער

שטופּט ליב'ן.

נעהם עס צו. ליב נעהמט צו דאָס רינגעלע.

זאָשע.

און יעצט גיבען זי מיר איהנ'ס קייטעל פון זייגעריל. ליב ווייגערט
זיך. און פאַרוואָס ווילען זי עס מיר נישט געבען? זי האָבען עס
פון א כלה, יאָ, דורך דעם ווילען זי עס מיר נישט געבען?

ליב

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

איך האָב עס נישט פון קיין כלה.

זאָשע.

און פאַרוואָס ווילען זי עס מיר נישט געבען? ליב נעהמט אראָב
דאָס קייטעל פון זייגער און גיט איהר.

זאָשע

בעהאלט דאָס קייטעל.

זענען מיר שוין חתן-כלה... און יעצט גיבען זי מיר א קוש.

די יונגען פּלאַצען ארויס מיט א געלעכטער.

וואנדע.

הער אויף.

בער

שטופּט ליב'ן.

קוש זי. מיט א געלעכטער. מיר וואָלט זי נישט געדאַרפט זאָגען
צוויי מאָל.

זאָשע.

אַז נישט וועל איך זי קושען, זי זענען שוין מיין חתן. די־

מיידען לאַכען.

וואַנדע

מיט א געלעכטער.

זאָשקע, זאָשקע.

ליב

מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

לאָז זי.

זאָשע.

לאָז זי, לאָז זי. פאַלט אַרויף אויפ׳ן און קושט איהם אויס די באַ־

קען. לאָז זי. קושט איהם. לאָז זי.

וואַנדע

ציהט אַוועק זאָשען.

זאָשקע, בעזין דיך.

בער

צו וואַנדען מיט קוראַזש.

זי האָט זעהר רעכט... פערגעסט זיך, כאַפּט אָן וואַנדען ביי די האַנד,

שטעקט אויס זיין באַק. קושען זי אויך.

וואַנדע

גיט איהם אַ קוק אָן שטרענג, דער יונג ווערט פערוּוירט, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ.

רוקט זי אָב אין אַ זייט. פון דער צווייטער שטוב הערט זיך אַ וואָרע, טריט קו־

מען אָן.

זאָשע, געדענק, מען געהט...

עס עפענט זיך אויף די טיר, עס קומט אַריין ר׳ אָשר גרויסגליק, ראָזע פאַר

איהם. מען זעהט אין די טהיר, ווי זי קושט דעם שווער די האַנד. איהר פאָטער

און מוטער אין יום־טוב׳דיגען אָנגעטהאָן געהען מיט רעספּעקט נאָך איהם פון

דערווייטענס. ליב און בער גיבען זיך מיט שרעק אַ כאַפּ צוריק, שטעלען זיך

אין אַ זייט ביי די טיר, פערקנעפּלען זיך די רעק.

ראָזע

פאַר׳ן שווער.

לאָז דער שווער ערלויבען... לעאָן וועט באַלד אַריינקומען.

איך געה שוין נאָך איהם, שווער. לויפט אַרויס.

פּאָטער

לויפט פאַראויס, רוקט אַרויס אַ שטול פאַר ר' אשר'ן, מאַכט גלייך דאָס טישטעך קעלבער-מעסיג.

מאַכט'ס פּלאַץ, מאַכט'ס פּלאַץ, פאַר ר' אָשר'ן...

ה' גרויסגליק

זעצט זיך זעהר לאַנגזאַם אַנידער. פערלעגט די הענד. דער גאַרקעכער שטעלט זיך פאַר איהם ברייט איהם צו בעדיענען, די גאַרקעכערען נאָך איהם, האַלט זיך פון דערווייטענס.

ה' גרויסגליק

זעהר גערירהרט.

און וואו איז מיין זוהן לעאָן?

גאָרקעכער.

לעאָן... לעאָן... באַלד, הער גרויסגליק, באַלד. לעאָן... לויפט אַרויס, נאָך איהם זיין ווייב.

ה' גרויסגליק

דערזעהט זיינע טעכטער.

אַך, מיינע טעכטער. קרעכצט. קומט'ס אַהער צו מיר, מיינע טעכטער. וואַנדע און זאַשע געהן צו צו איהם, ראָזע פיהרט אַריין לעאָנ'ען, וועלכער בלייבט שטעהן ביי די טהיר, גרויסגליק דערזעהט איהם, שפּרייט אויס די הענט מיט אַ פּאַטאָס. קום, מיין זוהן, אין דיין פּאָטער'ס אָרימ'ס.

לעאָן.

פּאַפּאַ. חיל זיך וואַרפען אין זיינע אָרימ'ס, בלייבט אָבער צוריק מיט טרעהרען. פאַרוואָס איז פּאַפּאַ אַהערגעקומען? פאַרוואָס? לויפט אַרויס מיט געוויין פון שטוב.

ראָזע

מיט אַ געמאַכט געלעכטערעל.

זעהט איהר, שווער... שטענדיג האָט מען מיט איהם אַזוי צו טהאָן... אַ איינגעשפּאַרט קינד איז דער לעאָן... איך ברענג איהם באַלד אַריין. לויפט אַרויס נאָכ'ן.

פאַרהאַנג.

דריטער אַקט.

דאָס זעלבע צימער ווי אין ערשטען אקט, עס איז בעגען אבענד. די שטוב ביי ר׳ אָשר גרויס־בליק איז אנדערש צוגערוימט, בעשטעלט מיט נייע מעבעל. ביליגע ווינער סעצעסיע, וועלכע פאסען נישט צו מיט דעם גאנצען שניט פון די שטוב. א טעכניק ציהט אריין עלעקטרישע דראָ־טען, און פערשיעדענע קיילעכדיקע לאמפאנען און לאָמפען און טונקעטען, וועלכע זענען צעווארפען איבער׳ן צימער אין פערשיעדענע קאָלירען אהן געשמאק, רעקלאמענמעסיג. נעבען איהם רוזע, וועלכע ווייזט איהם, וועלכע לאמפאנען אנצוהעפטען, זיער העלפט מיט זאשקע, נאך זיי איהר פאטער און מוטער.

PRESENTED TO
THE ZIONIST HALL LIBRARY OF
CAPE TOWN
IN MEMORY OF THE LATE
ISRAEL JACOBSON OF MAITLAND.

וָאשקע.

אַזוי, לאָז יעצט די שוועגערין ביים שפּיגעל הייסען אַרומ־מאַכען. קוקט זיך אוּם. אַך, ווי די שטוב זעהט יעצט אויס. פּאַטשט זיך אין די הענד. גאָרנישט צו דערקענען. וואַנדע, מי־טע וועלען דאָס דערזעהען?

פּאָטער

צו זאָשקען.

וועט שען זיין... הא... חייזט אויף די טאָכטער. קען זיך אויף אַזעלכע זאַכען... ווי, געדענקסט דו, ראָזע, מען האָט גע־זעהען אין די גרויסע שטאָדט דעם גרויסען רעסטאָראַן— אַלערהאַנד קאָלירען, רויט, בלאָה, גרין. צו ראָזען. ווסט דו אויך אַזוי לאָזען מאַכען? ראָזע ענטפערט נישט.

מוטער.

מען וועט דיר שוין שפּעטער פערצעהלען; אַז עס וועט פאַרטיג זיין, וועסט דו זעהען.

פּאָטער.

האָב נישט קיין מורא, איך קען מיך אויף די זאַכען, בין פערציג יאָהר אַ רעסטאָראַטאָר געווען... נישט איינמאָל האָב איך אַזעלכע לאַמטערן אויפגעהאַנגען פאַר אונזער רעסטאָ־ראַן, ווען די שררה, ווען דער נגיד האָט ביי אונז חתונה געמאַכט. איך בין עקסטרע נאָך וואַרשע געפאָהרען נאָך פייערווערק.

ראָזע.

טאַטע, אַריין... מאַמע, אַריין... איהר האָט נישט אייער צי־מער? וואָס דרעהט איהר זיך דאָ אַרום און פּלוידערט?

פּאָטער.

באַלד, ראָזע־לעבען, איך וויל נאָר זעהן ווי דער עלעקטריק וועט זיך אָנצינדען, ווי דאָס וועט אָנהייבען צו לייכטען.

ר אָ ז ע.

אָבער שווייגט׳ס...

מ ו ט ע ר

צום דעם פאָטער ביים ארבעל.

שווייג...

ז אָ ש ע

חייזט אויפ׳ן אָרון.

און יעצט, שוועגערין, וועט מען דאָס אַרויסשטעלן. ריהרט אָן דעם אָרון.

פ אָ ט ע ר, מ ו ט ע ר

מיט שרעק צו זאָשען.

חלילה, דער רבי, רב נתנ׳לס אָרון-הקודש, ביי וועלכען ער האָט געדאַוועט.

ז אָ ש ע.

אָבער יעצט דאַוועט דאָך שוין קיינער נישט דערביי.

מ ו ט ע ר

מיט עהרענהאַפט צו זאָשען.

זיין זכות שטעהט אונז ביי, פריילין... אַ גרויסער צדיק געוועזן. אַהין-הילפיג. ראָזע.

ר אָ ז ע

צו זאָשען.

ניין, שוועגערין, דאָס איז דעם זיידענ׳ס אָרון-הקודש. דאָס וועט מען נישט אַרויסשטעלן.

פ אָ ט ע ר

צו זאָשען.

אַ גרויסער צדיק געוועזן, פריילין. מיר ווייסען, ווער ר׳ נתן איז געוועזן. אידען האָבען זיינע פערד אויסגעשפּאַנט און אין זיין וואָגען זיך איינגעשפּאַנט, ווען ער איז אין שטאָדט אַריינגעקומען. מיר ווייסען, ווער ר׳ נתן איז געוועזן.

ז אָ ש ע.

וואָס איז ער געוועזן, אַ רב אַזעלכער? יאָ?

מ ו ט ע ר.

אַ גרויסער צדיק, אַ גרויסער. זיין זכות זאָל אונז ביישטעהן.

זאָשע.

איך ווייס נישט. צו ראָזען. ווען זיך דער עלעקטריק שוין ברענען?

פּוטער

צו זאָשען.

אַז ער האָט אויף ווען די האַנד אַרויפגעלעגט, איז ער געבענטשט געוואָרען אויפ'ן גאַנצען לעבען — ווער עס האָט זיין ראַק אָנגעריהרט...

ראָזע.

אונזער זיידע.

זאָשע.

איך וועל אַרויסגעהן זעהען, אויב עס לייכט זיך שוין.

לויפט אַרויס, אין אַ קליינע ווילע צינדען זיך אָן אַלע לאַמפּאַנען, זאָשקע קומט אַריינצולויפען. דער עלעקטריק... פון די איבריגע צימער קומען אַרויס דער הער גרויסגליק, וואַנדע מיט די ווערטער אויף די ליפּען. דער עלעקטריק האָט זיך ביי אונז אָנגעצונדען.

דערזעהען פערשיעדענע קאָלירטע לאַמפּאַנען, ווערען ערשטוינט.

פּאָטער

פון דערווייטענס צו ה' גרויסגליק.

זעהט, פּאַניע גרוי... נו, מחותן, מיין טאַכטער ווייסט ווי איינצואָרדענען אַ סאַלאָן, הע. מיר האָבען פאַר גרויסע הערשאַפטען...

ראָזע.

טאַטע, ווערסט אפשר טהע טרינקען? דאָס ווייב צופּט איהם ביים אַרבעל, צום שווער. אָך, דער שווערן גוטען אָבענד, זוען יעצט ליכטיג זיין אין הויז, נישט וואָהר?

ה' גרויסגליק.

אָבער... אַזוי שרייענד... אַזוי פיעל קאָלירען...

ראָזע.

איז דאָך שענער, נישט וואָהר, זאָשקע?... צו וואַנדען. נישט וואָהר, שווענערין? אַזוי. ווייזט אויף די וואַנד. און דאָ וועלען נאָך קומען אַנדערע בילדלעך, נישט די מיט אַלטע ראַמען.

(יחוס 5.)

קריכט ארויף אויף אַ שטול, נעהמט אַראָב איינינע פאמיליען־פּאָרטרעטען, אַלטע דאַמען און הערען. אַך, ווי פיעל ווערעם... גאָט ווייסט, ווי לאַנג דאָס איז שוין נישט געריינינט געוואָרען. מאַמע, מאַמע, רוף אַריין די דינסט מיט'ן האַנדטוך...

ה' גרויסגליק.

הויבט אויף די בילדער.

אָבער מאַדאַם, טאָכטער, עס איז דאָך אונערהערט... די פאַמיליען־בילדער!

ראָזע.

אָבער שווער־לעבען, זיי מאַכען דאָך ווערעמדיג דאָס גאַנצע צימער... און עס איז דאָך נישט דעם זיידענס רבי נתנ'ס בילד... ווייזט דעם שווער אַ בילדעל פון גלאָז. אָט דאָס וועט קומען אויף דעם אָרט, דאָס גלעזערנע לאַנדשאַפט מיט די דייטשע בוכשטאַבען. לאָז נאָר דער שווער זעהן, ווי שען עס וועט אויסזעהן... האַנד־אַרבייט... דאָ וועט נאָך בעפּוצט ווערען מיט דעם פאָכער אַזוי אויף דער זייט, און אויף דער זייט... די דינסט קומט אַריין מיט'ן האַנדטוך. גוט אויסווישען... גוט... ווער ווייסט, ווי לאַנג שוין עס איז נישט געריינינט געוואָרען. צום שווער. זעהט, שווער, וועט שען זיין?

ה' גרויסגליק:

איך ווייס נישט, טאָכטער, קען מיך נישט אויף דעם.

פּאָטער:

דער מחותן קען זיך פערלאָזען: זי האָט שוין איינמאָל אַ גוסט ווייזט אויף דעם לאַנדשאַפט. מעג זיך דער מחותן צו קוקען צו דעם. האָט עס ביי אונז פערפאַלען געלאָזט אַ גאַסט פאַר דריי נאַכט־לעגער.

ה' גרויסגליק.

קען שוין זיין... קען שוין זיין...

ראָזע.

צום פאָטער.

וועסט אפשר, טאַטע, טהע טרינקען?

מוטער.

ציהט דעם פאָטער ביים אַרבעל.

שווייג. צו די דינסט, וועלכע ווישט אויס דאָס בילד פון רבי נתנ׳ען. מיט איהרע גוי׳שקע הענד דעם רבי׳ס בילד. צו די טאָכטער. טאָכטער, דעם רבי׳ס בילד!

ר אָ ז ע.

בעהמט דאָס האַנדטוך פון די דינסט און ווישט אַליין אויס דאָס בילד זעהר פאָרזיכטיג.

מ ו ט ע ר.

קרעכצט.

גרויסע רבנים, גרויסע רבנים, זייער זכות זאָל אונז ביישטעהן.

פ אָ ט ע ר.

צום מחותן.

מיר ווייסען, ווער רבי נתן איז געווען. אַ גרויסער רב, אַ גרויסע רב. צו זאָשקען און וואַנדען, וועלכע קוקען איהם פערוואונדערט אַן. די פערד האָבען אידען אויסגעשפּאַנט און... אַ גרויסער רב געווען... אַ גרויסער רב געווען. צום ה׳ גרויסגליק. מיר ווייסען, מחותן.

ר אָ ז ע.

אָנהענגענדיג די בילדלעך.

דער שווער וועט זעהן, ווען אַלעס וועט פאַרטיג ווערען, ווי שען דאָ וועט זיך מאַכען... עס וועט זיין אַ פערגעניגען אַריינצוקומען. היינט האָבען מיר דאָך בעזון... די סוחרים פון לאָדז קומען היינט אין אָבענד ענדיגען דעם קאָנטראַקט אויף אַ יאָהר טראַנספּאָרט, וועט דער שווער זיין דערביי?

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק

בעהמט צוזאַמען די אַלטע בילדער, וויל זיי אַריינטראָגען צו זיך אין צימער.

אָ, ניין... אָ, ניין, מאַך דו אַליין אָב מיט זיי... לאָז לעאָן זיין דערביי... איך קען מיך נישט אויף אַזעלכע זאַכען.

ר אָ ז ע

בײ דער ארבייט.

עס מאַכט נישט אויס... איך וועל שוין רעדען מיט זיי, נור דער שווער מוז דאָך זיין דערביי... עס וועט מעהר פער־גינעפטיגער אויסזעהן, זיי וועלען מעהר צוטרויען האָבען, און די שוועגערין וואַנדע וועט דאָך אַזוי גוט זיין פּיאַנאָ שפּיעלען פאַר די קויפלייטע, ווען מיר וועלען זיי דאָ אין

עס-צימער אויף טהע פערבעטען. עס זענען דאָ גרויסע לייט. האנדלען אין די טויזענדער, און דער אָבנאהם אויף א גאַנץ יאָהר.

ה' גרויסגליק.

ניין, טאָכטער, פערזאָרג דאָך ליעבער דאָס אַליין... נעהם צו לעאָנ'ען... איך קאָן נישט רעדען מיט זיי...

ראָזע.

אָבער שווער... פאַר'ן שווער, פאַר'ן ה' גרויסגליק וועלען זיי דאָך מעהר דרך-ארץ האָבען... מעהר צוטרויען... איבעריגענס איז דאָך לעאָן היינט אין פאַבריק... ביים אויסצאָהלען... און דאָ איז שוין אַזוי שפעט, מען מוז דאָך צואיילען, און דאָס קאַבינעט? איז שוין דאָס קאַבינעט אין אָרדנונג? מאַמע, מאַמע, רוף אַריין די דינסט... עס מוז דאָך אַנשטענדיג אויסזעהן... שוועגערינס, פריילין וואַנדע... זאָשע, וואָרום העלפט איהר מיר דען נישט צו... ביטע, ביטע העלפען זי דאָך מיר... צו די דינסט אין טהיר. איז דאָס קאַבינעט אין אָרדנונג?

דינסט

ווייזט אויף מאַמא'ס צימער.

מען קען דאָך דרינען נישט אַריינגעהן.

ראָזע.

פאַרוואָס קען מען דען נישט אַריינגעהן?

דינסט.

דאָס פריילין זאָגט... איך ווייס... איך האָב מורא...

וואַנדע.

אָבער שוועגערין... ווייזט אויף די טהיר.

ראָזע.

נאַרישקייטען, פאַרוואָס האָט איהר דען מורא? וועט עטץ זעהען וועל איך אַריינגעהן אין צימער און וועל גאָרנישט קיין מורא האָבען. זי געהט אהין צו דער טהיר, אַלע קוקען איהר נאָך מיט שרעק און נייגעריגקייט.

ה' גרויסגליק.

אָבער טאָכטער... דאָס קען דאָך נישט זיין... דאָרט אַהין... טאָכטער, וואָס טהוסט דו?

מוטער.

טאָכטער לעבען, איך וואָלט דיך אויך געראָטען... מיט יענע „לייט" לאָז געמאַך...

פּאָטער.

שווייג, שווייג, זי ווייסט בעסער וואָס זי האָט צו טהאָן.

ראָזע

נעהמט איין דעם שווער.

שווער, עס איז דאָך נאָר אַ איינרעדעניש, פאַרוואָס האָט עטץ דען מורא? די וו הנונג איז אַזוי לאַנג לעער געשטאַנען.. צופיל צימערן פאַר לעבעדיגע, האָבען זיך די טוידטע דערווייל אַריינגעצויגען... מען דאַרף די צימערן פאַר די לעבעדיגע צו האָבען... שווער, אָבער עס איז דאָך נור אַ איינרעדעניש. אָט אַזוי, לאָז דער שווער דאָ זיצען *זעצט דעם שווער אַנידער אויף אַ שטול.* און איך וועל מיר דאָ אַריינגעהן. *געהט אַריין אין מאַמאַ'ס צימער.*

ראָזע

עפענט די טהירען פון מאַמאַ'ס צימער ברייט, אַלע שפּרינגען אַפּ, פון דרינען שיינט אַרויס ליכט.

זעהט'ס, און דאָ איז אויך דער עלעקטריק אַריינגעדרונגען. *געהט אַריין.* אַה, ווי פאַרשטויבט דאָ איז!

ה' גרויסגליק

נעהמט צוזאַמען די אַלטע בילדער.

מיר איז גאַנץ גלייך, טהוט וואָס איהר ווילט... לאָזט מיך צו־רוה. *געהט פלינק אַב מיט די בילדער צו זיך אין צימער.*

ראָזע.

קומט צוריק אַרויס.

אַך, איז דרינען שטויב, שפּינוועבס אָנגעוואַקסען! גאַנצע פוהרען, גאָרנישט ריין צו דערוואַשען. מאַמע, רוף אַריין דעם לאָקיי, די דינסטען, און קום מיט אַריין מיטהעלפען. וועט דאָ זיין אַרבייט... טאַקע קום אויך מיט. *די עלטערן מיט די דינסטען אַב נאָך ראָזען מיט בערשטען און האַנדטיכער אין מאַמאַ'ס צימער.*

זאָשע.

זי איז אַריינגעגאַנגען.

וואַנדע.

קום, לאָז מען הערען וואָס דרינען טהוט זיך. געהען צו דער טהיר, האָרכען זיך איין.

זאָשע.

גאָרנישט, זיי שאַרן די פּאָדלאָגע.

וואַנדע.

און זיי האָבען פאַר גאָרנישט קיין מורא. עפּענט אויף אַ שפּאַלט. און זעה, ליכטיג איז דרינען... זי פערברייטערט די שפּאַלט און קוקט אַריין.

בער

פיהרט אַריין ליב'ן.

קום אַריין, ברודער, האָב קיין מורא. אַז מען האָט דיך געהייסען אַריינקומען, פרעג נאָך קיינעם.

ליב

מיט שרעק.

ראָזע נישט דאָ?

בער.

דו האָב קיין מורא. דערזעהט דאָס פריילײן זאָשע, פערנייגט זיך שעהן. שענעם גוטען אָבענד, פריילײן. ווייזט אויף ליב'ן. ער האָט מורא.

ליב

מיט שרעק ארומקוקענדיג זיך.

ראָזע נישט דאָ?

בער.

נישט דאָ, נישט דאָ!

זאָשע.

פאַרוואָס האָסט דו מורא, ליב? האָב קיין מורא, מען וועט זיי נאָך היינט זאָגען, אַז מיר זענען חתן־כלה.

בער.

הערסט, וואָס מען זאָגט דיר? קלאַפּט אויפ'ן פּלייצע. האָב קיין מורא, מיר זענען דאָ.

ליב

פערשעמט.

לאָז דאָס פריילײן נישט שפּעטען.

זאָשע.

גאָרנישט אויף קײן געלעכטער, אַנ'אמת, מיר זענען דאָך שוין חתן־כלה.. אָט גײ איך זי שוין אַרײן זאָגען.

בער

קלאַפּט איהם אויפ'ן פּלײצע.

אַז מען זאָגט דיר, גלויב, ברודער.

ליב

מיט שרעק.

אָ, נײן, נײן! לאָז דאָס פריילײן נישט זאָגען. בעדענקען זי אין גאָט, ראָזע וועט בייז זײן.

זאָשע.

נײן, פאַרוואָס זאָל זי בייז זײן? דו ביזט דאָך איהר קוזין, און איך בין דאָך איהר שוועגערין.

ליב.

אָבער דאָך... גרויסגליק'ס טאָכטער.

זאָשע.

גײ שוין... עס מאַכט נישט אויס... און לעאָן איז דאָך אויך מײן ברודער, און ראָזע איז דאָך דײן קוזינע.

בער.

אונזער קוזינע.

ליב.

ראָזע איז עפּעס אַנדערש.

זאָשע.

גײ, עס איז נישט קײן חלוק... אַלעס אײנס...

בער.

נישט קײן חלוק, זאָגט מען דיר... אַלעס אײנס...

זאָשע.

אָט גײ איך שוין אַרײן צו איהר, איך װעל עס איהר זאָגען, װעסט זעהען װי זי װעט זיך פרעהען...

ליב

מיט שרעק.

אָ, ניין, נאָך נישט יעצט... שפּעטער... שפּעטער, איך האָב מורא...

בער.

שווייג, אז מען זאָגט דיר, אז דו זאָלסט קיין מורא האָבען — האָב קיין מורא.

זאָשע.

אָבער געהט'ס יעצט אהיים, טהוט זיך איבער די שבת'דיגע אָנצוגען, און קומט'ס אהער, באַלד אהער. איך וועל מיך אויך שוין אָנטהאָן, און ווען זיי וועלען דאָ אַלע אַרום זיצען ביים טיש, וועלען מיר פּלוצלונג אַריינקומען און מיר וועלען זיך פאַר חתן־כלה פאָרשטעלען, ווערסט זעהן ווי זיי וועלען זיך פרעהען. געהט, טהוט אייך שען אָן, ס'האָט געהערט?

בער.

געהערט, פרייליין, אַלעס זיין אין אָרדנונג.

זאָשע.

נו, געהט'ס פלינקער... איך געה מיך אויך איבערטהאָן...

בער

צו ליב'ן.

קום, ברודער... אַלעס זיין אין אָרדנונג. געהען אַב, טרעפען זיך אין טהיר מיט די

טאַנטע

וועלכע איז פיין אָנגעצויגען, קוקט דורך א פענסנע אויף די יונגען מיט אבשיי.

אויך דאָ, שוין דאָ.

די יונגען

טרעטען אַב פאַר איהר, פערנייגען זיך און לאָזען זי אריין.

בער

מיט רעספּעקט פערנייגט זיך.

שענעם גוטען אָבענד, מאַדאַם. שטופּט ליב'ן. האָב דרך־ארץ פאַר אַ מענש, זאָג גוטען אָבענד. געהן אַב.

ט אַ נ ט ע

קומט אַריין אין שטוב, קוקט זיך אום, דערקענט נישט דאָס צימער.

האָבען זיי זיך דאָ אַריינגעצויגען... האָבען זיי זיך דאָ אויסגעשפּרייט, ה-מ-מ-ם... זעהט נאָר אַמאָל, ווי זיי האָבען דאָ געמאַכט?

ז אָ ש ע

דערזעהט די טאַנטע, מיט פרייד לויפט צו צו איהר.

ווייסט די טאַנטע, איך האָב די טאַנטע עפּעס וואָס צו זאָגען.

ט אַ נ ט ע

אַרומקוקענדיק זיך אין צימער.

וואָס אַזוינס, אַזעלכעס?

ז אָ ש ע.

לאָז מיר די טאַנטע גראַטולירען, איך ווער היינט אַ כּלה.

ט אַ נ ט ע.

אַ כּלה, אַזוי? מיט וועם דאָס?

ז אָ ש ע.

איך ווער היינט אַ כּלה. מיט איינעם... איך וועל די טאַנטע נישט זאָגען, עס איז אַ סוד... באַלד, באַלד וועט עס די טאַנטע געוואָהר ווערען. קען זיך אָבער נישט איינהאַלטען. ווייסט די טאַנטע מיט וועם? מיט איינעם פון זייערע.

ט אַ נ ט ע.

פערוואונדערט

אַזוי, מיט וועמען דאָס?

ז אָ ש ע.

איך וועל די טאַנטע נישט זאָגען. לויפט אַרויס.

ט אַ נ ט ע.

אַזוי האַלט עס שוין גאָר! אַריינגעקראָכען... אַריינגעקראָכען אין דער משפחה, הייסט עס, אָ-וואָ, מיט ביידע פיס, ווי מען זאָגט דאָס.

ר אָ ז ע ׳ ס מ ו ט ע ר.

געהט אַרויס פון מאַמאַ׳ס צימער, מאַכט פון זיך דעם שטויב אָב.

אַ ביסעל אַרבייט דאָ דרינען געווען, אַ ביסעל שטויב! קלאַפּט

זיך אַב די הענד. אַזעלכעס נישט געווען. דערזעהט די טאַנטע, ווערט פערשעמט, לאָזט אראָב דעם קאָפּ. אַ שענעם גוטען אָבענד, בעל־הבית׳טע לעבען, זאָל איך אַריינרופען מיין טאָכטער? רופט: ראָזע, געסט זענען געקומען.

טאַנטע.

ניין, מען דאַרף נישט. אַהאַ, נו, פאַני גאָרקעכערין, ווי פיהלט איהר זיך דאָ? בעסער ווי אין דער שענק, נישט וואָהר?

ראָזע׳ס מוטער.

מיט אַ געלעכטעריל

אָ, געלויבט צו גאָט, מיין טאָכטער. ראָזע חייזט זיך אין טהיר, די טאַנטע בעמערקט זי נישט.

טאַנטע.

פיהלט זיך דאָ ווי אין דער היים, די גאָרקעכער׳ס. ס׳שאַרט׳ס... ס׳קעהרט... אַ לעבען זיך דערלעבט די גרויסגליק׳ס.

ראָזע׳ס מוטער.

מיט אַ געלעכטעריל.

הם... הם... זי זאָלען מיר געזונד און שטאַרק זיין... מיין טאָכטער... ווייזט אויף ראָזען אין טהיר, לויפט אַב אין קיך־צימער מיט אַ שמייכעלע.

טאַנטע.

דערזעהט ראָזען.

אַ, אַ גוטען אָבענד!

ראָזע.

גוט יאָהר. צו די מוטער ביים טהיר. מאַמע, מאַמע, בלייב, נישט־קשה, די גאָרקעכער׳ס פיהלען זיך גאַנץ גוט אין גרויסגליק׳ס הויז... זיי האָבען גאַנץ גוט בעצאָהלט דערפאַר... צו די טאַנטע. און זי, דאַכט זיך, האָבען אויך נישט צוגעלעגט צו די גאָרקעכער׳ס... איהר׳ס חלק געקריגען אויסגעצאָהלט, פון געשעפט אַרויס מיט פראָצענט... און פאַר׳ן שדכנות אויך... אַ גוטען ביין אָבגעלעקט פון די גאָרקעכער׳ס, הע, נישט וואָהר?... זיי האָבען זיך נישט צו קלאָגען אויף די גאַרקעכער׳ס...

טאַנטע.

מיט אַ געמאַכט שמייכעלע.

גלאַט אַזוי... וואָס האָב איך דאָס געוואָלט זאָגען... איז דער שוואָגער נישט אין דערהיים?...

ראָזע.

אקצענטירענדיג.

מיין שוועה, ה׳ גרויסגליק, איז ביי זיך אין צימער... קום, מאַמאַ. אַבגעהענדיג רופט זי אריין אין צווייטען צימער. שוועה, שוועה, איהר האָט בעזוך. אין די איינגאַנגס-טהיר ווייזט זיך לעאָן, אין די הענד רעכען-ביכער, אַ בלייפעדער אונטער׳ן אויער, פערטהאַן, אַבגעמאַטערט פון די ארבייט. אַ, לעאָן איז דאָ... ווי מ׳עד דו מוזט זיין? מאַמע, געה נאָר אין קיך אַריין, זעה, אַז דאָס עסען זאָל זיין פאַר לעאָנ׳ען, דו מוזט דאָך הונגעריג זיין... פון מיטאָג אָן גאָרנישט אין מויל געהאַט. ווישט איהם אַב מיט׳ן טיכעל דעם שווייס פון שטערן. אָך, ווי פערשוויצט דו ביזט... האָסט נעבעך געמוזט האָבען אַ שווערע ארבייט מיט די אַרבייטער׳ס ביים אויסצאָהלען, הע?

לעאָן.

קרימט זיך.

וואָס האָט עטך מיר איינגעשפּאַנט אין אַ פאַבריק, אַז איך זאָל מיט אַרבייטער צו טהאָן האָבען? וואָס ווילט עטך פון מיר? ווארפט די ביכער אויפ׳ן טיש.

ראָזע.

נו, נו, קינד-לעבען... נישט אויפגערעגט... ווער דען זאָל זיין ביים אויסצאָהלען? ווער דען זאָל זיך מישען אין געשעפט, אַז נישט דו? זעה, דער פאָטער. ווייזט אויף ה׳ גרויסגליק, וועלכער קומט ארויס פון זיין צימער. קען זיך דאָך נישט מישען אין געשעפט. דער שוועה אויף זיינע יאָהרען, און קיינמאָל נישט מיט דעם צו טהאָן געהאַט... דו ביזט דאָך דער איינציגער... דער איינציגער מאַנספערזאָן אין הויז. צום שוועה. נישט וואָהר, שוועה, דער שוועה קען זיך דאָך נישט מישען אין געשעפט... פערשטעהט זיך דאָך נישט אויף אַזעלכע זאַכען.

ה׳ גרויסגליק.

נאָר מיך לאָזט צורוה. טהוט אייך וואָס איהר ווילט... איך קען מיך נישט אויף אַזעלכע זאַכען.

ראָזע.

זעהסט דו

לעאָן.

אָבער איך קען דאָך אויך נישט, וואָס האָט איהר מיך איינגעשפּאַנט!

ראָזע.

איינציגווייז... איינציגווייז, לעאָן לעבען, וועסט דו זיך אויסלערנען... זעהסט, צייט דו האָסט זיך אָנגעהויבען אין געשעפט צו מישען, האָט דיר דער קאָפּ אויפגעהערט ווערע צו טהאָן. זעהסט דו, ביזט שוין נישט אַזוי אויפגערעגט... ליעבליך. אַ יונגערמאַן מוז אַ בעשעפטיגונג האָבען, מוז נעבען וואָס אַרומגעהן, פערגעסט ער פון אַלע נאַרישקייטען. אבגעהאקט. האָסט דו געזעהן די לאָדזער סוחרים? נו, וואָס פאַרע בילאַנס איז היינט?

לעאָן.

מיט הונדערט פוד מעהר ווי די פאָריגע וואָך... און די סוחרים וועלען קומען היינט, זיי האָבען די פאַבריק בעזוכט... אָבער, ראָזע... נאָך אויסלאַנד וועט מען פאָהרען, ווען עס וועט זיך נאָר אַ ביסעל שטילער מאַכען אין געשעפט?

ראָזע.

אודאי וועט מען פאָהרען, זומער, אי״ה, אין באָד אַריין, נאָך קאַרלסבאַד, וואו אַלע פאָהרען... זעהסט דו, אַז מען גיט אַכטונג אויפ׳ן געשעפט, געהט עס טאַקע בעסער. מיט הונדערט פוד מעהר... די וואָך... וואויל... וואויל... צום שווער. און דער שווער וועט אויך מיטפאָהרען אין באָד אַריין... נישט וזאָהר, שווער? מיט הונדערט פוד מעהר. רופט אין צווייטען צימער. מאַמע, מאַמע, גרייט צום טיש, פאַר לעאָן... ביי אונז אין שטוב.

הי גרויסגליק

שמייכלענדיג מיט דער טאנטע.

וואָס האָסט דו געזאָגט?

ראָזע.

אין באָד אריין... וואו אהין פלעגט פאָהרען דער שווער מיט די שוויגער, עליה־השלום, נאָך קארלסבאַד?

הי גרויסגליק

רעדענדיג מיט דער טאנטע ווארפט אריין א קוק.

נאָך אָסטענדע.

ראָזע.

נאָך אָסטענדע... נו, עס איז נאָך צייט צו רעדען דערפון. די *מוטער לויפט פארביי איבער די סצענע מיט'ן עסען צו לעאָנ'ען אין צימער.* נו קום, לעאָן, די מאכע גרייט שוין צום טיש... נאָך אָסטענדע, מיר וועלען אויך פאָהרען נאָך אָסטענדע... מיט הונדערט כּוד מעור... די כוהרים קומען היינט. *אב מיט לעאָן אין זיין צימער רעדענדיג פון געשעפט.*

טאנטע.

נו, נו האָט זי פון איהם א מענש געמאכט... בעשעפטיגט זיך אין פאבריק, איז ביי אויסצאָהלען, ווייסט פון א בילאנס, וואָלט דאָס דער שוואָגער געגלויבט אמאָל?

הי גרויסגליק.

עס איז מיר גאנץ גלייך, זיי זאָלען נאָר מיך צורוה לאָזען. *חייזט אויף דער וואנד.* האָבען די בילדער אראָבגעוואָרפען. *חייזט אויף מאמא'ס טהיר* איהר בעט ארויסגעשטעלט.

טאנטע.

אריינגעקראָכען דאָ... גוט, אריינגעקראָכען. נו, וואָס וויל דער שוואָגער? פערנעהמט זיך מיט'ן געשעפט, פון אלעס געמאכט א לאַד, די חובות אויסגעצאָהלט, די פאבריק ווייטער געלאָזט... יעצט איז דאָך כאָטש א שטיקעל ליכט אין שטוב דאָ... ליכטיג, א דינסט דאָ, נו? צום שלעכטען האָב איך דעם שוואָגער נישט צוגערעדט... דאָס הויז פון אונזער זעעליגען גרויספאטער גרויסגליק. *זוכט אויף דער וואנד דאָס בילד, קרעכצט אב.* זאָל נישט צו גרונד געהן... זאָל אין אנדערע הענד,

זאָל קיין אַנדערן נאָמען נישט איבערנעהמען, דאָס איז נאָר געוועזן מיין מיין, דאָס איז געוועזן מיין גאַנץ שטרעבען, אַזוי וואָהר זאָל מיר גאָט העלפען...

ה׳ גרויסגליק.

דאַנקען גאָט, אַז איך בעדאַרף מיר שוין נישט יעצט אין די אַלע געשעפטען מישען, מיט די אַלע לייט צו טהאָן האָבן. מיט די פּאַפּיערען... מיט די רעכנונגען... גאָט מיינער, ווי אונגליקליך איך בין געוועזן... אָבגעפּטרט זיך פון אַלעם... זאָלען זיי זיך דאָרט טהאָן. ווייזט אויף לעאָנ׳ס צימער. וואָס זיי ווילען... אַבי זיי זאָלען מיך רוהיג אין מיין צימער לאָזען... אין מיין גאָרטען מיין שפּאַציר מאַכען. אַ, דאָס איז ווירקליך געוועזן אַגערעכטע זאַך... איינע זעהר טיכטיגע פרוי... די פרוי שנור, איינע טיכטיגע פרוי...

טאַנטע.

נישט וואָהר? און די פאַבריק געבעסערט... מען רעדט דערפון אין שטאָדט. קרעכצט אָב, ארומקוקענדיג זיך. אָבער זיך דאָ אויך אַריינגעצויגען מיט די גאַנצע. איראָניש. „פאַמיליע", מיט „פאַטער" מיט „מוטער".

ה׳ גרויסגליק.

אָנגענעהמע לייט.

טאַנטע.

אַזוי... נו, יאָ, דאָס איז וואָהר, פראָסטע מענשען... זיי ווייסען זייער אַרבייט... אָבער מיט זייער געשמאַק, מיט זייער האַלטען, אין קיין אַנשטענדיגע געזעלשאַפט קען מען זיך דאָך מיט דעם נישט ווייזען. זי ווי זי, אָבער די פאַמיליע... און דאַן ווי זיי האָבען דאָ דאָס צימער איינגעאָרדענט. קוקט זיך אום. רעסטאָראַציאָנס-אַרטיג, מיט די פאַפּיערענע בלומען, און די פאַלמען... און די פאַרצעלאַנענע הינד דאָ... אַזוי קליין-בירגעריש... אַך, גאָט...

ה׳ גרויסגליק.

יאָ, דאָס איז אונאָנגענעהם... אָבער... לאָזען זיי זיך מאַכען וואָס זיי ווילען אין זייער צימער... לאָזען זיי מיך נאָר צופרידען לאָזען...

ט אַ נ ט ע.

אָ, ניין... די גאָרקעכער׳ס מוזען זיך פיהרען לויט׳ן געשמאַק פון די גרויסגליק׳ס, ווען זיי זענען אין די פאַמיליע אַריינקומען, נישט די גרויסגליק׳ס צו די גאָרקעכער׳ס... און דאָס איז נאָך גאָרנישט, אַז זיי האַלטען זיך גאָרנישט פון דערווייטענס... טיעף אין דער פאַמיליע אַריין... *געהיימניספאָל.* האָב איך געהערט יעצט אַ זאַך!... איך וויל עס פערשווייגען דעם שוואָגער... האָט שוין נעבעך אַזוי אויך גענוג, פון די אָט. *קוקט איהם אָהן מיט בעדויערן.* אונזער פאַמיליע, גאָט, ווי גרויס די שאַנד איז... און ווי שמערצט עס דאָ, *ווייזט זיך אויפ׳ן הארץ.* קען עס נאָר איינער פיהלען? אָבער נישט יעצט דערפון, מיט גאָטעס הילף, וועט עס זיך נאָך לאָזען מאַכען... מען מוז נאָר בעצייטענס פון דערווייטענס זיך האַלטען פון די שלעכטע וואָרצלען.. זיי קענען, חלילה, דעם גאַנצען שטאַם אונזערן פערדאַרבען, דעם שטאַם פון אונזער זעעליגען גרויס-פאָטער.

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק

שאָקעלט מיט׳ן קאָפ.

אונזער זעעליגען גרויס-פאָטער.

ט אַ נ ט ע.

נישט וואָהר?.. און קוים שטעהט מען מיט אַזעלכע אַזוי נאָהנט, מוז מען זעהר פאָרזיכטיג זיין, דאָס איז ווי סמי וועלכעס דרינגט טיעף אין בלוט אַריין... ווייסט דער שוואָגער וואָס? ניין, עס איז מיר טאַקע זעהר לייד, אָבער די געפאַהר פאַר די פאַמיליע... איך דאַרף אויף גאָרנישט קוקען און דאָך עס דעם שווער זאָגען... כדי עס זאָל צייט זיין פון שלעכטען זיך אָבצוהיטען... וואָרום די געפאַהר איז נאָהנט. *זי קוקט אויפ׳ן שוואָגער, וועלכער איז גאַנץ גלייכגילטיג.* איז דער שוואָגער גאָרנישט נייגעריג?

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

דאָך, וואָס אַזעלכעס?

ט אַ נ ט ע.

זאָל עס דער שוואָגער ערפאַהרען... זיין טאָכטער זאָשע,

פון דעם הויז גרויסגליק'ס, שטעהט אין נאָהנטע פערבינדונג מיט איינעם פון זיי. ווייזט אויף לעאָנ'ס טהיר.

ה' גרויסגליק

גלייכגילטיג.

מיט זיי.

טאַנטע.

מיט זיי, פון די פאַמיליע גאָרקעכער'ס, יאַ.

ה' גרויסגליק.

אַזוי, יאָ? אַ טיכטיגער יונגערמאַן, איהר'ס אַ ברודער, פי־לייכט? זייער אַנגענעהם.

טאַנטע.

וואָס? און דער שוואָגער ווערט גאָרנישט ערשטוינט?! ווערט גאָרנישט... ניין... דאָס איז דאָך אונערהערט.

ה' גרויסגליק.

וואָרום דען? איז דאָך זעהר אַנגענעהם, פון אַ הר פאַמיליע... זי איז דאָך זעהר איינע טיכטיגע פרוי... האָט דאָ אין הויז... פאַבריק... וואָרום דען?

טאַנטע.

אָבער זי איז דאָך עטוואָס אַנדערש?

גרויסגליק.

אַ טיכטיגער יונגערמאַן?

טאַנטע.

אַזוי ווייט האַלט עס שוין... אַזוי טיעף זענען שוין די גאָר־קעכער'ס אריין אין דער פאַמיליע, אַז דער שוואָגער פיהלט שוין נישט, וואָס דאָס הייסט, משדך זיין זיך מיט זיי. גוט דערלעבט, גוט דערלעבט... אָ, גרויס־אַטער, גרויספאַטער! קוקט זיך אום און זוכט דאָס בילד פון גרויספאַטער. יאַ, דאָס בילד אויך אַראָבגענומען.

גרויסגליק.

ביי מיר דרינען אין צימער הענגט עס.

טאַנטע.

וואונדערט זיך שוין נישט אפילו דער שוואָגער... נעהמט עס גלייכגילטיג אָן. דאָס זיינע טעכטער פון די פאַמיליע

גרויסגליק... דאָס מאַכט דאָס פרעמדע בלוט, ווען עס קומט אין דער פאַמיליע אַריין... מאַטילדע, מאַטילדע! יאַ, די שוועגערין האָט געדאַרפט פון איהר גרוב אויפצושטעהן און צוזעהן... יאַ, נאָך איינע איז נאָך געבליבען פון די פאַמיליע... מיטע, מיטע, צו די טהיר, וואו מיטע איז. דאָס איז די לעבעדיגע מאַטילדע, די לעבעדיגע מיטע, פאַר איהר וועט איהר פעראַנטוואָרטליך זיין.

ה׳ גרויסגליק.

אָבער מיין טאָכטער האָט זיך דאָך פערשלאָסען פאַר מיר, ווייזט זיך נישט פאַר מיר...

טאַנטע.

זי האָט רעכט... דאָס איז שוין נישט מעהר גרויסגליק׳ס הויז, דאָס איז די גאָרקעכער׳ס הויז. אַב, ה׳ גרויסגליק דרעהט זיך אליין איבער׳ן צימער ארום, בעקוקט די בילדלעך, די לעמפלעך, קרעכצט אַב. אַ לענגערע פויזע. פון מאמא׳ס צימער קומט ארויס דער גאָרקעכער, פאַטשט זיך אַב די הענד, מאַכט זיך אַב דעם ראָק, דער־זעהט דעם ה׳ גרויסגליק.

גאָרקעכער.

אַך, מחותן, האָט מען אייך אויפגערוימט אַ קאַבינעט׳ל—אַ פערגעניגען אַריינצוגעהן! נו, וואָס פאַר אַרבייט געווען, איהר ווילט עס זעהן... וויל אויפעפענען די טהיר. אָט גיט נאָר אַ קוק.

ה׳ גרויסגליק.

ניין... ניין... איך דאַנק... עפענט נישט... ער דערנעהנטערט זיך צום גאָרקעכער. האָבען זי נאָר נישט דריגען בעמערקט... גאָרנישט?

גאָרקעכער.

גאָרנישט.

ה׳ גרויסגליק.

אַ וואונדער... עטוואָס אַזעלכעס, נאַ! וועלכעס... אַ שאָטען אויף דער וואַנד... עהנליך צו איינער פרוי... אָבער די פרוי האָבען זי נישט געזעהן... נישט וואָהר?

גאָרקעכער.

אַה, איהר מיינט דאָס, וואָס די דיענסט האָט פערציילט... ניין, גאָרנישט... קיין שאָטען... איבערגערוקט די שענק... דעם שרייבשטיש גלייכגעשטעלט... נישט'ס בעמערקט... און אַ פרוי אודאי נישטאָ.

ה' גרויסגליק.

אַזוי... אָבער דאָך... אַ שאָטען האָט געמוזט זיין... איך ווייס עס.

גאָרקעכער.

ביז יעצט אַליין דערינגען געווען. ראָזע איז דרינען, ביי אונזער איידעם... גלייך געשטעלט, אַלעס... די סוחרים קומען היינט... האָב גאָרנישט בעמערקט.

ה' גרויסגליק.

וואונדערליך. און האָבען זי פילייכט אַזוי ווי טריט געהערט, אויף און אָבגעהן, דאָך קיין מענש האָבען זי נישט געזעהן, נישט וואָהר

גאָרקעכער.

אוי, לאָז דער מחותן זיך די זאכען פון קאָפּ אַרויסשלאָגען. איך שרעק מיך נישט פאַר די זאַכען, בין אַליין אַ חברה־קדישא-מאַן... און אויף די אַלע זאַכען האָב איך אַן־עצה... קוקט זיך אום צו קיינער געהט נישט. זעהט דער מחותן, ווען מיר האָבען נאָך דריבער די שענק געהאַט... האָב איך, מחותן, די געוואָהנהיינט געהאַט אין אַ בעזונדער שענקעלע אַ קליין ביסעלע משקה בעהאַלטען. נישט צום פערקויפען, פאַר מיר, און ווען עס איז מיר אַזוי געווען, ווי דער מחותן פערצעהלט יעצט... פאַסקודנע אויפ'ן הארצען... פלעג איך אַ לעק נעהמען. נישט פאַר שיכּרות, חלילה, אַלע שוסטערס געהען באָרפוס... אַלע שענקער'ס זענען קיינע פיאַקעס נישט, נאָר גלאַט אַזוי, די מרה־שחורה פון זיך צו פערטרייבען. דאָס איז אַ גוטע רפואה, איך ווייס עס מחותן...

ה גרויסגליק.

אָבער האָט איהר גאָרנישט בעמערקט, אַזוי ווי עפּעס אַ שאָרך מיט אַ לאַנגען קלייד איבער דער פּאָדלאָגע?...

גאָרקעכער.

דער מחותן איז זעהר פערמרה־שחורה'עט, זאָל מיך דער מחותן פאָלגען. *ער נעהמט ארויס פון קרעדענץ משקה מיט גלעזליך.* לאָז דער מחותן אַ ביסעל שנאַפּס נעמען... דערוואַרעמען זיך... וועט באַלד די מרה־שחורה אַוועקגעהן. *גיסט זיך אן אַ גלעזיל.* צום געזונד!

גרויסגליק.

בעקוקט דאָס גלעזיל.

איך דאַנקע... אָבער ווירקליך נישט געזעהן, בעמערקט? *ער טרינקט, ווישט זיך אָב די ליפּען.* ניכטס בעמערקט?

גאָרקעכער.

ניין מחותן, מיט אַנ'אמת, גאָרנישט.

ה' גרויסגליק.

וואונדערליך. ערלויב... *ווינקט צו איהם, ער זאָל זיך אויך זעצען ביים טיש און גיסט איהם אָן אַ גלעזיל.* נישט קיין שלעכטער... אָבער וואונדערליך?

גאָרקעכער.

ווצלכער זעצט זיך ביים טיש אַ ביסעל פון דערווייטענס, מיט פאָרזיכטיקייט.

זעהט דער מחותן, איך פערשטעה עס: איינער אַליין, מען לעבט אזוי, אָהן אַ ווייב. מיין אַלטע ווי זי איז; לחיים, לחיים! *טרינקט.* ווי זי איז, אָבער דאָך אויף דער עלטער... איך פערשטעה עס. לאָז דער מחותן נאָך אַ ביסעל נעהמען אפשר עפּעס צו צובייסען. *ער זוכט אין קרעדענס.* אַ וואויל שטיקעל לעקעך, לאָז דער מחותן נעהמען.

ה' גרויסגליק.

איך דאַנק. *עסט.* זעהסט דו, דו האָסט רעכט. זיצט איינער אַליין... טעכטער יעדע בעזונדער, זיצט איינע דרינען. *ווייזט אויף מיטע'ס טהיר.* זי איז בייז אויף מיר... אין איהר מוטער געראָטען... ווייזט זיך נישט פאַר מיר... רעדט נישט מיט מיר... געהט דורך איבער די שטוב, קאַלט, און דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען... איינגעשלאָפען אַזוי אין זיך... קיינעם נישט צולאָזען צו זיך... קיינעם נישט זאָגען פון זיך... און דאָ נישט קיינעם... יעדען זיין וועלט, זיין צימער... איהר זענט גו־

טע מענשען... איהר זענט אינאיינעם... אזוי צוזאמען...
דאָס איז גוט... זעהר גוט... איהר זענט גוטע מענשען....

גאָרקעכער

א ביסעל בעטרונקען, מעהר דרייסטער.

איך וועל דעם מחותן אָפּען זאָגען, מיר זענען פּראָסטע מענשען, אָט אזוי זענען מיר. איך ווייס, איהר זענט פּאַניע גרויסגליק, איהר דאַרפט נישט צו זיצען מיט מיר ביי איין טיש. אָט ווי איך דאַרף שטעהן פאַר אייך! שטעלט זיך אויף און שטעלט זיך די האַנד צום שטערן, גריסט מיליטעריש. אזוי דאַרף איך צו שטעהן פאַר אייך. איהר זענט דאָך פּאַני גרויס-גליק, און איך בין נאָר דוד גאָרקעכער

ה' גרויסגליק.

ניין... ניין... נעהמט איהם אראָב די האַנד פון שטערען. איהר זענט גוטע מענשען... גוטע מענשען... אינאיינעם זיין... אַלע, אינאיינעם זיין... אַלע... זעץ דיך... טרינק... גיסט אים א גלעזיל.

גאָרקעכער

צופרידען, טרעהרען ווייזען זיך איהם אין די אויגען.

פּאַניע גרויסגליק... ניין... איך דאַרף דאָ נישט זיצען נעבען אייך... איך ווייס, ווער איר זענט... איך האָב ביי אייך די טישען סערווירט... ביי אייער פאָטער, עליו השלום, אויף אייער חתונה... איך ווייס, ווער די גרויסגליק'ס זענען... לאָזט מיך אייך קושען, פּאַניע גרויסגליק... איהר דאַרפט נישט מיט מיר דאָ צו זיצען און צו טרינקען פאַן בראָט, איהר זענט די גרויסגליק'ס. וויל איהם די האַנד קושען.

ה' גרויסגליק

ציהט אָב פון איהם די האַנד.

ניין... מחותן... ניין... איהר זענט גוטע מענשען... בראווע מענשען... הארציגע מענשען... אוועק די גרויסגליי'קס! שלעכטע מענשען... אַלע אינאיינעם זיין... אַלע... אזוי... עס קומט אריין צוליפּען זאָשקע אין יום-טוב'דיקען אָנגעטהון, לויפט צו מיט פרייד צום פאָטער.

גאָרקעכער
שטעלט זיך אויף.
דאָס פריילין גרויסגליק. פערנייגט זיך.
זאָשע.
פּאַפּאַ, דער פּאַפּאַ ווייסט? איך ווער הײנט פערלויבט...
ה׳ גרויסגליק.
נעהמט זי ארום.
איך ווייס, טאָכטער... ווייזט אויף דוד׳ן. מיט זיי... גוט, טאָכטער... גוטע מענשען...
דוד גאָרקעכער
כאפּט זיך אויף פערוואונדערט.
יוער? וואָס?
ה׳ גרויסגליק.
נישט מורא... גוט... איך ווייס... מיט איינעם פון אייך... גאַנץ גוט... גוטע מענשען... אַלע אינאיינעם זיין... גוטע מענשען...
זאָשע.
איז דער פּאַפּע איינשטימיג? אַזוי, ווי גליקליך איך בין! קושט דעם פאָטער. נישט וואָהר, ווער גוט זיין... מיר וועלען זיין אַלע אינאיינעם... אַך, פּאַפּאַ! דערזעהט אין טהיר ליב׳ן מיט בער׳ן, וועלכע קומען ביידע אריין אַנגעטהאַן יום־טובדיג, אויסגעקעמט און אויסגעצירט. ליב זעהר פאַרזיכטיג, מיט מורא געפיהרט דורך בער׳ן. אַ, ליב, ליב, קום אַריין, און דער פּאַפּאַ ווייסט שוין דער־פון... און דער פּאַפּאַ בעשטעהט... קום אַהער, קום אַהער... לויפט צו צו די טהיר, כאַפּט אָן ליב׳ן ביי דער האַנד און פיהרט איהם צו צום פאָטער. זעהסט, פּאַפּאַ, דאָס איז מיין ברויטיגאַם.
בער
געהט אויך צו, אַ ביסעל פון דערווייטענס מיט רעספּעקט, מיליטעריש.
איך דער קוזין.
ליב
בלאַס, ציטערט, שטאַמעלט.
איך בין גאָרנישט שולדיג... זי, וויל... ווייזט אויף זאָשען. איך בין גאָרנישט שולדיג...

פאפא.

שאדט נישט... נישט קיין מורא. בעקוקט איהם. גוט... גאנץ גוט... בעקוקט איהם פון קאפ ביז פיס. שענער יונגע... קומסט אין דער פאמיליע אריין... שאדט נישט... גיט איהם די האנד. זעץ דיך.

זאשע

זעהסט... און פאפא בעשטעהט... נישט וואהר? האב נישט קיין מורא, ליב, וועסט זעהן, אלע וועלען זיך פרעהען, זעץ דיך.

בער

צו ליב'ן, לערנט איהם.

זעץ דיך, אז מען האט דיך געהייסען. זעצט איהם אנידער.

זאשע

צו בער'ן.

זעטצען זי זיך אויך, בער.

בער

פערנייגט זיך זעלנער־ארטיג.

דאנק. זעצט זיך.

דוד

אויפגערוימט צו ליב'ן.

אזוי, ברודער, קריכסט אריין אין פאמיליע גרויסגליק'ס... מוזט דאך וויסען, ווי זיך צו האלטען, ליב; דו ווייסט, ווער עס איז דאס אזעלכעס די גרויסגליק'ס? אונז האט עס אבגע־קאסט טויזענדער, איידער מען איז אין די פאמיליע אריינ־געקומען... און דו אזוי, אהן א גראשען—קריכסט דו אין דעם שמאלץ־גרוב... האלט דיך, ברודער... דו ווייסט, ווער עס איז אזעלכעס די גרויסגליק'ס? דו ווייסט?

בער

שאקעלט צו מיט'ן קאפ צו ליב'ן.

הער, וואס מען זאגט דיר, הער...

ה' גרויסגליק

נישט... נישט... וועט שוין גוט זיין, בין צופריעדען... זעהר

צופריעדען... אַ טיכטיגער יונג... זענען טיכטיגע מענשען.
ווייזט אויף דוד'ן. אַלע אינאיינעם. צו דוד'ן. גיס איהם אָן אַ גלעזיל.

ד ו ד

גיסט איהם אָן אַ גלעזיל.

טרינק, ליב, לחיים, נאָר זיי אַ מענש, קען דיר גוט זיין.

ב ע ר.

הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרען!

ז אָ ש ע.

מיר וועלן זיך דינגען די גאָרקיך, וואָס איהר האָט געהאַט דריבען, און מיר וועלען זיך אליין מאַכן אַ שענק, ס'וואָהר, ליב?

ל י ב

נעהמט דאָס כּוס אין האַנד אריין, וויל זאָגען לחיים, האַלט'ן לאַנג אין האַנד און וואַגט זיך נישט.

ב ע ר

שטופּט איהם.

זאָג לחיים.

ל י ב

שטאַמעלט.

לחיים.

ה' ג ר ו י ס ג ל י ק.

צום וואָהל, יונגער מענש! די טהיר עפענט זיך, עס קומט אריין די מוטער.

ד י מ ו ט ע ר.

מיינע שונאים, וואָס זעה איך? איהר דאָ מיט'ן מחותּן ה' גרויסגליק? ראָזע...

ג אָ ר ק ע כ ע ר.

קום אַהער, אַלטע, קום אַהער, דערכאַפּ דיר אויך דאָס האַרץ.

ה' ג ר ו י ס ג ל י ק.

יאָ, ביטען זי, מחותּנת'טע, קומען זי אויך צום טיש.

די מוטער

צו גאַרקעכער, ווייזענדיג אויפ'ן ה' גרויסגליק.

מען מעג שוין זיצען מיט'ן מחותן?

גאַרקעכער.

מען מעג שוין.

די מוטער קומט צו.

ה' גרויסגליק

גיסט איהר אָן א גלעזיל.

ביטע.

די מוטער

מחותן, איך בעט איבער ה' גרויסגליק, אז מיר האָבען דערלעבט, אז גאָט האָט אונז געהאָלפען, אז מיר זאָלען זיך מיט די גרויס־גליק'ס משדך זיין—מחותן ה' גרויסגליק. וויינט. אז גאָט האָט אונז געהאָלפען אזא נחת, אזא גליק—טרינקט מיט'ן מחותן

די טהיר עפענט זיך, עס קומט אריין ראָזע.

ראָזע

וועלכע בלייבט שטעהן פון דערווייטענס מיט שרעק.

וואָס טוט זיך דאָ אזעלכעס?

זאָשע

דערזעהט זי, כאַפּט זיך אויף.

אַה, זעהסט דו, ראָזע!

ליב

כאַפּט זיך אויף מיט שרעק.

איך בין גאָרנישט שולדיג, זי. ווייזט אויף זאָשקען. כ'בין גאָר־נישט שולדיג.

ה' גרויסגליק.

בלייבענדיג זיצען, צו ראָזען. זעץ דיך, טאָכטער... דאָ אהער מיט. אונז. גיסט איהר אָן א גלעזיל. טרינק, אלע אינאיינעם זיין... אלע... גוטע מענשען...

זאָשע.

מיט פרייד.

און פאַפּאַ בעשטעהט אויפ'ן שידוך...

בער.

און איך... און ליב... ראָזע קוקט איהם אָן, האַקט ער איין פיס'ל, פערליערענדיג דאָס לשון.

ל י ב.

מ'ט אַ אויסגעשטרעקטע האַנד האַלט אין איין ציינגען אויף זאַשען.

זי.

ד אָ ז ע.

ווערט בלייך, פערליערט זיך אָבער נאָר א"ן סעקונדע.

מאַמע, מאַמע. נעהמט דעם פּאָטער, וועלכער איז שיכּור'ליך און גיט די מוטער אין האַנד אריין: נאַ, פיהר דעם טאַטען אין קיך אַריין. צו די יונגען. אַהיים! די מינוט אַהיים!

ל י ב

זייזט נאָך איין מינוט אויף זאַשען.

זי.

ג ר ו י ס ג ל י ק.

אָבער, טאַכטער, בלייבען... זאָל בלייבען... אַ טיכטיגער יונג.

ד אָ ז ע.

צו די יונגען, וועלכע שטעהען נאָך.

אַהיים. טאַפּעט מיט'ן פוס. די מינוט!

ב ע ר.

פיהרט אָב ליב'ן.

אַז מען זאָגט געהן, — געה, ברודער. געהט אָב נאָך ליב'ן מיט זעלנערישע טריט.

מ ו ט ע ר.

די מוטער פיהרט אָב דעם פּאָטער, וועלכער איז אַ ביסעל שיכּור, צ'ין קיך אריין, זי שטופּט איהם נאָך.

צרות האָב איך פון דיר.

ז אָ ש ע

פאַלט צו צום פּאָטער מיט אַ געוויין.

פּאַפּאַ!

ה' ג ר ו י ס ג ל י ק.

אָבער, טאָכטער, בלייבען. שרייט. בלייבן! אַלע אינאיינעם זיין! אַלע!

ר אָ ז ע.

צום אַלטען

אָבער שווער, ה' גרויסגליק, פּאַסט עס פאַר'ן ה' גרויסגליק

צו זיצען דאָ אינאײנעם מיט זײ און צו טרינקען אינאײ־נעם... הער גרויסגליק! איהר פערגעסט, װער איהר זענט!

לעאָן.

מײוט זיך אין טהיר.

װאָס איז דאָס אַזעלכעס?

ראָזע.

גאָרנישט, נישט דײן געשעפט, לאָז מיך אַלײן בעזאָרגען.

שטופּט איהם אָב אין טהיר און פערשליסט הינטער איהם די טהיר...

ה׳ גרויסגליק.

שוין אויס גרויסגליק... אויס... אויס... אַלע זײן אינאײנעם... לאָז, טאָכטער... שוין... שוין... אינאײנעם...

ראָזע.

נײן, נישט אויס גרויסגליק... איך האָב חתונה געהאַט פאַר די גרויסגליק׳ס... פאַר די גרויסגליקס האָב איך מײן גאַנץ פערמעגען צוזאַמענגענומען, נישט געשלאָ־פען, נישט דערעסען... יעדערן מײן קישען אַװעקגע־געבען פון אונטער מײן קאָפּ, יעדען מײן טעלער פון מויל אַװעקגעגעבען, געזאַמעלט אַ גראָשען צו אַ גראָשען... אַז איך זאָל מיט די גרויסגליק׳ס חתונה האָבען... איהר געהט און שענקט דאָס אַלעס אַװעק... אָ, נײן... איהר שענקט דאָס נישט אַזוי בילִיג אַװעק... טײער קאָסט דער נאָמען... איהר פערשטעהט זיך נישט דערויף. *צו זאָשען.* און זי, פרײלײן גרויסגליק׳ס טאָכטער, נעמט דעם ערשטען בעסטען יונג פון דער גאַס... אָהנע נאָך זײן פאַמיליע צו פרעגען, אָ, שע־מען זי זיך אין װײטען האַלז אַרײן! זי, לעאָנס שװעסטער, מיט אײנעם פון דער גאַס, אָהנע נאָך זײן פאַמיליע צו פרעגען... אָה, אויף דעם האָב איך מיך נישט גערעכט, אויף די גרויסגליק׳ס...

ה׳ גרויסגליק.

אויפגערעגט, שרײט.

אָבער טאָכטער... איך װיל נישט מעהר די גרויסגליק׳ס... נישט דאָ מעהר... געשטאָרבען... מיט זײ... אַלע אינאײנעם... אַלע. *מאַכט מיט די הענד.* אַזוי, אַלע, אַלע, אינאײנעם זײן...

ר אָ ז ע.

אָ, ניין, שווער... די גרויסגליק׳ס זענען נישט געשטאָרבען...
ווידער לעבען... איך האָב פאַר דעם מיין גאַנץ פערמעגענס,
מיין געלד געגעבען, די גרויסגליק׳ס — מיין געלד... דאָס
איז מיין געלד...

ד י ס ו ח ר י ם.

קלאפען אין טהיר.

מען קען?

ר אָ ז ע.

מאכט זיך גלייך די האָר.

ביטע, ביטע. צום שווער. שווער, די סוחרים זענען דאָ. ה׳ גרויס-
גליק וויל זיך אויפהויבען און אוועקגעהן, ראָזע האלט איהם איין. די
סוחרים קומען אריין, פערנייגען זיך. אַ גוטען אָבענד.

ר אָ ז ע.

מאכט א בעוועגונג מיט פאטאס, ווייזט אויף ה׳ גרויסגליק, וועלכער וויל אַוועק-
געהן, קען נישט און קומט אין פערלעגענהייט.

האָבע די עהרע איהנען פאָרצושטעלען דעם שעף פון
אונזער פאַמיליע, דער שעף אונזערס געשעפט, ה׳ גרויס-
גליק. די סוחרים פערנייגען זיך טיעף פאר איהם.

ר אָ ז ע.

אונזער פאַטער, דער שעף, האָט זיין וואונש אויסגעדריקט,
ער וויל מיט איהנען זעלבסט קאָנפערירען.

ד י ס ו ח ר י ם.

פערנייגען זיך.

מיר זענען זעהר געריהרט.

ה׳ ג ר ו י ס ג ל י ק.

אַבער טאָכטער... קוקט זיך פערלעגען אום.

ר אָ ז ע

עפענט די טהיר פון מאמא׳ס צימער.

ביטע אינם קאבינעט. די סוחרים געהען אַב אין קאבינעט, פער-
בייגעדיג זיך.

ר אָ ז ע

ווייזט אויף מאמא׳ס צימער, דער ה׳ גרויסגליק נאָך די סוחרים.

ה׳ גרויסגליק.

אָבער טאָכטער, דרינעך... גערירט. ניין... עס איז דאָך אומ־מעגליך..

ראָזע.

שווער, דאָס געשעפט פערלאַנגט עס. פיהרט אב נאָך די סוחרים דעם אלטען, וועלכער האלט זיך צוריק מיט מורא, אב.

ראָזע

אין טהיר.

איינע סעקונדע, דער יונגער הערר קומט אַזוי גלייך. לויפט צו צו לעאָנ׳ס צימער, עפענט אויף די פערשלאָסענע טהיר. לעאָן, די קויפלייטע זענען דאָ.

לעאָן

קומט ארויס.

וואָס איז דאָ געוועןץ

ראָזע.

שאַ, די קויפלייטע זענען דאָ. פיהרט׳ן צו צום קאבינעט. קום דאָך מיט אַריין.

לעאָן

כאפט זיך צוריק.

איך דרינען, „מאַמאַ׳ס״.

ראָזע.

קינד! שוין אויס מאַמאַ, פאַפאַ איז שוין דרינען. עפענט די טהיר, לעאן דערזעהט די קויפלייטע מיט׳ן פאטער, געהט אריין.

ראָזע

רופט נאָך אין צימער.

טעכטער, וואַנדע, מיטע, ווילט איהר פיעלייכט פאַר די העררן פיאַנאָ שפיעלען. אב נאָך לעאָנ׳ען אין קאבינעט.

מיטע.

קומט ארויס פון איהר צימער געפיהרט דורך וואנדען, זי האלט אויף איהרע הענד פערטריקענטע קרענצען, אסטען פערטריקענטע, שווארצע טרויער־בענדער מיט אויפשריפטען.

וואַנדע.

און הערסט דו שוין נישט מאַמאַ׳ס טריט, שוועסטער?

מ י ט ע.

מאַמאַ האָט זיך אַרויסגעצויגען פון איהר צימער, און קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק... נישט איך הער בייגאַכט איהרע טריט... נישט איך זעה איהר שאָטען אויף די וואַנד בלאַנ־דזשען. מאַמאַ האָט זיך ווייט אַרויסגעצויגען פון דאַנען, און קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק.

וו אַ נ ד ע

וועלכע בעגלייט איהר ביז צום טהיר:

און וואו אהין געהסט דו, שוועסטער?

מ י ט ע.

מאַמאַ זוכען... מאַמאַ זוכען... אַא.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

PRESENTED TO
THE ZIONIST HALL LIBRARY OF
CAPE TOWN
IN MEMORY OF THE LATE
ISRAEL JACOBSON OF MAITLAND.

אינהאַלט:

1. גאָט פון נקמה
2. בונד פון די שוואכע
3. מאָטקע גנב
4. יחוס